STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05558

DI SHTITSEN FUN DER GEZELSHAFT

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Curtis Katz
in memory of
those murdered in the shoah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק איבסען

די שטיצען
פון דער
געזעלשאפט

דראמא אין פיער אקטען.

פערלאג „ארבייטער פריינד".
לאנדאן, מערץ, 1906.

איבערזעצט פון
א. פרומקין.

פערזאנען:

קאָנזול בערניק.
בעטטי, זיין פֿרוי.
אָלאַף, זייער זוהן, 13 יאָהר אַלט.
פֿרייליין בערניק, דעם קאָנזול׳ס שוועסטער.
יאָהאַן טענעסען, מאַדאַם בערניק׳ס אינגערער ברודער.
פֿרייליין העסעל, איהר עלטערע שטיף-שוועסטער.
הילמאַר טענעסען מאַדאַם בערניק׳ס שוועסטער-קינד.
וויצע-פּרעדיגער ראָהרלאַנד.
קויפֿמאַן רומעל.
מאַדאַם רומעל.
פֿרייליין רומעל.
קויפֿמאַן וויגעלאַנד.
קויפֿמאַן אַלטסטעד.
דינאַ דאָרף, אַ מיידעל ביים קאָנזול אין הויז.
פֿערוואַלטער קראַפּ.
שיפּבויער אַולער.
מאַדאַם דאָקטאָר לינגען.
מאַדאַם פּאָסטמייסטער האָלט.
פֿרייליין האָלט.
בירגער פֿון דער שטאָדט, פֿרעמדע מאַטראָזען א.ז.וו.

די האַנדלונג קומט פֿאָר ביי קאָנזול בערניק אין הויז, אין אַ קליינער נאָרוועגישער האַפֿען-שטאָדט.

ערשטער אקט.

גרויסער גאָרטען־זאַאל ביי קאָנזול בערניק אין הויז.

אין פאָדער-גרונד לינקס פיהרט אַ טהיר צום קאָנזול׳ס צימער. אַביסעל ווייטער צוריק אַן עהנליכע טהיר. רעכטס אין מיטען ביהנע אַ גרויסע הויפּט-טהיר. די וואַנד אין הינטער-גרונד איז כמעט אין גאַנצען פון שפיגעל-גלאָז, מיט אַן אָפענער טהיר, וואָס פיהרט אַרויס צו ברייטע גאָרטען-טרעפּ, איבערגעצויגען מיט אַ דעכעל. ביי די טרעפּ זעהט מען אַ טהייל פון גאָרטען, וועלכער איז אַרומגענומען מיט אַ גדר מיט קליינע טהירעלאַך. ביים גדר ציהט זיך אַ גאַס, וועלכע איז אויף דער אַנדער זייט בעבויט מיט קליינע העל-געפאַרבטע הייזער.— ס׳איז אַ וואַרעמער זומער-טאָג. פון צייט צו צייט געהען פערביי איינצעלנע מענשען איבער דער גאַס; מען שטעלט זיך אָב און מען שמועסט; אין אַ קראָם, ביים עק גאַס, ווערט געקויפט און פערקויפט א.ז.וו. אין סאַלאָן אַרום אַ טיש זיצט אַ קאָמפּאַניע פון דאַמען. אין מיטען ביים טיש זיצט מאַדאַם בערניק. לינקס פון איהר מאַדאַם האָלט מיט דער טאָכטער; דערנאָך מאַדאַם רומעל און פרייליין רומעל. רעכטס פון מאַדאַם בערניק זיצען מאַדאַם לינגען, פריילייִן בערניק און דינאַ דאָרף. עטליכע דאַמען פערנעהמען זיך מיט האַנד-אַרבייט. אויף׳ן טיש ליגען גרויסע הויפענס פון האַלב-פאַרטיגע און צוגעשניטענע שטיקער לייווענד, אַזוי ווי אַנדערע קליידונגס-זאַכען. אַביסעל ווייטער צוריק, ביי אַ קליין טישעל, אויף וועלכען עס שטעהען בלומען-טעפּ און אַ גלאָז צוקער-וואַסער, זיצט וויצע-פּרעדיגער ראָהרלאַנד און לייענט פאָר פון אַ בוך מיט גאָלדשניט, אָבער עפּעס אַזוי פאַר זיך, אַז די צושויער הערען נור איינציגע ווערטער. אויף דרויסען אין גאָרטען לויפט אַרום אָלאַף בערניק און שיסט מיט אַ פיילענבויגען אין וואָס פאַר עס איז ציעל.— נאָכדעם ווי ראָהרלאַנד האָט אַ ווײַלע געלייענט, קומט אַריין שיפּ-בויער אַולער דורך דער טהיר רעכטס. די פאָרלעזונג ווערט אויף אַ ווײַלע געשטערט. מאַדאַם בערניק טהוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ צו איהם און וויזט אָן אויף דער טהיר לינקס. אַולער געהט פּאַמעליך

דורך'ן צימער און קלאַפּט אָן שטילערהייט עטליכע מאָל ביים קאָנזול אין טהיר. פּערוואַלטער קראַפּ, מיט'ן הוט אין דער האַנד און פּאַפּירען אונטער'ן אָרים, קומט אַרויס פון צימער.

קראַפּ. אַה, דאָס האָט איהר גאָר געקלאַפּט?

אולער. דער קאָנזול האָט מיך אַהער גערופען.

קראַפּ. נו יאָ; קען אייך אָבער אַצונד ניט אויפנעהמען; האָט מיר געהייסען, אייך זאָ—

אַולער. איהר? כ'וואָלט דאָך ליעבערשט געוואָלט—

קראַפּ. —מיר געהייסען זאָגען אייך, אַז די דאָזיגע שבת'דיגע פּאָרטרעגע פּאַר די אַרבייטער מוזען אויפהערן.

אַולער. אַזוי? כ'האָב געמיינט, אַז איך קען דאָך מיין פרייע צייט בענוצען דערצו, די—

קראַפּ. איהר טאָרט ניט בענוצען אייער פרייע צייט דערויף, צו מאַכען, אַז די לייט זאָלען טויגען צו גאָרנישט אין דער צייט פון דער אַרבייט. פּאַראַכטאָגען שבת האָט איהר גערעדט מכח דעם היזק, וואָס די אַרבייטער וועלען האָבען דורך אונזערע נייע מאַשינען און די נייע אַרבייטס-מעטהאָדע אויף'ן דאָק. פּאַרוואָס טהוט איהר דאָס?

אַולער. דאָס טהו איך, כדי צו שטיצען די געזעלשאַפט!

קראַפּ. פערשטעהט זיך אַזוי! דער קאָנזול זאָגט, אַז דורך דעם וועלע: אַלע שנורען פון דער געזעלשאַפט אויפגעקניפּט ווערן.

אַולער. מיין געזעלשאַפט איז ניט דעם קאָנזול'ס געזעלשאַפט, הערר פערוואַלטער! אַלס פּאָרשטעהער פון דעם אַרבייטער-פעראיין מוז איך—

קראַפּ. ראשית כל זייט איהר „פאָרשטעהער" אויף קאָנזול בערניק'ס דאָק. ראשית כל מוזט איהר ערפילען אייער חוב צו דער געזעלשאַפט, וואָס טראָגט קאָנזול בערניק'ס נאָמען; מחמת פון איהר לעבען מיר אַלע מיטאַנאַנדער.— נאַ, אַצונד ווייסט איהר, וואָס דער קאָנזול האָט אייך געהאַט צו זאָגען.

אַולער. דער קאָנזול וואָלט עס ניט אויף אַזאַ אופן געזאָגט, הערר פערוואַלטער! אָבער איך קען זיך שוין פּאָרשטעלען, וועמען איך האָב צו פערדאַנקען פּאַר דער דאָזיגער לעקציע. ס'איז דער פער-פלוכטער אַמעריקאַנער. אָט די לייט ווילען, מען זאָל דאָ אַרבייטען אויף זייער אופן, און דאָס—

קראַפּ. יאָ יאָ יאָ; אין ווייטע דרכים קען איך זיך מיט אייך ניט אַריינלאָזען. אַצונד ווייסט איהר, הייסט עס, דעם קאָנזול'ס מיינונג; און אַ סוף דערמיט! זייט אַזוי גוט און געהט צוריק צום האַפען; מען דאַרף אייך דאָרט אודאי נייטיג האָבען; איך אַליין קום אויך תיכף אַרונטער.— פערצייהט, מיינע דאַמען! (ער בעגריסט און געהט אַרויס

דורך׳ן גאָרטען אויף דער גאַס. אַולער געהט אַוועק שטילערהייט דורך דער טהיר רעכטס. ראָהרלאַנד, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט לייענען אין דער גאַנצער צייט וואָס דאָ איז מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן געפֿיהרט געוואָרען דער געשפּרעך, ווערט באַלד נאָכדעם פֿאַרטיג מיט זיין געשיכטע און טהוט אַ היבשען קלאַפּ מיט׳ן בוך, בשעת ער מאַכט עס צו.)

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. נאַ, מיינע געעהרטע צוהערערינען, דערמיט איז די געשיכטע געענדיגט.

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. אַך, וואָס פֿאַר אַ בעלעהרענדע ערצעהלונג!

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט. און אַזוי מאָראַליש!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אַזאַ בוך גיט ווירקליך פֿיעל צו דיינקען.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. נו יאָ; ס׳איז פּונקט דער היפּוך פֿון יענע פּראָ-דוקטען, וואָס די צייטונגען און צייט-שריפֿטען גיבען אונז לוידער טאָג פֿאַר טאָג, אָט די פֿערגאָלדעטע און אויסגעפּוצטע דרויסענדיגע זייט, וואָס די גרויסע געזעלשאַפֿט טראָגט לפנים—וואָס ליגט אייגענטליך בעהאַלטען אונטער דעם? הויהלקייט און פֿערפֿוילטקייט! קיין שום מאָראַלישער באָדען אונטער די פֿיס. מיט א י י ן וואָרט—דאָס זיינען אָבגעקאַלכטע קברים; אָט די מאָדערנע גרויסע געזעלשאַפֿט.

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט. זעהר ריכטיג!

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. ס׳איז דאָך גענוג אַ קוק צו טהאָן אויף די דאָזיגע אַמעריקאַנישע מאַטראָזען, וועלכע האַלטען זיך דאָ איצט אויף.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. נו, וועגען אַזאַ מין אָבשוים פֿון דער מענשהייט וויל איך שוין גאָרניט ריידען. אָבער די העכערע קרייזען אפילו—ווי זעהט עס ביי זיי אויס? אומעטום צווייפֿעל און יוירענדע אונרוהיגקייט; אונצופֿריעדענהייט אין די הערצער, אונזיכערקייט אין אַלע פֿערהעלט-ניסען. ווי אונטערגעגראָבען דאָס פֿאַמיליענלעבען איז דאָרט אַביסעל! וואָס פֿאַר פֿרעכע צושטערענדע תאוות עס דריקען זיך דאָרט אויס זאָגאַר געגען די הייליגסטע וואַהרהייטען!

ד י נ אַ (ניט אומקוקענדיג זיך). אָבער טרעפֿען דאָרט גאָרניט קיין גרויסע און שעהנע זאַכע?

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. גרויסע און שעהנע—?! כ׳פֿערשטעה ניט—

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט (ערשטוינט). אָבער, מיין גאָט, דינאַ—!

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל (אין דערזעלבער צייט). אָבער דינאַ, ווי קומסט דו גאָר—!

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. כ׳גלויב ניט, אַז עס וואָלט געווען גוט פֿאַר אונז, ווען אָט ד י „גרויסע און שעהנע״ זאַכען וואָלטען געפֿונען ביי אונז אַן אָבקלאַנג. ניין, מיר מעגען דאַנקען און לויבען גאָט דערפֿאַר, וואָס ביי אונז איז אַ ז ו י, ווי עס איז איצט. ס׳איז אמת, אַז אויך דאָ צוא-

וואַקסט זיך געגוג קראָפּעווע אונטער די ווייץ; אָבער דאָס זוכען מיר דאָך מיט אַלע כחות אויסצוקראַניען, ס'געהט אין דעם, מיינע דאַמען, צו האַלטען ריין די געזעלשאַפט—דערווייטערן פון זיך אַלדאָס אויפריהרישע, וואָס אַ הייסע, קאָכיגע צייט קען נאָך אָנשיקען אויף אונז.

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט. און דערפון איז ליידער דאָ איבער און איבער גענוג.

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. יאָ, פאַר אַ יאָהרען האָט געפעהלט אַ האָר, וואָלטען מיר איבערגעקראָגען אָהער די אייזענבאַהן.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. נו, דאָס האָט דאָך בערניק ניט דערלאָזען דערצו.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. די השגחה, מאַדאַם בערניק! זייט זיכער, אייער מאַן איז בלויז געווען אַ ווערקצייג ביי אַ העכערן אין דער האַנד, בעת ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו שטיצען די אונטערנעהמונג.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. און דאָך האָט ער געמוזט הערען אַזויפיעל אונאַנגענעהמע זאַכען וועגען זיך אין די צייטונגען. נאָר—מיר האָבען גאָר פערגעסען אייך צו דאַנקען, הערר וויצע-פרעדיגער. ס'איזווירקליך מעהר איידער פריינדליך פון אייך, וואָס איהר אָפּפערט אַזוי פיעל צייט פאַר אונז.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. וואָס רעדט איהר—איצט אין דער וואַקאַנס-צייט—

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. יאָ יאָ, ס'איז פאָרט אַן אָפּפער, הערר וויצע-פריידיגער.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד (רוקט צו זיין שטוהל נעהנטער). רעדט גאָרנישט דערפון, בעסטע מאַדאַם בערניק. ברייגגט איהר דען אַלע ניט אַן אָפּ-פער צוליעב אַ גוטער זאַך? און ברייגגט איהר עס דען ניט גערן און מיט פרייד? אָט די מאָראַליש פערדאָרבענע, פאַר וועמעס בעסערונג מיר אַרבייטען, דאַרפען אין אַ געוויסען זינן בעטראַכט ווערן אַזוי ווי סאָלדאַטען וואָס זיינען פערוואונדעט געוואָרען אויף'ן שלאַכט-פעלד. איהר, מיינע דאַמען, זייט די מאָנאַשקעס, די באַרמהערציגע שוועסטער, וואָס צופען אָן די שאַרפּי, די בינטלאַך פעדים פאַר די אונגליקליכע געראַניעטע, וואָס פערבינדען זאַנפט די וואונדען זייערע, פּפלעגען און היילען זיי—

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. ס'מוז זיין אַ גרויסע מתנה פון גאָט צו קענען אַלצדינג זעהן אין אַזאַ שעהנעם ליכט.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. פיעל דערפון ליגט אמת ביי אונז אין דער נאַטור פון אונזער געבוירענס-טאָג אָן, אָבער מאַנכעס קענען מיר זיך אויך דער-נאָך איינשאַפען. ס'האַנדעלט זיך נור צו קוקען אויף די זאַכען מיט די אויגען פון אַן ערנסטער לעבענס-אויפגאַבע... יאָ, וואָס זאָגט איהר

דערצו, פֿרייליין בערניק? געפֿינט איהר ניט, אַז איהר שטעהט אויך פֿעסטער אויף די פֿיס, זינט איהר האָט זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען דער שולע?

פֿרייליין בערניק. אַך, כ׳ווייס ניט, וואָס איך זאָל אייך זאָגען. אָפֿטמאָל, בשעת איך געה אין שולע, וואָלט זיך מיר עפּעס געוואָלט זיין ווייט אַוועק פֿון דאַנעט אויף׳ן ווילדען ים.

ראָהרלאַנד. יאָ, זעהט איהר, דאָס זיינען די אָנשיקענישען, די פֿינסטערע געדאַנקען, ליעב פֿרייליין. אָבער אַזעלכע אונרוהיגע געסט מוז מען ווייזען די טהיר... דער ווילדער ים—דאָס מיינט איהר דאָך, פֿערשטעהט זיך, ניט ווערטליך; איהר מיינט יענע גרויסע רוישענדע געזעלשאַפֿט, אין וועלכער מעהר ווי איינער געהט צו גרונד. און איהר בײנקט טאַקי ווירקליך אַזוי שטאַרק נאָך׳ן לעבען, וועמעס רויש און קאָכעניש איהר הערט דאָ אויף דרויסען? גיט נור אַ קוק אויף דער גאַס. אָן געהען די מענשען אַרום אין דער היץ און שוויצען און פּלאַגען זיך מיט זייערע קליינטשינקע זאָרגען. ניין, כ׳לעבען, איז דאָך אונז ווירקליך בעסער,—מיר, וואָס מיר זיצען זיך דאָ אין דעם קיהלען צימער און קעהרען זיך אָב מיט׳ן רוקען צו דער זייט, פֿון וואַנעט די שטערונג קומט.

פֿרייליין בערניק. יאָ, דאָ זייט איהר פֿאָלקאָם גערעכט—

ראָהרלאַנד. און אין אַ הויז ווי דאָס דאָזיגע,—אין אַזאַ גוטער, בעקוועמער היים, וואו דאָס פֿאַמיליען-לעבען פֿיהרט זיך אַזוי שעהן, אַז שעהנער קען שוין גאָרניט זיין,—וואו ס׳הערשען שלום און אחדות——(צו מאַדאַם בערניק.) צו וואָס הערט איהר זיך דאָרט צו, גנעדיגע פֿרוי?

מאַדאַם בערניק (אָנגעבויגען צו דער פֿאָדערשטער טהיר לינקס). ווי הויך זיי ריירען דאָס אַביסעל דאָ אינעווייניג!

ראָהרלאַנד. געהט עס אין עפּעס בעזונדערס?

מאַדאַם בערניק. איך ווייס ניט. כ׳הער נור, אַז אימיצער איז דאָ אינעווייניג ביי מיין מאַן.

הילמאַר טענעסען קומט אַרויס מיט דעם ציגאַר אין מויל דורך דער טהיר רעכטס, דערזעהענדיג אָבער אַזוי פֿיעל דאַמען, בלייבט ער שטעהן.

הילמאַר. אָה, כ׳בעט פֿערצייהונג—(וויל צוריקגעהן.)

מאַדאַם בערניק. ניין, הילמאַר, קום צו נעהנטער, דו שטערסט אונז ניט. האָסט עפּעס געוואָלט?

הילמאַר. ניין... כ׳האָב נור געוואָלט זיך אומקוקען אַביסעל.—גוטען מאָרגען, מיינע דאַמען. (צו מאַדאַם בערניק.) נו, וואָס וועט ווערן דערפֿון?

מאַדאַם בערניק. פֿון וואָס?

הילמאַר. בערניק האָט דאָך צונויפֿגערופֿען אַ קליינע געהיימע אסיפה׳לע.

מאַדאַם בערניק. אַזוי? וואָס איז אייגענטליך פֿאַר אַ נייעס?

הילמאַר. אַך, ווידער אַמאָל דער דאָזיגער אייזענבאַהן-שווינדעל.

מאַדאַם רומעל. ניין, איז דאָס מעגליך!

מאַדאַם בערניק, דער אָרעמער ריכאַרד,—אָט אפנים, ער האָט נאָך ווייניג אונאַנגעהמליכקייטען געהאַט—

ראָהרלאַנד. אָבער ווי געשיקט זיך דאָס הערר טענעסען? קאָנזול בערניק האָט דאָך פֿאָריגעס יאָהר אַזוי בעשייגפערליך געלאָזט וויסען, אַז ער וויל קיין אייזענבאַהן ניט האָבען...

הילמאַר. נו יאָ, אָבער קראָפּ האָט מיר נאָר וואָס דערצעהלט, אַז די אייזענבאַהן-געשיכטע איז ווידער אַרויפֿגעלייגט געוואָרען אויף׳ן טיש און בערניק האַלט אַ קאָנפֿערענץ מיט דריי פֿינאַנץ מענער פֿון דער שטאָדט.

מאַדאַם רומעל. מיר האָט זיך טאַקי געדוכט, אַזוז ווי איך וואָלט געהערט מיין מאַן׳ס קול אינעווייניג.

הילמאַר. פֿערשטעהט זיך, הערר רומעל איז דערביי,—אויך קויפֿמאַן אַטלסטעדט און רייגעקע וויגעלאַנד—אָדער ווימען רופֿט איהם, „הייליגער רייגעקע.״

ראָהרלאַנד. הם—

הילמאַר. כ׳בעט פֿערצייהונג, הערר וויצע פרוידיגער.

מאַדאַם בערניק. און ס׳איז געוועזען דאָ אַזוי רוהיג און פֿריעדליך—

הילמאַר. נו, איך פֿון מיין זייט וואָלט כ׳לעבען גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, זיי זאָלען זיך ווידער רייסען פֿאַר די האָר וועגען דער אייזענבאַהן. וואָלט מען לכל הפחות געהאַט אַביסעל צושטרייאונג.

ראָהרלאַנד. אָה, אַזעלכע צושטרייאונגען, דוכט מיר, וואָלט מען געמעגט מוחל זיין.

הילמאַר. ס׳וועגדט זיך ווי מען איז אָרגאַניזירט. געוויסע נאַטורען מוזען פֿון צייט צו צייט האָבען אויפֿרעגענדע קעמפּפֿע. אָבער אַזוי וואָס קען דאָס קליינשטעדטישע לעבען ניט אָנבאָטען, און ניט יעדער איינער קען—(בלעטערט אין דעם „וויצע-פרעדיגער׳כ בוך.) „דאָס ביינטע קאַפּיטעל: די פֿרוי אַלס דיענערין פֿון דער געזעלשאַפֿט.״ נאַ, וואָס איז דאָס פֿאָרט פֿאַר אַ מין שמאַטע?

מאַדאַם בערניק. גאָט, הילמאַר, אַזוי רעדט מען ניט. דו האָסט אודאי ניט געלייענט דאָס בוך.

הילמאַר. ניין, גאָט צו דאַנקען ניט.

מאַדאַם בערניק. דו ביסט עפּעס היינט ניט מיט אַלעמען.

הילמאַר. דאָס בין איך ווירקליך ניט.

מאַדאַם בערניק. האָסט אפשר היינט ביינאַכט ניט גוט גע-שלאָפֿען?

הילמאַר. ניין, כ׳האָב זעהר שלעכט געשלאָפֿען, מחמת מיין קראַנקהייט האָב איך נעכטען אָוענד געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר. דערנאָך האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אין קלוב און איבערגעליינעט אַ בעשרייבונג מכח אַ רייזע צום נאָרד-פּאָל. ס׳ליגט עפּעס קרעפּטיגענדעס דעריין, מיטצוגעהן מיט דעם מענשען אין זיין שטרייט מיט דער נאַטור.

מאַדאַם רומעל. אָבער דאָס האָט אייך אודאי ניט פּאַליובעט, הערר טענעסען?

הילמאַר. איהר האָט געטראָפֿען, מאַדאַם רומעל: די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אַרומגעוואָרפֿען אין דרומעל אַהין און אַהער און מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז איך ווער געיאָגט פֿון אַ מיאוס׳ער ים-קוה.

אָלאַף (וועלכער איז אַרויף אויף די גאָרטען-טרעפּ.) וואָס? אַ ים-קוה האָט זיך געיאָגט נאָך דיר, פֿעטער?

הילמאַר. אַזוי האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, דו בהמה דו! אָבער זאָג מיר נאָר, דו שפּיעלסט זיך נאָך אַלץ מיט אָט דעם לעכערליכען פּיילענבויגען? פֿאַרוואָס נעהמסט דו ניט בעסער קיין ריכטיגען ביקס אין דער האַנד?

אָלאַף. יאָ, איך וואָלט עס גערן געטהאָן, נאָר—

הילמאַר. ווייל אַ ביקס, פֿערשטעהסט דו מיך—דאָס האָט דאָך אַ זינן. ס׳ליגט אימער אַביסעל נערוועז-שפּאַנונג אין דעם, בשעת מען וויל אויסשיסען.

אָלאַף. און דאַן וואָלט איך געקענט שיסען בערען, פֿעטער. אָבער דער פּאַפּאַ לאָזט ניט.

מאַדאַם בערניק. דו דאַרפֿסט איהם ווירקליך ניט אַריינקלאַפּען אַזוי וואָס אין קאָפּ, הילמאַר.

הילמאַר. הם,—יאָ, אָט דאָס הייסט אַביסעל אַ דור, וואָס מען ערציהט אַצונד! מען האַלט רק אין איין פּלאַפּלען פֿון טהאָן און האַנד-לען—זאָל גאָט אָבהיטען!— נאָך אַלעמען איז דאָס אין גאַנצען ניט מעהר ווי אַ שפּיעלעריי; וואו קריגט מען איהם נאָך אַצונד, יענעם נאַטירליכען מוטה, וואָס קען קוקען מיט דרייסטקייט דער געפֿאַהר אין די אויגען?— צילעווע ניט אַזוי מיט׳ן בויגען אויף מיר, דו גאַרישער בחור דו; ער קען נאָך אויסשיסען.

אָלאַף. וואָס רעדסטו דו, פֿעטער? ס׳איז דאָך ניטאָ קיין פּייל אין איהם!

הילמאַר. פֿון וואַנעט ווייסט דו עס? ס׳קען זיך גראָד געפֿינען איינער דאָרט. נעהם איהם צו, זאָג איך דיר!... פֿאַרוואָס צו׳ן אַלדי רוחות ביסט דו קיינמאָל ניט אַריבערגעפֿאָהרען קיין אַמעריקאַ אויף

איינעם פֿון דיין טאַטענס שיפֿען ? דאָרט וואָלסט דו געקענט זעהן אַ יאַגד פֿון בופֿלאַקסען אָדער אַ געפֿעכט מיט די רויטע אינדיאַנער.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער הילמאַר—

אָ ל א ף. יאָ, כ׳וואָלט עס גערן געוואָלט, פֿעטער. און דאַן וואָלט איך אפשר געקענט טרעפֿען דאָרט דעם פֿעטער יאָהאַן און די מוהמע לאָנאַ.

ה י ל מ אַ ר. הם—; נאַ, גענוג דיר צו פלאַפלען!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אַצונד קענסט דו צוריקגעהן אין גאָרטען, אָלאַף.

אָ ל אַ ף. מאַמאַ, מעג איך אויך אַרויסגעהן אַביסעל אויף דער גאַם?

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. יאָ, אָבער ניט צו ווייט. (אָלאַף לויפֿט אַרויס דורך׳ן גאָרטען-טהירעל.)

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. איהר טאָרט דעם קינד ניט אַריינהאַקען אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ, הערר טעגעסען.

ה י ל מ אַ ר. פֿערשטעהט זיך, מחמת דאָס זיהנדעלע מוז דאָך נאַ-טירליך בלייבען אין דערהיים און ווערן אַ צבוע׳יאַק, גלייך מיט אַזוי פֿיעל אַנדערע.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. טאָ פֿאַרוואָס פֿאָהרט איהר זיך אַליין ניט דורך אַהין?

ה י ל מ אַ ר. איך? מיט מיין שוואַכען געזונד? נו יאָ, פֿערשטעהט זיך, קיינער מאַכט זיך דאָ אין דער שטאָדט קיין גרויסען צימעס ניט דערפֿון. אָבער דאָך—מען האָט דאָך עפעס פֿאָרט געוויסע פפליכטען צו דער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער מען לעבט. דאָ מוז דאָך לכל הפחות זיין א י י נ ע ר, וואָס זאָל אויפֿהויבען הויך די פֿאָהן פֿון דעם אידעאַל... הו, ווי ער שרייט שוין ווידער דאָרט?

ד י ד אַ מ ע ן. ווער שרייט?

ה י ל מ אַ ר. אַה, זאָל איך אַזוי וויסען בייז. זיי ריידען נור אַביסעל צו הויך דאָרט אינעווייניג, און דאָס מאַכט מיך נערוועז.

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. דאָס מוז אַודאי זיין מיין מאַן, הערר טעגעסען. אָבער ער איז שוין אַזוי צוגעוועהנט צו ריידען אויף גרויסע אסיפות—

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. נישקשה, די אַנדערע ריידען אויך ניט זעהר שטיל.

ה י ל מ אַ ר. גאַנץ געוויס; וואָרים אַז עס געהט נור אין דעם, אָב-ציהיטען די קעשענע, דאַן—; אַלצדינג דרעהט זיך דאָ אַרום קליינע מאַטעריעלע חשבנות. אוף!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. על כל פנים איז דאָך דאָס בעסער איידער פֿריהער, ווען מען האָט צו אַלצדינג דערלייגט דעם קאָפּ.

מ אַ ד אַ ם ל י נ ג ע ן. איז דאָ פֿריהער טאַקי געווען אַזוי שלעכט?

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. אַלץ הייסט שלעכט. מאַדאַם לינגען, כ׳לעבען,

איהר מעגט זיך שעצען גליקליך, וואָס איהר האָט דעמאָלט ניט גע-וואוינט דא.

מאַדאַם האָלט. יאָ, אַ שעהן ביסעל זאַכען האָבען זיך דאָ גע-ביטען! אַז איך דערמאָן זיך אָן מיינע מיידעל-יאָהרען—

מאַדאַם רומעל. אָה, איהר דאַרפט נור אַ קוק טהאָן מיט אַ פערצעהן, פופצעהן יאָהר צוריק. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ לעבען ס'איז דאָ געווען! מיר האָבען דעמאָלט געהאַט גאַנצע צוויי פעראיינען מיט אַמאָל: דעם טאַנץ פעראיין און דעם מוזיקאַלישען פעראיין—

פרויליין בערניק. און דעם דראַמאַטישען פעראיין. כ'דערמאָן זיך נאָך זעהר גוט אָן איהם.

מאַדאַם רומעל. דאָרט האָט מען געשטעלט אייער שטיק, הערר טענעסען.

הילמאַר. (אין הינטערגרונד). וואָס, וואָס—?

ראָהרלאַנד. הערר טענעסען'ס אַ שטיק?

מאַדאַם רומעל. דאָס איז געווען אַ צייט איידער איהר זייט אָנגעקומען אַהער, הערר וויצע-פרעדיגער... איבעריגענס, האָט מען עס בלויז איינמאָל געשפּיעלט.

מאַדאַם לינגען. ס'איז ניט יענעס שטיק, וואו איהר, ווי איהר האָט מיר דערצעהלט, האָט געשפּיעלט די ליעבהאָבערין, מאַדאַם רומעל?

מאַדאַם רומעל (כאַפּט אַ גנב'ישען קוק אויף דעם וויצע-פרעדיגער.) איך? ב'קען זיך ווירקליך ניט דערמאָנען, מאַדאַם לינגען, אָבער דאָס געדיינק איך נאָך גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ רוישיג, לוסטיג לעבען ס'האָט דעמאָלט געהערשט אין די פאַמיליען.

מאַדאַם האָלט. נאַ, און אין אַ טהייל הייזער האָט מען וואָך פאַר וואָך צוויי גרויסע בעלער געמאַכט!

מאַדאַם לינגען. און אַחוץ דעם איז דאָך דאָ עפּעס געווען אַ רייזענדע טעאַטער-קאָמפּאַני...

מאַדאַם רומעל. נו יאָ, דאָס איז טאַקי די גרעסטע צרה געווען—!

מאַדאַם האָלט (אומרוהיג). הם, הם—

מאַדאַם רומעל. אַקטיאָרען? ניין, דאָס הויב איך ניט אָן גע-דיינקען.

מאַדאַם לינגען. יאָ, ס'הייסט דאָך, אַז די לייט האָבען דאָ אָבגעטהאָן אַזעלכע נאַרישע שטיק. ווי איז דאָס אין דער אמת'ן געווען?

מאַדאַם רומעל. אָה, אייגענטליך איז גאָרנישט געווען, מאַדאַם לינגען.

מאַדאַם האָלט. דינאַ, טהייערע, דערלאַנג מיר זיי מוחל דאָס שטיקעל לייוועגד דאָרט.

מאַדאַם בערניק (אין דערזועלבער רגע). דינאַ, ווילסט אַזוי גוט זיין אַריינגעהן אין קיך און זאָגען קייטי׳ן זי זאָל ברייגגען דעם קאַפע.

פרייליין בערניק. כ׳געה מיט, דינאַ. (דינאַ און פרייליין בערניק געהען אַרויס דורך דער אויבערשטער טהיר לינקס.)

מאַדאַם בערניק (זיך אויפהויבענדיג פון אָרט). און איהר מוזט מיר ענטשולדיגען אַ ווילע, מיינע דאַמען; כ׳מיין, מיר וועלען טרינקען דעם קאַפע אויף דרויסען. (זי געהט אַרויס אויף די גאָרטענ-טרעפ און נעהמט זיך גרייטען אַ טיש. דער וויצע-פרעדיגער שטעהט ביי דער טהיר און רעדט מיט איהר. הילמאַר זיצט אויף דרויסען און רויכערט.)

מאַדאַם רומעל (שטילערהייט). מיין גאָט, מאַדאַם לינגען, האָט איהר דאָס מיך אַביסעל דערשראָקען!

מאַדאַם לינגען. איך?

מאַדאַם האָלט. יאָ,—אָבער איהר האָט דאָך אַליין אָנגעהויבען ריידען דערפון, מאַדאַם רומעל.

מאַדאַם רומעל. איך? ניין, ווי פאַלט עס אייך גאָר איין צו זאָגען, מאַדאַם האָלט? כ׳האָב דאָך קיין האַלב וואָרט ניט אויסגערעדט.

מאַדאַם לינגען. אָבער כ׳בעט אייך, וואָס איז דאָ אַזוינס?

מאַדאַם רומעל. ווי האָט איהר פאָרט געקענט אָנהויבען ריידען מכח—! בעטראַכט זיך נור... איהר האָט גאָרנישט געזעהן, אַז דינאַ איז דאָ?

מאַדאַם לינגען. דינאַ? אָבער מיין גאָט, צי איז זי דען—?

מאַדאַם האָלט. און דאָ אין הויז! אָט אַפנים איהר ווייסט דען ניט, אַז דאָס איז געווען מאַדאַם בערניק׳ס ברודער—?

מאַדאַם לינגען. וואָס—? פון וואַנעט זאָל איך עס וויסען? כ׳בין דאָך ערשט דאָ ניט לאַנג—

מאַדאַם רומעל. איהר האָט דען ניט געהערט, אַז—? הם— (צו איהר טאָכטער.) קענסט אַרויסגעהן אַ ווילע אין גאָרטען, הילדאַ.

מאַדאַם האָלט. דו אויך, נעטאַ. און זיי אַקאָרשט פריינדליך מיט דער אָרעמער דינאַ׳ן, דו הערסט?... (הילדאַ רומעל און נעטאַ האָלט געהען אַרויס אין גאָרטען.)

מאַדאַם לינגען. נו, וואָס איז פאָרט געשעהן אַזוינס מיט מאַדאַם בערניק׳ס ברודער?

מאַדאַם רומעל. איהר ווייסט גאָרניט, אַז דאָס האָט ער דאָס אָנגעמאַכט דעם מיאוס׳ן סקאַנדאַל?

מאַדאַם לינגען. וואָס, הילמאַר טענעסען האָט אַ סקאַנדאַל—?

מאַדאַם רומעל. גאָט איז מיט אייך, ניין, ניט ער,—הילמאַר איז דאָך איהר שוועסטער-קינד, מאַדאַם לינגען. כ׳מיין איהר ברודער—

מאַדאַם האָלט. דעם פֿערשווענדערישען, פֿערלאָרענעם טע-נעסען—

מאַדאַם רומעל. יאָהאַן האָט ער געהייסען. ער איז אַנטלאָפֿען קיין אַמעריקאַ.

מאַדאַם האָלט. האָט געמוזט אַנטלויפֿען,—מיינט איהר צו זאָגען.

מאַדאַם לינגען. און דער, הייסט עס, האָט דעם מיאוס׳ן סקאַנדאַל—

מאַדאַם רומעל. יאָ, ס׳איז געווען אַזאַ מין—ווי זאָל איך עס אָנרופֿען ?... ס׳איז געווען עפּעס—מיט דינאַ׳ס מוטער. אָה, כ׳געדיינק עס נאָך אַזוי גוט, אַקוראַט ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געטראָפֿען !... יאָהאַן טענעסען איז דעמאָלט געווען ביי דער אַלטער מאַדאַם בערניק אין געשעפֿט ; ריכאַרד בערניק איז אָקאָרשט געווען צוריקגעקומען פֿון פּאַריז,—איז נאָך ניט געווען פֿער׳קנס׳ט—

מאַדאַם לינגען. יאָ, אָבער דער מיאוס׳ער סקאַנדאַל ?

מאַדאַם רומעל. נו יאָ, זעהט איהר,—יענעם ווינטער איז מי-לער׳ס טעאַטער-געזעלשאַפֿט געווען דאָ אין שטאָדט—

מאַדאַם האָלט. —און אין דער דאָזיגער געזעלשאַפֿט איז געווען דער אַקטיאָר דאָרף מיט זיין פֿרוי. אַלע יונגע מענער זיינען איינפֿאַך משוגע געוואָרען פֿאַר איהר.

מאַדאַם רומעל. יאָ, זאָל מיר אסור זיין, צי איך ווייס, וואָס זיי האָבען אויף איהר דערזעהן פֿאַר אַ שעהנקייט. נור איינמאָל קומט דער אַקטיאָר דאָרף אַהיים שפּעט ביינאַכט—

מאַדאַם האָלט. —גאָר אומגעריכט—

מאַדאַם רומעל. —און ער געפֿינט—ניין, בנאמנות, ס׳איז אַ חרפּה צו דערצעהלען.

מאַדאַם האָלט. ניין, מאַדאַם רומעל, ער האָט גאָרנישט געפֿונען, מחמת די טהיר איז געווען פֿערשלאָסען פֿון אינעווייניג.

מאַדאַם רומעל. נו יאָ, דאָס זאָג איך דאָ ; ער האָט געפֿונען די טהיר פֿערשלאָסען. און שטעלט אייך פֿאָר, דער פֿון אינעווייניג האָט קיין אַנדער ברירה ניט נור אַרויסשפּרינגען פֿון פֿענסטער.

מאַדאַם האָלט. הויך אויבען פֿון אַ בוידים-פֿענסטער !

מאַדאַם לינגען. און דאָס איז געווען מאַדאַם בערניק׳ס ברודער ?

מאַדאַם רומעל. מאַדאַם בערניק׳ס ברודער.

מאַדאַם לינגען. און דאַן איז ער דאָס אַוועק קיין אַמעריקאַ ?

מאַדאַם האָלט. האָט געמוזט אַוועק קיין אַמעריקאַ—

מאַדאַם רומעל. מחמת שפּעטער איז מען געוואָהר געוואָרען עפּעס, וואָס איז געווען כמעט אַזוי שלעכט ; שטעלט זיך פֿאָר, ער האָט געלייגט די האַנד אויף דער קאַסע—

מאַדאַם האָלט. אָבער דאָס ווייסט מען דאָך ניט אויף ריכטיג, מאַדאַם רומעל; אפשר זיינען דאָס בלויז געווען אַזעלכע סלוכען.

מאַדאַם רומעל. גאָט איז מיט אייך, וואָס הייסט סלוכען! אָט אַפנים די גאַנצע שטאָדט האָט ניט געקלונגען דערמיט? צי האָט דען די אַלטע מאַדאַם בערניק מחמת דער גנבה ניט געהאַלטען נאָך אַ האָר ביי אַן אָנזועץ? דאָס האָט מיר רומעל אַליין דערצעהלט. אָבער זאָל מיך גאָט אָבהיטען, איך זאָל עפּעס ריידען דערפון.

מאַדאַם האָלט. מילא, ווי ס'איז שוין, די מאַדאַם דאָרף האָט דאָס געלד סיי ווי סיי ניט געקראָגען, מחמת זי—

מאַדאַם לינגען. יאָ, וואָס איז דערנאָך געוואָרען מיט דינאַ'ס עלטערן?

מאַדאַם רומעל. וואָס האָט געזאָלט ווערן? דאָרף האָט אי־בערגעלאָזט ווייב און קינד און איז זיך אַוועק זיין וועג. אָבער די— מאַדאַם האָט ווירקליך געהאַט געגוג חוצפה אין זיך צו בלייבען דאָ נאָך אַ גאַנץ יאָהר צייט! אין טעאַטער האָט זי, פערשטעהט זיך, ניט געסמייעט זיך מעהר צו ווייזען; גאָר זי האָט זיך ערנעהרט מיט וואַשען און נייהען—

מאַדאַם האָלט. און דערנאָך האָט זי געפּרואווט עפענען אַ טאַנץ-שול.

מאַדאַם רומעל. דאָס האָט זיך איהר נאַטירליך ניט איינגע־געבען. וואָרים וועלכע עלטערן וואָלטען עס אָנגעטרויט אַזאַ פרוי די קינדער זייערע? אָבער ס'האָט לאַנג ניט געדויערט; די פיינע מאַדאַם איז ניט געוועהנט געווען צו דער אַרבייט; זי האָט געקראָגען אַ ברוסט-פעהלער און איז געשטאָרבען.

מאַדאַם לינגען. אָה, דאָס איז טאַקי געווען אַ מיאוס־ער סקאַנדאַל!

מאַדאַם רומעל. נאַ, איהר קענט זיך פאָרשטעלען, דאָס איז געווען אַ ביטערע פיל פאַר די בערניק'ס. דאָס איז דער שוואַרצער פלעק אין דער זונן פון זייער גליק, ווי מיין מאַן האָט זיך אַנומאָלט אויסגעדריקט. דעריבער דאַרפט איהר קיינמאָל ניט ריידען מכח די זאַכען דאָ אין הויז מאַדאַם לינגען.

מאַדאַם האָלט. און, ווי גאָט איז אייך ליעב, אויך ניט וועגען דער שטיף-שוועסטער!

מאַדאַם לינגען. יאָ, כ'האָב גאָר פערגעסען, מאַדאַם בערניק האָט דאָך, הייסט עס, אויך אַ שטיף-שוועסטער?

מאַדאַם רומעל. געהאַט—גליקליכערווייזע; מחמת אַצונד איז אויס פערוואַנדשאַפט צווישען זיי... יאָ, דאָס איז אַביסעל געווען אַ שטיקעל סחורה! שטעלט אייך פאָר, זי פלעגט טראָגען קורצע האָר

און אין אַ רעגען פֿלעגט זי אַרומגעהן אין מאַנסבילשע שטיוועל.

מאַדאַם האָלט. און אַז איהר שטיף-ברודער—דער צו גרונד געגאַנגענער נפש—איז אַוועק קיין אַמעריקאַ און די גאַנצע שטאָדט איז פֿערשטעהט זיך אויף געווען מיט איהם,—טרעפֿט, וואָס זי טהוט פֿאָרט? זי הויבט זיך אויף און פֿאָהרט איהם נאָך.

מאַדאַם רומעל. יאָ, אָבער דער סקאַנדאַל, וואָס זי האָט פֿאַר'ן אָבפֿאָהרען געמאַכט, מאַדאַם האָלט!

מאַדאַם האָלט. שש, רעדט ניט דערפֿון!

מאַדאַם לינגען. וואָס זשע, זי האָט, הייסט עס, אויך געמאַכט אַ סקאַנדאַל.

מאַדאַם רומעל. יאָ, הערט אויס, מאַדאַם לינגען. ריכאַרד בערניק האָט זיך אָקאָרשט געהאַט פֿער'קנס'ט מיט בעטטי טענעסען; און גראָד ווען ער איז אָרם אין אָרם מיט איהר געקומען צו איהר מוהמע'ן, כדי עס איהר צו לאָזען וויסען—

מאַדאַם האָלט, מחמת די טענעסענס האָבען קיין עלטערן ניט געהאַט, מוזט איהר וויסען—

מאַדאַם רומעל. — דאָ הויבט זיך אויף לאָנאַ העסעל און דערלאַנגט דעם פֿיין-געבילדעטען ריכאַרד בערניק אַזאַ פּאַטש, אַז עס איז איהם פשוט בלוי געוואָרען פֿאַר די אויגען.

מאַדאַם לינגען. נאַ, כ'וואָלט עס קיינמאָל—!

מאַדאַם האַלט. יאָ, אַזוי איז עס.

מאַדאַם רומעל. און דאַן האָט זי איינגעפּאַקט איהר קופֿער און איז אַוועק קיין אַמעריקאַ.

מאַדאַם לינגען. אָט אפנים זי האָט אַליין געוואָרפֿען אייף איהם אַן אויג?

מאַדאַם רומעל. כ'מיין עפּעס אַזוי. זי האָט זיך איינגעשמועסט, אַז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען, ווען ער קומט צוריק פֿון פּאַריז.

מאַדאַם האָלט. זיך איינריידען אַזאַ זאַך! בערניק—דער יונגער פֿיינער וועלט-מענש,—דער פּאָלנער קאַוואַליער,—דער ליעבלינג פֿון אַלע דאַמען—

מאַדאַם רומעל. —און דאָך אַזוי אַנשטענדיג, מאַדאַם האָלט, און אַזוי מאָראַליש!

מאַדאַם לינגען. אָבער צו וואָס האָט זיך דאָס דאָזיגע פֿרייליין העסעל פֿאָרט גענומען דאָרט אין אַמעריקאַ?

מאַדאַם רומעל. נו יאָ, זעהט איהר, איבער דעם היינגט, ווי דער מאַן מיינער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַ שלייער, וואָס מען קען אַזוי לייכט ניט אַרונטערנעהמען.

מאַדאַם לינגען. וואָס הייסט?

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. זי האָט, פֿערשטעהט זיך, מעהר קיין שום פֿערבינדונג ניט מיט דער פֿאַמיליע; נאָר אַזוי פֿיעל ווייסט דאָך די גאַנצע שטאָדט, אַז זי האָט דאָרט אין די רעסטאָראַנען פֿאַר געלד געזונגען—

מ אַ ד אַ ם ח אָ ל ט. —און עפֿענטליכע פאָרטרעגע געהאַלטען—

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. —און אַ גאַנץ פערריקטעס בוך האָט זי אַרויסגעגעבען.

מ אַ ד אַ ם ל י נ ג ע ן. וואָס איך הער!

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. יאָ, לאָנאַ העסעל איז אויך אָט אַזאַ מין זונען-פֿלעק אין די בערניק׳ס פֿאַמיליען-גליק... אָבער אַצינד ווייסט איהר שוין די גאַנצע געשיכטע, מאַדאַם לינגען. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב וועגען דעם גערעדט בלויז דערפֿאַר, איהר זאָלט ווייטער קענען אַכטונג געבען וואָס איהר רעדט.

מ אַ ד אַ ם ל י נ ג ע ן. אָה, איהר קענט זיכער זיין, איך וועל זעהר שטאַרק אַכטונג געבען.— אָבער די דאָזיגע אָרעמע דינאַ דאָרף! ס׳טהוט מיר מורא׳דיג לייד פֿאַר איהר.

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. נו, פֿאַר איהר איז דאָס גראָד געווען אַ וואַהרעס גליק, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. בערעכענט זיך נור, וואָס וואָלט פֿון איהר געוואָרען, ווען זי בלייבט ביי איהרע עלטערן אין די הענד! מיר האָבען זיך נאַטירליך אַלע אָנגענומען פֿאַר איהר און זי ערצויגען אַזוי גוט ווי מיר האָבען געקענט. דערנאָך האָט עס פֿריילין בערניק גע׳פועל׳ט, מען זאָל איהר אַריינגעהמען דאָ אין הויז.

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט. אָבער ס׳איז דאָך אימער געווען אַ שווערע געשיכטע מיט איהר עפעס צו מאַכען. פֿערשטעהט זיך—די אַלע שלעכטע ביישפיעלען, וואָס זי האָט געהאַט! אַזאַ מין מיידעל איז דאָך ניט אזוי ווי א ו נ ז ע ר ע קינדער...

מ אַ ד אַ ם ר ו מ ע ל. שש—אָט געהט זי! (הויך.) יאָ, אָט די דינאַ איז בנאמנות אַ וואויל מיידעל... זעה, דו ביסט גאָר דאָ, דינאַ?

מ אַ ד אַ ם ה אָ ל ט. אַך, ווי שעהן דיין קאַפֿע שמעקט, דינאַ טהייערע! אַזאַ טאַסע קאַפֿע פֿאַרמיטאָג—

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (אויף די גאָרטען-טרעפ). זייט אַזוי גוט, מיינע דאַמען! (פֿריילין בערניק און דינאַ האָבען דערווייל געהאָלפֿען דער דיענסט-מיידעל אַרויסטראָגען די קאַפֿע-כלים. אַלע דאַמען זעצען זיך אויס אויף דרויסען; זיי ריידען זעהר פֿריינדליך מיט איהר. אין אַ ווײלע אַרום קומט זי אַריין אין זאַאַל און זוכט איהר האַנד-אַרבייט.)

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (אויף דרויסען ביים קאַפֿע-טיש). דינאַ, דו קימסט גאָרניט אַרויס—?

ד י נ אַ. ניין, אַ דאַנק. (זי זעצט זיך צו איהר גענעה. מאַדאַם בער-

ביק און דער וויצע-פרעדיגער ווארפען זיך דורך מיט עטליכע ווערטער; אין א ווײלע ארום קומט ער אריין אין זאאל.)

ראהרלאנד (מאכט זיך, אזוי ווי ער וואלט עפעס געהאט צו טהאן בײם טיש און זאגט מיט א האלב פערדריקטען טאן): דינא.

דינא. נו?

ראהרלאנד. פארוואס ווילט איהר ניט ארויסגעהן אויף דרויסען?

דינא. בשעת איך בין אריינגעקומען מיט'ן קאפע, האב איך גע-קענט דערקענען ביי דער פרעמדער דאמע אויף'ן פנים, אז זיי האבען גערעדט וועגען מיר.

ראהרלאנד. און האט איהר דען אויך ניט געזעהן, ווי פריינד-ליך זי איז געוועזן צו אייך?

דינא. אבער דאס טאקי קען איך ניט ליידען!

ראהרלאנד. איהר זייט אן איינגע'עקשן'טע, דינא.

דינא. יא.

ראהרלאנד. אבער פארוואס פארט?

דינא. אט אזוי בין איך שוין. וואס קען איך טהאן?

ראהרלאנד. וואלט איהר ניט געקענט סטארען זיך אנדערש ווערן?

דינא. ניין.

ראהרלאנד. פארוואס ניט?

דינא (א קוק טהאנדיג אויף איהם). איך געהער דאך צו די געפאלענע, צו די מאראליש פערדארבענע.

ראהרלאד. פע, דינא!

דינא. מיין מוטער האט אויך געהערט צו די מאראליש פער-דארבענע.

ראהרלאד. ווער האט מיט אייך גערעדט וועגען אזעלכע זאכען?

דינא. קיינער ניט; מען רעדט ניט מיט מיר. פארוואס טהוט מען עס ניט? אלע געהען ארום אזוי פארזיכטיג ארום מיר, אקוראט ווי זיי וואלטען מורא געהאט איך זאל חלילה ניט צובראכען ווערן, ווען... אה, ווי פיינט איך האב דאס אט די גאנצע גוטהערציגקייט!

ראהרלאנד. מיין ליעבע דינא, כ'פערשטעה גאנץ גוט, אז איהר פיהלט זיך דא געדריקט, נאר—

דינא. יא, ווען איך וואלט נור געקענט אוועק ווייט, ווייט פון דאנעט! כ'וואלט שוין יאקאש אליין געקענט בעשטטהן מיין שטע-טעל,—אז איך וואלט נור ניט געלעבט צווישען מענישען, וואס זיינען אזוי—אזוי—

ראהרלאנד. וואס זיינען אזוי?

דינא. וואס זיינען אזוי אנשטענדיג און מאראליש.

ראהרלאנד. אבער דינא,—וואס מיינט איהר דערמיט?

דינאַ. אָה, איהר ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין דערמיט. טאָג פֿאַר טאָג קומען זיי אַהער, פֿרייליין רומעל און נעטאַ האָלט כדי איך זאָל האָבען פֿון וועמען זיך אָבצולערנען, ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿיהרען. אַזוי גוט ערצויגען ווי די קען איך קיינמאָל ניט ווערן. און איך וויל עס גאָרנישט! אָה, וואָלט איך נור געווען ווייט, ווייט אַוועק,—דאַן וואָלט איך שוין געוואָרען בראַוו.

ראָהרלאַנד. איהר זייט דאָך שוין בראַוו, ליעבע דינאַ.

דינאַ. וואָס נוצט עס מיר דאָ?

ראָהרלאַנד. אַלזאָ אַוועקפֿאָהרען... טראַכט איהר ווירקליך ערנסט דערפֿון?

דינאַ. איך וואָלט דאָ קיין טאָג ניט געבליבען, ווען איהר וואָלט ניט געווען.

ראָהרלאַנד. זאָגט מיר אַקאָרשט, דינאַ,—פֿאַרוואָס ווילט איהר אַזוי גערן זיין מיט מיר צוזאַמען?

דינאַ. ווייל איהר לערנט מיך אַזוי פֿיעל שעהנעס?

ראָהרלאַנד. שעהנעס? רופֿט איהר דאָס, וואָס איך לערן אייך, שעהנעס?

דינאַ. יאָ. אָדער בעסער געזאָגט... לערנען לערנט איהר מיך גאָר-ניט; אָבער אַז איך הער אייך ריידען, דוכט זיך מיר עפּעס, אָקוראַט ווי איך וואָלט געווען אַרומגערינגעלט פֿון אַזוי פֿיעל שעהנעס...

ראָהרלאַנד. וואָס מיינט איהר אייגענטליך דערמיט: עפּעס שעהנעס?

דינאַ. כ'האָב קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטהאָן וועגען דעם.

ראָהרלאַנד. טאָ טהוט אַצונד אַ טראַכט מכח דעם. וואָס הייסט ביי אייך עפּעס שעהנעס?

דינאַ. עפּעס שעהנעס... דאָס איז... דאָס וואָס איז גרויסאַרטיג— און ווייט אַוועק פֿון דאַנעט!

ראָהרלאַנד. הם.—דינאַ טהייערע, כ'בין אַזוי שטאַרק פֿערזאָרגט וועגען אייך.

דינאַ. דאָס אַלעם? ווייטער גאָרנישט?

ראָהרלאַנד. איהר ווייסט דאָך ווי זעהר טהייער איהר זייט מיר.

דינאַ. אַז איך וואָלט געווען הילדאַ אָדער נעטאַ, וואָלט איהר ניט געווען אַזוי שטאַרק פֿערזאָרגט, אימיצער וואָלט עס נאָך חלילה געקענט בעמערקען.

ראָהרלאַנד. אָה דינאַ, ווי קענט איהר אַזוי אַוועקמאַכען מיט דער האַנד די טויזענדער סבות... אַז אַ מענש האָט די אויפֿגאַבע צו זיין די מאָראַלישע „שטיצע" פֿון דער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער ער לעבט —נאַ, איז דאָך גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניטאָ ווי פֿאָרזיכטיג ער

דאַרף זיין... אַז איך וואָלט נור געוואוסט אייף זיכער, אַז מען וועט עס ניט שלעכט אויסטייטשען... נאָר ס'מאַכט ניט אוים: איהר זאָלט און מוזט געהאָלפען ווערן!... דינאַ, אַשטייגער ווען איך זאָג—ווען די פערהעלטניסע זאָלען מיר ערלויבען אייך זאָגען: אָט האָט איהר מיין האַנד,—וועט איהר זי דאַן אָננעהמען און ווערן מיין פרוי?— זאָגט איהר מיר דאָס צו, דינאַ?

דינאַ. יאָ.

ראָהרלאַנד. אַ דאַנק! אַ דאַנק! אַ דאַנק! מחמת אויך איך... אָה דינאַ, איהר זייט מיר אַזוי טהייער... שש! אימיצער קומט... דינאַ, כ'בעט אייך, טהוט עס מיר צוליעב,—געהט אַרויס צו זיי אויף דרויסען. (זי געהט אַרויס צו דעם קאַפע-טיש. אין דערזועלבער רגע קומען אַרויס פון פאָדערשטען צימער לינקס רומעל, אַלטסטעדט און וויגעלאַנד, נאָך זיי בערניק מיט אַ פאַק פאַפירען אין דער האַנד.)

בערניק. די זאַך איז אַלזאָ אָבגעמאַכט...

וויגעלאַנד. נו, אין גאָט'ס נאָמען...

רומעל. אָבגעמאַכט, בערניק! אַ מאַן, אַ וואָרט!

בערניק. און קיינער טרעט ניט צוריק, וואָס פאַר שוועריגקייטען און געגנער מיר זאָלען ניט האָבען.

רומעל. מיר שטעהען און פאַלען אינאיינעם, בערניק!

הילמאַר (צוקומענדיג צו דער גאָרטען-טהיר). פאַלען? פערצייהט, וואָס פאַלט עס דאָרט ביי אייך? ניט די אייזענבאַהן?

בערניק. ניין, אדרבה; זי זאָל ערשט אָנהויבען געהן—

רומעל. —מיט דאַמפף, הערר טענעסען!

הילמאַר (צוקומענדיג נעהנטער). אַזוי גאָר?

ראָהרלאַנד. וואָס, די אייזענבאַהן?

מאַדאַם בערניק (אין דער גאָרטען-טהיר). ליעבער ריכאַרד, וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס—?

בערניק. אַך, ליעבע בעטטי, וואָס קען דאָס דיך דען אינטערעסירען? (צו די דריי הערען.) אָבער אַצונד מוזען מיר אויסשטעלען די ליסטען,—וואָס פריהער, אַלץ בעסער. פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, אַז מיר פיער וועלען חתמ'ענען אונזערע נעמען צוערשט. אונזער מעמד אין דער געזעלשאַפט מאַכט עס פאַר אונזער חוב, צו טהאָן אַזוי פיעל ווי נור מעגליך—

אַלטסטעדט. פערשטעהט זיך, הערר קאָנזול.

רומעל. עס מוז געהן, בערניק!

בערניק. אָה, פאַר דעם ערפאָלג דאגה איך זיך גאָרניט. מיר מוזען זיך סטאַרען צו ווירקען פאַר דער זאַך, יעדער איינער צווישען זיינע אייגענע בעקאַנטע; און אַז מיר וועלען נור קענען אויפוועקען אַ

לעבעדיגען אינטערעס דערפאַר אין אַלע טהיילען פון דער געזעלשאַפט, דאַן וועט די שטאָדט אַליין, פערשטעהט זיך, אויך בייטראָגען דאָס איהריגע.

מאַדאַם בערניק. אָבער ריכאַרד, טאָמער וואָלסט דו פּאָרט אַרויס דערמיט און אונז דערצעהלט—

בערניק. אַך, ליעבע בעטטי, דאָס איז כ׳לעבען נישט קיין עסק פאַר דאַמען.

הילמאַר. דו ווילסט, הייסט עס, ווירקליך זיך פערנעהמען מיט דער אייזענבאַהן-געשיכטע ?

בערניק. פערשטעהט זיך.

ראָהרלאַנד. אָבער פאַר-אַ-יאָהרען, הערר קאָנזול—

בערניק. פאַר-אַ-יאָהרען איז געווען אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דעמאָלט האָט זיך עס געהאַנדעלט מכח אַ ליניע ביים ברעג וואַסער—

וויגעלאַנד. —וואָס וואָלט לחלוטין איבעריג געווען; מחמת מיר האָבען דאָך דאַמפּפ-שיפען—

אַלטסטעדט. —און וועלכע האָבען אונז אָבגעקאָסט אַן אוצר מיט געלד.

רומעל. —יאָ, און אַחוץ דעם וואָלט זי טאַקי געשעדיגט די אינ-טערעסען דאָ אין אונזער שטאָדט.

בערניק. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס זי וואָלט קיין שום נוצען ניט געבראַכט דעם כלל, דער גרויסער געזעלשאַפט. מחמת דעם בין איך געווען דאַגעגען, און ס׳איז געבליבען צו נעהמען די אינע-ווייניגסטע ליניע.

הילמאַר. אָבער די גרענעצט זיך דאָך גאָרניט מיט די שטעדט פון אונזער געגענד.

בערניק. מיט אונזער שטאָדט וועט זי זיך שוין יאָ גרענעצען, מיין ליעבער הילמאַר, מחמת מיר מאַכען אַ צווייג-ליניע.

הילמאַר. אהאַ! גאָר אַ נייער פּלאַן, הייסט עס.

רומעל. און וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיגער פּלאַן,—הע ?

ראָהרלאַנד. הם—

וויגעלאַנד. ס׳איז ניט צו לייקענען, אַז די השגחה האָט דאָס דאָזיגע שטיק ערד עפּעס אַזוי ווי אייגענס בעשאַפען פאַר אַ צווייג-ליניע.

ראָהרלאַנד. איהר מיינט טאַקי אַזוי, הערר וויגעלאַנד ?

בערניק. יאָ, כ׳מוז מודה זיין, אויך איך האַלט עס פאַר אַן „אצבע אלהים״, פאַר אַ וואונק פון אויבען, דאָס וואָס איך בין היינ-טיגען פריהלינג גראָד דורכגעפאָהרען די געגענד און אַזוי צופעליג בין איך אָנגעקומען אין אַ טהאָל, וואו איך בין פריהער קיינמאָל ניט

געווען. אַזוי ווי אַ בליץ איז מיר דורך אַ געדאַנק אין מוח: אָט דאָ קען מען לייגען אַ צווייג-ליניע! כ'האָב אַריבערגעשיקט אַהין אַן אינזשעניר, ער זאָל בעקוקען די געגענד; און דאָ האָב איך דעם פּלאַן און די דערוויילינגע אויסרעכנונגען; ס'שטעהט גאָרנישט אין וועג.

מאַדאַם בערניק (שטעהענדיג מיט די אַנדערע דאַמען אין דער גאָרטען טהיר). אָבער, ליעבער ריכאַרד, פאַרוואָס האָסט דו דאָס אַלעס געהאַלטען אַזוי בסוד פאַר אונז?

בערניק. די הויפּט טיילען פון דעם פּלאַן וואָלט איהר דאָך סיי ווי סיי ניט געקענט בעגרייפען. אַחוץ דעם האָב איך ביז היינט מיט קיין לעבעדיגען וועזען מכח דעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אָבער אַצונד איז געקומען דער ענטשיידענדער מאָמענט; איצט מוז מען אָפען און מיט אַלע כוחות זיך נעהמען דערצו.

ראָהרלאַנד. ערוואַרטעט איהר דען טאַקי אַזוי פיעל פון דער דאָזיגער אונטערנעהמונג, מיינע העררען?

בערניק. פערשטעהט זיך, אַז מיר ערוואַרטען. וואָס פאַר אַ הויב וועט עס אַביסעל געבען אונזער גאַנצע געזעלשאַפט! בעדענקט פאָרט די גרויסע, געדיכטע וועלדער, צו וועלבע מיר וועלען קענען לייכט צוקומען,—בערעכענט די אַלע רייכע מינען, וואָס וועלען איצט קענען בעאַרבייט ווערן ווי ס'דאַרף צו זיין, און דעם טייך,—איין וואַסער-פאַל איבער'ן אַנדערן! וואָס פאַר אַן אינדוסטרי קען דאָרט ניט ענטוויקעלט ווערן!

ראָהרלאַנד. און איהר האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר אַן אָפטע פערקעהר מיט אַ פערדאָרבענער דרויסענדיגער וועלט—?

בערניק. ניין,—איהר קענט זיין גאַנץ רוהיג, העדר וויצע פּרעדיגער. אונזער קליינער, בעשעפטיגטער אָרט שטעהט, גאָט צו דאַנקען, אויף אַ געזונדען מאָראַלישען באָדען; מיר האָבען דאָך אַלע געהאָלפען איהם אויסטריקענען, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקען; און דאָס וועלען מיר אויך ווייטער טהאָן, יעדער איינער אויף זיין אופן. איהר, העדר וויצע-פּרעדיגער, געהט אַקאָרשט ווייטער אָן מיט אייער גוטער טהעטיגקייט אין דער שולע און אין דער פאַמיליע. מיר, די מענער פון דער פּראַקטישער אַרבייט, שטיצען די געזעלשאַפט דערמיט, וואָס מיר פערשפּרייטען דאָס גליק און וואָהל-זיין אַזוי ווייט ווי נור מעגליך;—און די פרויען אונזערע,—יאָ, קומט אַקאָרשט צו אַביסעל נעהנטער, מיינע דאַמען—; אונזערע פרויען, זאָג איך, אונזערע פרויען און טעכטער,—נו יאָ, אַרבייט נאָר ווייטער אונגעשטער-טערהייט, מיינע דאַמען, אין אייערע צדקה-זאַכען, און זייט אויך פאַר די אייעריגע אַ הילף און אַ שטיצע,—אַזוי ווי מיין טהייערע בעטטי און מאַרטהאַ זיינען עס פאַר מיר און אָלאַף—(קוקט זיך אום.) יאָ, וואו איז ערגעץ אָלאַף היינט?

מאַדאַם בערניק. אַך, אַצונד אין דער וואַקאַנס-צייט איז איינפאַך ניט מעגליך איהם צו האַלטען אין הויז.

בערניק. דאַן איז ער אודאי שוין ווידער אונטען ביים וואַסער! דו וועסט זעהן, ס׳וועט זיך נאָך חלילה ענדיגען מיט אַן אונגליק!

הילמאַר. עט—אַ שטיקעל שפּיעל מיט די נאַטור-קרעפטען—

מאַדאַם רומעל. ווי שעהן דאָס איז פון אייך, וואָס איהר האָט די פאַמיליע אַזוי פיעל אין זינען!

בערניק. נו, די פאַמיליע איז דאָך דאָס קערנדעל פון דער געזעלשאַפט. אַ גוטע היים, געטרייע פריינד, אַ קליינער ענג-געשלאָסענער קרייז, וואו קיין שום שטערנדע עלעמענטען וואַרפען ניט זייער שאָטען—

קראַפּ קומט מיט בריעף און צייטונגען פון רעכטס.

קראַפּ. די אויסלענדישע פּאָסט, הערר קאָנזול; און אַ טעלעגראַמע פון נויאָרק.

בערניק (נעהמט עס). אַה, פון די בעלי בתים פון דער „גאַזעלע”.

רומעל. אַזוי, די פּאָסט איז אָנגעקומען? יאָ, דאַן מוז איך געהן.

וויגעלאַנד. איך אויך.

אַלטסטעדט. אַדיע, הערר קאָנזול.

בערניק. אַדיע, אַדיע, מיינע הערען. און פערגעסט אַקאָרשט ניט, אַז מיר האָבען נאָך היינט אַרום פינף אַזייגער אַ בעראַטהונג.

די דריי הערען. יאָ; נו יאָ; פערשטעהט זיך. (זיי געהען אַרויס רעכטס.)

בערניק (איבערלעזענדיג די טעלעגראַמע). נאַ, דאָס איז באמת עכט אַמעריקאַניש! שרעקליך, בנאמנות—

מאַדאַם בערניק. גאָט איז מיט דיר, ריכאַרד, וואָס איז דאָרט אַזוינס?

בערניק. גיט אַ קוק, הערר קראַפּ; לייענט נור איבער!

קראַפּ (לייענט): „וואָס ווייניגער רעפּאַראַטורען. שיקט אַרויס די „גאַזעלע” אַזוי שנעל ווי מעגליך. גוטע צייט פון יאָהר; וועט על פּי נויטה קענען שווימען אויף דער לאַדונג.”— נאַ, דאָס הייסט אַביסעל—

בערניק. וועט קענען שווימען אויף דער לאַדונג! די לייט ווייסען גאַנץ גוט, אַז דאָס שיף וועט אַראָב מיט דער לאַדונג אינאיינעם אַזוי ווי אַ שטיין, אַז עפּעס זאָל נור טרעפען.

ראָהרלאַנד. יאָ, דאָ זעהט מען טאַקי, ווי ס׳זעהט אויס אין דער דאָזיגער געבענשטער גרויסער געזעלשאַפט.

בערניק. דאָ זייט איהר גערעכט. קיין שום איינזעהעניש האָבען זיי ניט אפילו פאַר דעם מענשליכען לעבען, ווי באַלד ס׳געהט נור וועגען פּראָפיט. (צו קראַפּ.) ווי מיינט איהר, וועט די „גאַזעלע” קענען אָבפאָהרען אין פיער, פינף טעג אַרום?

קראַפ. יאָ—ס׳הייסט, אויב הערר וויגעלאַנד וועט גאָרנישט האָבען דאַגעגען, מיר זאָלען פאַר דער צייט אָבשטעלען די אַרבייט ביי דעם „טייטעל-בוים”.

בערניק. הם, דאָס וועט ער ניט ערלויבען. נו... זייט אַזוי גוט און קוקט דורך די פּאָסט... הערט, האָט איהר ניט אַקאָרשט בעגעגענט אָלאַף׳ן אונטען ביים האַפען?

קראַפ. ניין, הערר קאָנזול. (ער געהט אַריין אין פאָדערשטען צימער לינקס.)

בערניק (קוקט נאָך אַמאָל דורך די טעלעגראַמע). רייזיקירען מיט אַכצעהן מענשען-לעבענס, און די לייט זאָלען זיך דאָס דערביי באַטש אַ קרים געבען—

הילמאַר. הערסטו, דערצו איז מען דאָך אַ מאַטראָז, זיך צו רייצען מיט די נאַטור-קרעפטען; ס׳מוז ליגען עטוואָס אויפרעגענדעס דעריין צו זיין אָבגעטיילט מיט אַ דינער מחיצה פון אָבגרונד—

בערניק. יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט זעהן דאָ דעם בעל הבית פון אַ שיף, וואָס זאָל קענען אַזוי וואָס פועל׳ן ביי זיך! ניט איינער, ניט קיין איין איינציגער—(דערזעהט אָלאַף׳ן.) גאָט צו דאַנקען, אָט איז ער דאָ, און געזונד ווי אימער! (אָלאַף, מיט אַן אַנגעל-שנור אין האַנד, לויפט אַרויף די גאַס און קומט אַריין דורך דער גאָרטען-טהיר.)

אָלאַף (נאָך אין גאָרטען). פעטער הילמאַר, כ׳בין געווען אונטען און איך האָב געזעהן דאָס דאַמפף-שיף.

בערניק. ביסט שוין ווידער געווען ביים האַפען?

אָלאַף. ניין, כ׳בין נור געווען אין אַ קליין שיפעל. אָבער דו ווייסט, פעטער הילמאַר, אַ גאַנצע צירק-קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען מיט פערד און ווילדע חיות; און אַזוי פיעל פּאַסאַזשירען—!

מאַדאַם רומעל. אָה! מיר וועלען גאָר האָבען אַ צירק דאָ?

ראָהרלאַנד. מיר? כ׳האָף, אַז ניט.

מאַדאַם רומעל. ניין, מיר נאַטיורליך ניט, אָבער—

דינאַ. כ׳וואָלט אַזוי גערן געוואָלט אַמאָל זעהן אַ צירק.

אָלאַף. יאָ, איך אויך.

הילמאַר. דו ביסט אַ בהמה. וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו זעהן? גאָרנישט, ס׳איז מעהר ניט ווי נאָכגעקרימט זיך! זעהסט דו, ס׳איז ווערטה אַמאָל צו זעהן ווי דער גאַוכאָ יאָגט זיך אויף זיין סאָפּעדיגען מוסטאַנג איבער די פּאַמפּאַס, די ברייטע ווייטע פעלדער. אָבער גאָט מיינער, דאָ אין די קליינע שטעטלאַך—

אָלאַף (גיט אַ ציה פריילין בערניק ביים אַרבעל). מוהמע מאַרטהאַ, זעה, זעה—אָט קומען זיי!

מאַדאַם האָלט. יאָ, כ׳לעבען, אָט האָבען מיר זיי טאַקי.

מאַדאַם לינגען. אָה, וואָס פֿאַר מיאוס׳ע מענשען!

(אַ מחנה פּאַסאַזשירען און אַ גאַנצע מאַסע שטאָדט-רייט קומען אַרויף די גאַס.)

מאַדאַם רומעל. יאָ, אָט די שוואַרץ-קינסטלער ווייזען אויס צו זיין פֿון דעם ריכטיגען סאָרט. זעהט נאָר די מיט׳ן גראָען קלייד, מאַדאַם האָלט; זי טראָגט דעם רייזע-זאַק איהרען אויף׳ן רוקען.

מאַדאַם האָלט. ריכטיג... און דערצו נאָך אויף׳ן פּאַראַסאָל! דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, דעם דירעקטאָר׳ס ווייב.

מאַדאַם רומעל. און אָט איז דער דירעקטאָר אַליין... דער מיט׳ן באָרד. אָה, דער זעהט אויס אָקוראַט ווי אַ רויבער. קוק ניט אַהין, הילדאַ.

מאַדאַם האָלט. דו אויך ניט, נעטטאַ!

אָלאַף. מאַמאַ, זעה נאָר, דער דירעקטאָר פֿערנייגט זיך פֿאַר אונז.

בערניק. וואָס טהוט ער?

מאַדאַם בערניק. וואָס זאָגסט דו, קינד?

מאַדאַם רומעל. יאָ, כ׳לעבען, אָט פֿערנייגט זיך די פֿרוי אויך!

בערניק. אָבער דאָס איז דאָך ווירקליך אונפֿערשעהמט!

פֿרייליין בערניק (מיט אַ פּלעצליכען אויסרוף). אָה—!

מאַדאַם בערניק. וואָס איז מאַרטהאַ?

פֿרייליין בערניק. אָה גאָרנישט, גאָרנישט! כ׳האָב נור גע-מיינט—

אָלאַף (צושרייט זיך מיט פֿרייד). זעה, זעה, אָן קומען די אַנדערע מיט די פֿערד און די ווילדע חיות! און אָט זיינען אויך די אַמעריקאַ-נער! און אַלע מאַטראָזען פֿון דער „גאַזעלע"— (מען הערט דעם „יענקי דודל", בעגלייט פֿון אַ פּויק מיט אַ קלאַרינעט.)

הילמאַר (פֿערשטעלט זיך די אויערן). אוף, אוף, אוף!

ראָהרלאַנד. כ׳מיין, מיינע דאַמען, מיר זאָלען אַוועקגעהן פֿון דאַנעט אויף אַ ווייל׳ע; דאָס דאָ איז נישט פֿאַר אונז. לאָמיר זיך נעה-מען צוריק צו אונזער אַרבייט.

מאַדאַם בערניק. אפשר וואָלטען מיר גאָר אַרונטערגעלאָזט די פֿאָרהיינגלאַך?

ראָהרלאַנד. יאָ, דאָס האָב איך טאַקי געמיינט. (די דאַמען זעצען זיך אויס ביים טיש. דער וויצע-פּרעדיגער שליסט צו די גאָר-טען-טהיר, ציהט אַרונטער דעם פֿאָרהאַנג איבער איהר און לאָזט אויך אַראָב די פֿאָרהיינגלאַך פֿון די פֿענסטער. ס׳ווערט פֿינסטערלאַך אין סאַלאָן.)

אָלאַף (באַפּענדיג אַ קוק אויף דרויסען). מאַמאַ, איצט שטעהט

דעם דירעקטאָר׳ס פרוי ביים פּאָנטאַן און וואַשט זיך דאָרט דעם פּנים.

מאַדאַם בערניק. וואָס? אין רעכטען מיטען מאַרק!

מאַדאַם רומער. און אין מיטען העלען טאָג!

הילמאַר. נו, אַז איך וואָלט געוואָנדערט אין אַ מדבר און גע-קומען איבער אַ קוואַל, וואָלט איך זיך אסור ניט געשעהמט, צו— אָה, דער פערפלוכטער קלאַרינעט!

ראָהרלאַנד. די פּאָליציי האָט זיך בנאמנות געדאַרפט אַריינמישען און עס ניט דערלאָזען.

בערניק. ווייס איך וואָס! מען טהאָר ניט זיין אַזוי שטריינג מיט אויסלענדער. אָט די לייט האָבען ניט דאָס טיעף איינגעוואָרצעלטע געפיהל פון אַנשטענדיגקייט, וואָס האַלט אונז אין די ריכטיגע גרע-נעצען. זאָלען זיי זיך פיהרען ווי זיי געפעלט; וואָס איז דאָס אונזער דאגה? אָט די גאַנצע אונאָרדנונג, וואָס הויבט זיך אויף אַנטקעגען אַנשטענדיגקייט און גוטע אויפפיהרונג, האָט צום גליק קיין שום שייכות ניט מיט אונזער געזעלשאַפט, אויב איך מעג זיך אַזוי אויס-דריקען.— אָבער וואָס הייסט דאָס? (די פרעמדע דאַמע געהט שנעל אַריין דורך דער טהיר רעכטס.)

די דאַמען (דערשראָקען אָבער שטילערהייט). די צירק-רייטערקע! דעם דירעקטאָר׳ס ווייב!

מאַדאַם בערניק, מיין גאָט! וואָס הייסט דאָס אַזוינס?

פרייליין בערניק (אויפשפרינגענדיג). אַה—!

די דאַמע. גוטען טאָג, ליעבע בעטטי! גוטען טאָג, מאַרטהאַ! גוטען טאָג, שוואָגער!

מאַדאַם בערניק (מיט אַ געשריי). לאָנאַ—!

בערניק (טהוט אַ טראָט צוריק). אַזוי וואַהר ווי איך לעב—!

מאַדאַם האָלט. מיין גאָט אין הימעל—!

מאַדאַם רומעל. ס׳איז ניט מעגליך—!

הילמאַר. אוף, אוף!

מאַדאַם בערניק. לאָנאַ—! ביסט דו דאָס ווירקליך—?

פרייליין העסעל. צי איך בין דאָס ווירקליך? נו יאָ, אודאי בין איך עס! איהר מעגט גאַנץ דרייסט צוקומען און זיך אַרומכאַפּען מיט מיר.

הילמאַר. אוף, אוף!

מאַדאַם בערניק. און דו קומסט אַהער—?

בערניק. —און ווילסט טאַקי אויפטרעטען—?

פרייליין העסעל. אויפטרעטען? וואָס הייסט אויפטרעטען?

בערניק. יאָ, כ׳מיין—אין צירק—

פרייליין העסעל. האַ האַ האַ! וואָס, ביסט דו פערריקט,

שוואַגער ? דו מיינסט, איך בין איינע פֿון די צירק-לייט ? ניין ; ס׳איז אמת, אַז איך האָב אַסך זאַכען געטהאָן און זיך מעהר ווי איינמאָל לע-בערליך געמאַכט—

מאַדאַם רומעל. הם—

פֿרייליין העסעל. —אָבער אויף פֿערד האָב איך נאָך קיינמאָל קיין קונץ-שטיק ניט בעוויזען.

בערניק. ביסט דו, הייסט עס, ניט—?

מאַדאַם בערניק. אָה, גאָט צו דאַנקען!

פֿרייליין העסעל. ניין, מיר זיינען געפֿאָהרען ווי אַלע אַנדערע אָנשטענדיגע לייט—ס׳איז אמת, אין צווייטער קלאַסע, אָבער מיר זיינען געוועהנט דערצו.

מאַדאַם בערניק. מיר, זאָגסט דו ?

בערניק (צוגעהענדיג א טריט נעהנטער). וואָס פֿאַר א מיר ?

פֿרייליין העסעל. איך און דאָס קינד, פֿערשטעהט זיך.

די דאַמען (מיט א קוויטש). דאָס קינד!

הילמאַר. וואָס!

ראָהרלאַנד. נאַ, דאָס הייסט אַביסעל—!

מאַדאַם בערניק. אָבער וועמען מיינסט דו פֿאָרט דערמיט, לאָנאַ ?

פֿרייליין העסעל. פֿערשטעהט זיך, אַז איך מיין דזשאָהן׳ן ; כ׳האָב דאָך ניט קיין אַנדער קינד נאָר דזשאָהן—אָדער יאָהאַן, ווי איהר רופֿט איהם דאָ.

מאַדאַם בערניק. יאָהאַן—

מאַדאַם רומעל (שטילערהייט צו מאַדאַם לינגען). דער צוגרונד געגאַנגענער ברודער!

בערניק (מיט א האַלבען מויל). יאָהאַן איז, הייסט עס, אויך געקומען ?

פֿרייליין העסעל. אודאי ; אודאי ; אָהן איהם וואָלט איך דאָך ניט געפֿאָהרען. אָבער האָט איהר מיר אַלע אַזעלכע פֿעראומערטע פנים׳ער! און עפּעס זיצט איהר מיר דאָ אין האַלב-דונקעל און נעהט עפּעס ווייסע זאַכען. ס׳איז דאָך קיינער ניט געשטאָרבען אין דער פֿאַמיליע ?

ראָהרלאַנד. מיין פֿרייליין, איהר געפֿינט זיך דאָ אין דעם פֿער-איין פֿאַר די מאָראַלישע פֿערדאָרבענע—

פֿרייליין העסעל (מיט א נידריגען טאָן). וואָס זאָגט איהר ? אָט די פֿיינע דאַמען זייגען גאָר—?

מאַדאַם רומעל. ניין, דאָס איז ווירקליך צופֿיעל!

פֿרייליין העסעל. אַה, כ׳פֿערשטעה, כ׳פֿערשטעה! אָבער צו׳ן

אַלדע גוטע יאָהר, דאַס איז דאָך מאַדאַם רומעל! און דאָ זיצט דאָך אויך מאַדאַם האָלט! נאַ, מיר דריי זיינען על כל פנים ניט יונגער געוואָרען, זינט מיר האָבען זיך געזעהן דאָס לעצטע מאָל... אָבער הערט אַק׳ רשט, איהר ליעבע לייט, לאָזט די מאָראַליש פערדאָרבענע וואַרטען נאָך אַ טאָג;—זיי וועלען אסור ערגער ווערן אין דער צייט. אַזאַ פרעהליכער מאָמענט ווי דער דאָזיגער—

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. ניט תמיד איז דאָס צוריקקומען אַהיים אַ פרעהליכער מאָמענט.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַזוי גאָר? ווי אַזוי פערשטעהט איהר פאָרט אייער ביבעל, פאַסטאָר?

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. איך בין ניט קיין פאַסטאָר.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. נו, טאָ וועט איהר עס נאָך אודאי ווערן אַמאָל.— אָבער פע, פע,—אָט דער מאָראַלישער לייווענד גיט אָב פון זיך מיט אַזאַ מין פערדאָרבענעם ריח,—אָקוראַט ווי תכריכים. איך בין געוועהנט צו דער פרישע לופט פון די סטעפעס...

ב ע ר נ י ק (זיך אָבווישענדיג דעם שטערן). יאָ, ס׳איז דאָ טאַקי אַביסעל צו שווער די לופט.

פ ר י י ל י ן ה ע ס ע ל. וואַרט, וואַרט אַקאָרשט; מיר מוזען אַרויס פון דעם דאָזיגען קבר. (ציהט אַרויף די פאָרהייגגלאַך.) העל און ליכ־טיג מוז דאָ זיין אין צימער, ווען מיין יונג וועט קומען. יאָ, דאָ וועט איהר זעהן אַ יונג, וועלכער האָט זיך אַרומגעוואַשען—

ה י ל מ אַ ר. אוף, אוף!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (אויפעפענענדיג די טהיר אין פענסטער). דאָס הייסט, נאָכדעם ווי ער וועט זיך אַרומוואַשען אין האָטעל; מחמת אויף׳ן דאַמפף־שיף ווערט מען קויטיג ווי אַ קוימען־קעהרער.

ה י ל מ אַ ר. אוף, אוף!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אוף, אוף? אַה, ביי מיין וואָרט,—איז דאָס ניט—! (ווייזט אויף הילמאַר׳ן און פרעגט די אַנדערע.) וואָס זשע, אָט ד ע ר שלייעט זיך נאָך אַלץ אַרום דאָ און זאָגט נאָך אַלץ „אוף, אוף״?

ה י ל מ אַ ר. איך שלייע זיך ניט אַרום; כ׳געפין זיך דאָ צוליעב מיין שוואַכען געזונד.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. הם, מיינע דאַמען, כ׳מיין, אַז—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (דערזעהענדיג אָלאַף׳ן). דאָס איז דיינער, בעטטי? גיב אַהער אַ האַנד, דו קליינער דו! אָדער האָסט דו מורא פאַר דיין מיאוס׳ער אַלטער מוהמע?

ר אָ ה ר ל אַ נ ד (נעהמענדיג זיין בוך אונטערן אָרים). מיינע דאַמען, כ׳מיין, אַז ס׳איז עפעס ניט אַזוי ווי געוואונשען היינט ווייטער אָנצו־

געהן מיט אונזער אַרבייט. אָבער מאָרגען קומען מיר דאָך ווידער צואַמען ?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (אין דער צייט וואָס די פרעמדע דאַמען שטעהען אויף אַוועקצוגעהן). יאָ, לאָמיר זיך ווידער צוזאַמענקומען. איך וועל זיין אויף מיין פלאַץ.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. א י ה ר ? פערצייהט, מיין פריילייז, וואָס ווילט איהר דען טהאָן ביי א ו נ ז אין פעראיין ?

פ ר י י ל י ן ה ע ס ע ל. איהם אויסלופטערן, הערר פאַסטאָר !

צווייטער אקט.

גאָרטען־סאַלאָן ביי קאָנזול־בערניק אין הויז.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק זיצט מיט אַ נעה־אַרבייט אַליין ביים אַרבייטס־טיש. אין אַ ווײַלע אַרום קומט פֿון רעכטסאַריין ק אָ נ ז ו ל ב ע ר נ י ק מיט אַ שטעקען און האַנד־שוה און מיט'ן הוט אויף'ן קאָפּ.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. דו ביסט שוין צוריק אין דער היים, ריכאַרד?

ב ע ר נ י ק. יאָ, כ'האָב בעשטעלט אימיצען אַהער.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (מיט אַ זיפֿץ). אַך יאָ,—יאָהאַן וועט דאָך אַודאי ווידער קומען.

ב ע ר נ י ק. געוויס. (שטעלט אַוועק דעם הוט אויף אַ טיש.) וואו זיינען ערגעץ היינט אַלע דאַמען?

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. מאַדאַם רומעל און הילדאַ האָבען קיין צייט ניט.

ב ע ר נ י ק. אַזוי? האָבען געשיקט זאָגען?

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. יאָ; זיי האָבען, הייסט עס, פֿיעל צו טהאָן ביי זיך אין דערהיים!

ב ע ר נ י ק. פֿערשטעהט זיך... און די אַנדערע קומען נאַטירליך אויך ניט?

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. ניין,—אויך ד י זיינען היינט געשטערט.

ב ע ר נ י ק. דאָס האָבען מיר שוין פֿריהער געקענט פֿערשטעהן. וואו איז ערגעץ אָלאַף?

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. כ'האָב איהם אַרויסגעשיקט אויף אַ ווײַלע מיט דינאַ'ן.

ב ע ר נ י ק. הם... דינאַ... דאָס דאָזיגע לייכטזיניגע מיידעל... דאָס וואָס זי האָט זיך נעכשען גלייך אַריינגעלאָזט אַזוי פֿיעל מיט יאָהאַן'ן—!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער, ליעבער ריכאַרד, דינאַ, ווייסט דאָך גאָר ניט—

ב ע ר נ י ק. אָבער יאָהאַן האָט דאָך לכל הפחות געמעגט האָבען אַזוי פֿיעל טאַקט, איהר ניט צו ווייזען קיין אויפֿמערקזאַמקייט. ווען דו וואָלסט געזעהן, וואָס פֿאַר אַ פּאָר אויגען קויפֿמאַן וויגעלאַנד האָט דאָס אַביסעל אויסגעשטעלט!

מאַדאַם בערניק (אַנידערלייגענדיג די נעה-אַרבייט ביי זיך אין שויס). ריכאַרד, דו ווייסט ניט, וואָס זיי האָבען דאָ צו טהאָן אין דער אַלטער היים ?

בערניק. הם ; ער האָט אַ פֿאַרם דאָרט, מיט וועלכער ס׳געהט איהם אַפּנים ניט אַם בעסטען ; און דו האָסט דאָך געהערט, ווי זי האָט געגעבען אָנצוהערן, אַז זיי האָבען ניט געקענט פֿאָהרען ערשטע קלאַסע—

מאַדאַם בערניק. יאָ ס׳מוז אודאי זיין אַזוי וואָס. אָבער דאָס וואָס זי איז מיטגעקומען. זי! נאָך יענער בלוטיגער חרפה, וואָס זי האָט דיר אָנגעטהאָן—!

בערניק. אַך, ניט טראַכט מעהר פֿון אָט די אַלע אַלטע געשיכטען.

מאַדאַם בערניק. ווי קען איך איצט טראַכטען פֿון עפּעס אַנדערש ? ער איז דאָך פֿאָרט מיין ברודער... יאָ, שוין ניט פֿון זיינעטוועגען... אָבער די אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, דאָס גאַנצע עגמת נפש, וואָס דאָס וועט דיר פֿערשאַפֿען... ריכאַרד, מיר איז אַזוי מורא׳דיג שלעכט אויף׳ן האַרצען... כ׳האָב מורא—

בערניק. מורא פֿאַרוואָס ?

מאַדאַם בערניק. קען ווי ניט איינפֿאַלען אַשטייגער, איהם צו אַרעסטירען וועגען דאָס געלד, וואָס האָט דעמאָלט געפֿעהלט ביי דיין מוטער אין קאַסע ?

בערניק. ווייס איך וואָס, דומהייטען ! ווער קען דאָס בעווייזען, אַז מען האָט גע׳גנב׳עט געלד ?

מאַדאַם בערניק. גאָט מיינער, דאָס ווייסט דאָך לײדער די גאַנצע שטאָדט ; און דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט—

בערניק. כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט. וואָס ווייסט די שטאָדט פֿון אַזעלכע זאַכען ! דאָס זיינען אַלץ געוועזן פּוסטע קלאַנגען.

מאַדאַם בערניק. אָה, ווי גוט דו ביסט, ריכאַרד !

בערניק. לאָז מיך צורוה מיט אָט די עראינערונגען, זאָג איך דיר ! דו ווייסט ניט, ווי דו מוטשעסט מיך, דערמיט וואָס דו נעהמסט דאָס אַלעס יעדע ווײלע ווידער פֿונאַנדער. (ער געהט אַרויף און אַראָב, דערנאָך דערלאַנגט ער אַ וואָרף דעם שטעקען פֿון זיך.) און אויף צו להכעיס איצט זיינען זיי געקומען,—איצט, ווען איך דאַרף אַזוי נייטיג האָבען, מען זאָל ריידען פֿון מיר נור גוטס אי אין דער שטאָדט, אי אין דער פּרעסע. די בלעטער פֿון די נאָהנטע שטעדט וועלען בריינגען קאָרעספּאָנדענציעס פֿון דאַנעט. צי איך וועל זיי אויפֿנעהמען גוט, צי שלעכט—אַלץ איינס, מען וועט שוין דרעהען און אויסטייטשען דעם עסק, ווי מען וועט וועלען. מען וועט איבער אַ נייעם פֿונאַנדערשאַרען אָט די אַלע אַלטע מעשיות—אַקוראַט ווי דו טהוסט, אין אַ געזעלשאַפֿט ווי אונזערע—(טהוט אַ וואָרף די האַנד-שוה אויף׳ן טיש.)

און קיין אייגציגען מענשען האָב איך ניט, מיט וועמען זיך דורכצוריידען און ביי וועמען איך זאָל קענען זוכען אַ שטיקעל אָנשפּאַר.

מאַדאַם בערניק. גאָר קיינעם ניט, ריכאַרד?

בערניק. ניין,—וועמען פאָרט, צום ביישפּיעל?—און גראָד אַצונד קומען זיי מיר אויף'ן האַלז! קיין ספק ניט, אַז זיי וועלען מאַכען סקאַנדאַלען, אַזוי צי אַזוי,—דער עיקר זי. איז עס דאָ ניט אַן אונגליק צו האָבען אַזעלכע מענשען אין דער משפחה!

מאַדאַם בערניק. יאָ, איך בין ניט שולדיג אין דעם, וואָס—

בערניק. אין וואָס ביסט דו ניט שולדיג? וואָס דו ביסט פערוואַנדט מיט זיי?... זעהר ריכטיג—אין דעם ביסט דו ניט שולדיג.

מאַדאַם בערניק. און איך האָב זיי אויך ניט געבעטען צוריק צוקומען.

בערניק. זעהסט דו—אָט האָבען מיר עס! איך האָב זיי ניט געבעטען צוריקקומען,—איך האָב זיי ניט געשריבען,—איך האָב זיי ניט געבראַכט צושלעפּען אַהער! אָה, כ'קען דעם גאַנצען פזמון אויסוויינ‎יג.

מאַדאַם בערניק (ברעכט אויס אין אַ געוויין). אָבער דו ביסט אַזוי אונפריינדליך—

בערניק. אַזוי, אַזוי; וויין נור, וויין, כדי מען זאָל נאָך אין שטאָדט קענען ריידען דערפון אויך... וואַרף אַוועק די קינדערשע שטיק, בעטטי. געה אַרויס אויף דרויסען; דאָ קען נאָך אימיצער קומען. זאָל מען אפשר זעהן די מאַדאַם קאָנזול בערניק מיט רויטע אויגען? יאָ, מעהר פעהלט טאַקי ניט, דער עולם זאָל געוואָהר ווערן, אַז... נאַ, כ'הער אימיצען קומען אין קאָרידאָר! (מען קלאַפּט.) אַריין!

מאַדאַם בערניק געהט אַרויס מיט איהר נעה-אַרבייט אויף די גאָרטענטרעפּ. אַולער קומט אַריין פון רעכטס.

אַולער. גוטען טאָג, הערר קאָנזול.

בערניק. גוטען טאָג. נו, איהר מוזט אודאי טרעפען, מכח וואָס איך האָב אייך גערופען?

אַולער. דער פערוואַלטער האָט מיר נעכטען געזאָגט, אַז איהר וועט זיין אומצופריעדען דערמיט, וואָס—

בערניק. מיט דער גאַנצער פיהרונג אויף'ן דאָק בין איך אומצופריעדען, אַולער. די אַרבייט ריהרט זיך גאָר פון אָרט ניט. דער „טייטעלבוים" האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין פאַרטיג אָבצופאָהרען. קויפמאַן וויגעלאַנד האַלט מיך אין איין מוטשען; דער איז אַ זעהר שווערער שותף.

אַולער. דער „טייטעלבוים" וועט איבערמאָרגען זיין פאַרטיג אָבצופאָהרען.

בערניק. נאַ, סוף כל סוף! אָבער דער אַמעריקאַנער, די „גאַ־זעלע", וואָס ליגט שוין דאָ זינט פינף וואָכען צייט, און—

אַולער. דער אַמעריקאַנער? איך האָב פערשטאַנען, אַז מיר דאַרפען ראשית כל אָנווענדען אַלע אונזערע כחות אויף אייער אייגען שיף.

בערניק. כ'ווייס ניט, פון וואַנעט איהר האָט עס גענומען. אויך דער אַמעריקאַנער האָט געדאַרפט פעררינכט ווערן אַזוי גיך ווי מעג־ליך; אָבער ס'הויבט זיך גאָרניט אָ.

אַולער. דער באָדען פון'ם שיף איז פאָלשטענדיג פערפוילט, הערר קאָנזול; וואָס מעהר מיר פערלאַטען עס, אַלץ ערגער ווערט עס.

בערניק. דאָס איז ניט די אורזאַכע. קראַפ האָט מיר געזאָגט, אין וואָס עס געהט דאָ. איהר קענט פשוט ניט אַרבייטען מיט די נייע מאַשינען, וועלכע איך האָב זיך איינגעשאַפט,—אָדער בעסער געזאָגט, איהר ווילט מיט זיי ניט אַרבייטען.

אַולער. הערר קאָנזול, איהר ווייסט, איך בין שוין אַריבער די פופציג; פון יונג־ווייז אָן בין איך געוועהנט צו דעם אַלטען סיסטעם פון דער אַרבייט—

בערניק. דערמיט קענען מיר זיך היינט־צו־טאָג מעהר ניט בע־נוצען. און איהר דאַרפט ניט דיינקען, אַז מיר געהט דאָ וועגען אַ גרעסערן פראָפיט; צום גליק נייטיג איך זיך ניט דעריין; אָבער איך מוז נעהמען אין אַנבעטראַכט די געזעלשאַפט, אין וועלכער איך לעב, און די פירמאַ, וואו איך בין דער הויפט דעה־זאָגער. פון מיר מוז דער פראָגרעס קומען, אָדער—ס'בלייבט שטענדיג ביים אַלטען.

אַולער. כ'האב דאָך גאָרנישט דאַגעגען דעם פראָגרעס, הערר קאָנזול, אדרבה—

בערניק. יאָ, איהר וואָלט גערן געוואָלט דעם פראָגרעס, אָבער בלויז פאַר אייער בעשרענקטען קרייז, פאַר דער אַרבייטער־קלאַסע. אָה נישקשה, כ'ווייס אַלעם מכח אייער אַגיטאַציע; רעדעם האַלט איהר; איהר העצט אויף דעם עולם; אָבער ווי עס קומט נור צו אַ שטיקעל אמת'ן פראָגרעס, וואָס מען קען אָנגעהמען מיט דער האַנד, ווי אַצונד ביי אונזערע מאַשינען, דאַן ווילט איהר ניט הערען און זעהן,—דאַן ציטערט איהר; אַ מורא פאַלט אויף אייך.

אַולער. יאָ, כ'ציטער ווירקליך, הערר קאָנזול. מיר שרעקט דאָס האַרץ פאַר די אַרבייטער, ביי וועמען די מאַשינען וועלען אָבנעהמען זייער ברויט. איהר רעדט אַזוי אָפט דערפון, אַז מען מוז נעהמען אין אָנבעטראַכט די געזעלשאַפט; אָבער איך מיין, די געזעלשאַפט האָט דאָך עפעס אויך פפליכטען. ווי אַזוי קענען די וויסענשאַפט און דאָס קאַפיטאַל איינפיהרען אָט די נייע ערפינדונגען, איידער די געזעלשאַפט

האָט ערצויגען אַ דור פֿון מענשען, וואָס זאָלען זיך קענען בענוצען מיט זיי?

בערניק. איהר לייענט און גריבעלט צופֿיעל, אַולער; דאָס טהוט אייך גאָר קיין גוטס ניט; דאָס מאַכט אייך אומצופֿריעדען מיט אייער שטעלע.

אַולער. דאָס ניט, הערר קאָנזול; אָבער איך קען ניט רוהיג צו־זעהן, ווי איין גוטער אַרבייטער נאָך'ן אַנדערן ווערט אַוועקגעשיקט און געמאַכט ברויטלאָז צוליעב אָט די נייע מאַשינען.

בערניק. הם; אַז די דרוקעריי איז אויסגעפֿונען געוואָרען, איז מעהר ווי איין שרייבער געבליבען אָהן ברויט.

אַולער. וואָלט איהר, הערר קאָנזול, זיך אַזוי שטאַרק געפֿרעהט מיט דער דאָזיגער ערפֿונדענער קונסט, ווען איהר וואָלט דאַן אַשטיי־גער געווען אַ שרייבער?

בערניק. כ'האָב ניט געשיקט נאָך אייך, כדי מיט אייך אַ וכוח צו האָבען. כ'האָב אייך גערופֿען אַהער, כדי אייך צו זאָגען, אַז די „גאַזעלע" מוז איבערמאָרגען זיין פֿיקס און פֿאַרטיג אָבצופֿאָהרען.

אַולער. אָבער, הערר קאָנזול—

בערניק. איהר הערט: איבערמאָרגען! אין איין צייט מיט אונזער אייגענעם שיף; ניט איין שעה שפעטער. כ'האָב מיינע אורזאַכען, זיך אונטערצואיילען דערמיט און אַראָב פֿון מאַרק. איהר האָט געלייענט די היינטיגע מאָרגען־צייטונג?... נו, ווייסט איהר דאָך, אַז די אַמע־ריקאַנער האָבען שוין ווידער געמאַכט שטערונגען און משוגע'נע שטיק. אָט די אונפֿערשעהמטע באַנדע קעהרט איבער די גאַנצע שטאָדט מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף; ס'געהט ניט פֿערביי די נאַכט, עס זאָלען ניט פֿאָרקומען קיין געשלעגען אין די שיינקען און אויף דער גאַס,—פֿון אַלע אַנדערע מיאוס'ע זאַכען איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידען.

אַולער. יאָ, זיי זיינען ווירקליך אַ מיאוס'ע חברה.

בערניק. און ווען מען מאַכט מען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די דאָזיגע סקאַנדאַלען? מיך, פֿערשטעהט זיך! יאָ, איך קריג די גאַנצע גאָב דערפֿאַר. אָט די צייטונגס־שרייבער מאַכען מיך מיט דער בלאָטע צוגלייך, ווייל מיר פֿערטהוען די גאַנצע אַרבייטס־קראַפֿט אויף דעם „טייטעל־בוים". איך, וואָס מיין אויפֿגאַבע איז צו זיין אַ ביישפּיעל פֿאַר מיינע מיט־בירגער, מוז זיך לאָזען שליידערן אַזעלכע זאַכען אין פּנים אַריין! דאָס קען איך מעהר ניט פֿערטראָגען. עס לוינט מיר כלל וכלל ניט, אַז מיין נאָמען זאָל אויף אַזאַ אופן בעשמוצט ווערן.

אַולער. אָה, דער נאָמען אייערער, הערר קאָנזול, איז אַזוי גוט, אַז ער קען פֿערטראָגען דאָס און אַסך מעהר נאָך דערפֿון.

בערניק. ניט אַצונד; גראָד איצט מוז איך נייטיג האָבען אַזוי פיעל רעספּעקט און צוטרוי, וויפיעל מיינע מיט-בירגער קענען מיר נור שײנקען. איך האָב אַ גרױסע אונטערנעהמונג אין האַנד, ווי איהר האָט שוין מסתמא געהערט; און אַז עס זאָל זיך די שלעכטע מענשען איינגעבען אָבצוציהען דעם אונבעדינגטען צוטרוי צו מיין פּערזאָן, קען איך דורך דעם האָבען די גרעסטע שוועריגקייטען. אָט מחמת דעם וויל איך גאָר אָהן אַ שום תירוץ זיך בעפרייען פון די דאָזיגע רשעות׳דיגע, פערלײמדערישע צייטונגס-שרייבערייען, און דעריבער האָב איך בע-שטימט די צייט אויף איבערמאָרגען.

אָולער. הערר קאָנזול, איהר האָט פונקט אַזוי גוט געקענט בע-שטימען די צייט אויף היינט נאָכמיטאָג.

בערניק. איהר מיינט, הייסט עס, אַז איך פערלאַנג פון אייך אַן אונמעגליכע זאַך?

אָולער. יאָ,—מיט דער צאָהל אַרבייטער, וואָס מיר האָבען אַצונד—

בערניק. גוט, גוט;—דאַן מוזען מיר זיך אַרומזעהן ערגעץ אַנדערש.

אָולער. איהר מיינט ווירקליך אָבזאָגען נאָך מעהר אַלטע אַר-בייטער?

בערניק. ניין, ניט דאָס מיין איך.

אָולער. וואָרים איך מיין, ס׳וואָלט געוואָרען אַ שטאַרקע אויפ-רעגונג, ווען איהר טהוט עס—אי אין דער שטאָדט, אי אין די צייטונגען.

בערניק. קען געמאָלט זיין; דעריבער טאַקי לאָזען מיר עס דער-ווייל צורוה. אָבער אויב די „גאַזעלע״ איז ניט פאַרטיג צום פאָהרען איבערמאָרגען, טאָ וועל איך אײך אָבזאָגען.

אָולער (אין איין שרעק). מיך! (שמייכעלט.) ס׳איז דאָך געוויס ניט מעהר ווי אַ שפּאַס, הערר קאָנזול.

בערניק. ס׳איז שוין גאָר קיין שפּאַס ניט.

אָולער. און איהר האָט באמת געמיינט מיך אָבצוזאָגען? מיך, וועמעס פאָטער און זיידע האָבען זייער גאַנץ לעבען לאַנג געאַרבייט דאָ אויף׳ן דאָק, און וואָס איך אַליין—

בערניק. ווער צווינגט מיך דערצו?

אָולער. איהר פערלאַנגט אַן אונמעגליכע זאַך, הערר קאָנזול.

בערניק. אַך, דער גוטער ווילען ווייסט ניט פון קיין אונמעגליכעס. יאָ צי ניין! גיט מיר אַ קלאָהרען ענטפער, אָדער איהר זייט אָבגעזאָגט תיכף אויף׳ן שטעל.

אָולער (צוקומענדיג אַ טריט נעהנטער). האָט איהר זיך גוט בע-

רעכענט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס, אָבזאָגען אַן אַלטען אַרבייטער? איהר מיינט, אַלץ וואָס ער האָט צו טהאָן איז, זוכען ערגעץ אַנדערש אַרבייט? אָה יאָ, דאָס קען ער. אָבער צי איז דערמיט די זאַך געענדיגט? איהר וואָלט געמעגט זיין ביי אַזאַ אָבגעזאָגטען אַרבייטער אין הויז דעם אָוועכד, ווען ער קומט אַהיים און שטעלט אַוועק זיין געצייג הינטער דער טהיר.

ב ע ר נ י ק. איהר מיינט, איך זאָג אייך אָב מיט אַ גרינגען האַרצען? צי בין איך דען תמיד ניט געווען אַ הומאַנער, רעכט-דיינקענדער אַרבייט-געבער?

אַ ו ל ע ר. נאָך ערגער פאַר מיר, הערר קאָנזול. טאַקי מחמת דעם וועלען מיינע לייט אין דערהיים ניט א י י ך שולדיג מאַכען דערפאַר. זיי וועלען מיר גאָרנישט זאָגען, וואָרים דערצו האָבען זיי קיין האַרץ נישט; אָבער זיי וועלען מיך, בשעת איך וועל עס ניט מערקען, אָנקוקען מיט אַ פראַגע אין די אויגען און זיך טראַכטען ביי זיך: ער האָט עס אודאי געמוזט פערדיענען. זעהט איהר, דאָס—דאָס קען איך ניט פערטראָגען. ווי אָרים, ווי פראָסט אַ מאַן, ווי איך, זאָל נישט זיין, בין איך פאָרט שטענדיג געוועהנט געווען, בעטראַכט צו ווערן אַלס דיער קאָפ פון מיין פאַמיליע. מיין פראָסטע היים איז אויך פאַר זיך אַ מין קליינע געזעלשאַפט. און די דאָזיגע קליינע געזעלשאַפט האָב איך נור געקענט שטיצען און האַלטען אויף די פיס, ווייל מיין פרוי און מיינע קינדער האָבען אין מיר געגלויבט... און אַצונד זאָל דאָס אַלצדינג מיט אַמאָל חרוב ווערן?

ב ע ר נ י ק. יאָ, אַז ס׳קען אַנדערש ניט זיין, מוז דאָס קלענערע צוליעב דעם גרעסערן פאַלען; דער איינצעלנער, דער יחיד מעג אין גאָט׳ס נאָמען געאָפפערט ווערן דעם כלל. קיין אַנדער ענטפער קען איך אייך ניט געבען, און אַנדערש געהט עס אויך ניט אין דער וועלט. אָבער איהר זייט אַ קשה-עורף, אַן איינגעשפאַרטער מאַן, אַולער! איהר שטעלט זיך מיר אַנטקעגען, ניט מחמת איהר קענט אַנדערש ניט, נאָר ווייל איהר ווילט ניט, עס זאָל דערוויזען ווערן די מעלה פון די מאַשינען איבער די האַנד-אַרבייט.

אַ ו ל ע ר. און איהר האַלט זיך פעסט אָן דעם, הערר קאָנזול, מחמת איהר ווייסט, אַז די פרעסע וועט ווייניגסטענס אַנערקענען אייער גוטען ווילען, אַז איהר וועט מיך דורכטרייבען פון זיך.

ב ע ר נ י ק. און אַז עס איז אַזוי, איז וואָס? איהר הערט דאָך, מכח וואָס ס׳האַנדעלט זיך דאָ,—ס׳געהט אין דעם, ענטוועדער אָנרייצען אויף מיר די פרעסע אָדער זי געווינען אויף מיין זייט אין דעם אויגענבליק, ווען איך אַרבייט פאַר אַ גרויסער זאַך לטובת הכלל. כ׳פרעג אייך—קען איך דאָ אַנדערש האַנדלען? כ׳פערזיכער אייך, די פראַגע

דרעהט זיך דאָ מכח דעם, ענטוועדער אייער היים אויפצוהאַלטען, ווי איהר רופט עס, אָדער פיליכט הונדערטע פון נייע היימען אונטערצוגראָבען,—היימען, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט קענען אויפגעריכט ווערן, קיינמאָל קיין רויכערדיגען קוימען ניט האָבען, אַז מיר זאָל זיך חלילה ניט איינגעבען, דורכצופיהרען דאָס, וואָס איך האָב אַצונד גענומען אין דער האַנד... דעריבער גיב איך אייך דאָ די ברירה אויסצוקלייבען.

אַולער. אויב אַזוי, טאָ האָב איך מעהר גאָרנישט וואָס צו זאָגען.

בערניק. הם... מיין ליעבער אַולער, ס׳טהוט מיר ווירקליך לייד, וואָס מיר מוזען זיך צושיידען.

אַולער. מיר וועלען זיך ניט צושיידען, הערר קאָנזול.

בערניק. וואָס הייסט?

אַולער. אַ פשוט׳ער מענש האָט אויך עפעס אויפצוהאַלטען דאָ אין דער וועלט.

בערניק. אַודאי, אַודאי... איהר מיינט, הייסט עס, אַז איהר וואָלט געקענט צוזאָגען—

אַולער. די „גאַזעלע" וועט איבערמאָרגען זיין פאַרטיג צום פאָהרען. (ער גריסט און געהט אַרויס רעכטס.)

בערניק. אַהאַ, דעם שטייפען נאַקען האָב איך אַלזאָ פאָרט געבויגען. דאָס איז כ׳לעבען אַ גוטער סימן—

הילמאַר, מיט אַ ציגאַר אין מויל, קומט אַריין דורך דער גאָרטען-טהיר.

הילמאַר (אויף די גאָרטען-טרעפ). גוטען טאָג, בעטטי! גוטען טאָג, בערניק!

מאַדאַם בערניק. גוטען טאָג.

הילמאַר. נאַ, דו האָסט געוויינט, זעה איך. אָט אַפנים דו ווייסט עס שוין?

מאַדאַם בערניק. וואָס זאָל איך וויסען?

הילמאַר. אַז דער סקאַנדאַל צוטראָגט זיך אויף אַלע פיער. אוף, אוף!

בערניק. וואָס זאָגסט דו!

הילמאַר (קומט אַריין). נו יאָ, דיביידע אַמעריקאַנער שפאַצירען אַרום איבער די גאַסען אינאיינעם מיט דינאַ׳ן.

מאַדאַם בערניק (איהם נאָכגעהענדיג). אָבער, הילמאַר, קען׳ס מעגליך זיין—?

הילמאַר. יאָ לײדער... דער ריינסטער אמת. לאָנאַ איז זאָגאַר געוועזן אַזוי טאַקטלאָז, מיר נאָכצורופען; אָבער איך האָב זיך, פערשטעהט זיך, געמאַכט ניט הערענדיג.

בערניק. און דאָס איז אודאי ניט געבליבען אונבעמערקט.

הילמאַר. כ׳מיין עפעס אַזוי. דער עולם האָט זיך אָבגעשטעלט

קוקען אויף זיי. ס׳האָט אויסגעזעהן, אָקוראַט ווי די ידיעה וואָלט זיך אַזוי ווי אַ העליש פֿייער פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט— אַן ערך אַזוי ווי אַ גרויסער בראַנד אין די סטעפּעס. אין אַלע הייזער איז דער עולם געשטאַנען ביי די פֿענסטער און געוואַרט דערויף, דער צוג זאָל פֿערבייגעהן; הינטער די פֿאָרהאַנגען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ— אוף, אוף! דו מוזט מיר ענטשולדיגען, בעטטי, וואָס איך זאָג אַלץ: אוף, אוף! מחמת אַזאַ מין סצענע מאַכט מיך נערוועז... אַז דאָס זאָל אַזוי אָנהאַלטען, וועל איך, בנאמנות, מוזען מאַכען אַ ווייטע רייזע פֿון דאַנעט.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער דו האָסט זיך דאָך געמעגט מיט איהם דורכשמועסען און איהם פֿאָרשטעלען—

ה י ל מ אַ ר. אויף׳ן מיטען גאַס? מוזט מיר ווירקליך ענטשולדיגען... אָבער דאָס וואָס דער מענש סמייעט איבערהויפּט זיך צו ווייזען דאָ אין שטאָדט!... נאַ, מיר וועלען אַקאָרשט זעהן, צי וועלען די בלעטער איהם ניט פֿערקאָכען אַ קאַשע; יאָ, ענטשולדיג, בעטטי, אָבער—

ב ע ר נ י ק. די בלעטער, זאָגסט דו? וואָס זשע, האָסט עפּעס געמערקט אַן אָנצוהערעניש מכח דעם?

ה י ל מ אַ ר. יאָ, ס׳הייגגט עפּעס אַזאַ מין שטימונג אין דער לופֿט. בשת איך בין נעכטען אָבענד אַוועק פֿון אייך, האָב איך זיך געלאָזט געהן אין קלוב, צוליעב מיין געזונד, פֿערשטעהט זיך. פֿון דעם שטילשווייגען, וואָס איז מיט אַמאָל געוואָרען, בעת איך בין אַריינגעקומען, האָב איך בעשיינפּערליך אַרויסגעזעהן, אַז די צוויי אַמעריקאַנער זיינען געוועזען אויף דער טאַגעס-אָרדנונג. מיט אַמאָל קומט אַריין דער אונפֿערשעהמטער רעדאַקטאָר האַמער, און גאַנץ הויך אויף׳ן קול גיט ער מיר אָב אַ „מיט-ליעב אייך אייער גאַסט" צו דעם צוריקקומע: פֿון מיין רייכען שוועסטער-קינד.

ב ע ר נ י ק. רייך—?

ה י ל מ אַ ר. יאָ, אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. כ׳האָב איהם, פֿערשטעהט זיך, אָבגעמאָסטען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט אַ פּאָר אויגען פֿול ערשטוינונג, ווי ער האָט עס פֿערדיענט, און האָב איהם געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז איך הויב כלל וכלל ניט אָן וויסען מכח דעם רייכטהום פֿון הערר יאָהאַן טענעסען. „אַזוי," מאַכט ער, „דאָס איז מערקווירדיג; אין אַמעריקאַ פֿלעגט מען דאָך צו וואָס עס איז קומען, אַז מען האָט עפּעס געהאַט אויף אַן אָנפֿאַנג, און אייער שוועסטער-קינד איז דאָך ניט מיט קיין ליידיגע הענד אַוועקגעפֿאָהרען אַהין."

ב ע ר נ י ק. הם, טהו מיר אַ טובה—

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (פֿער׳צרה׳ט). נאַ, זעהסט דו, ריכאַרד—

ה י ל מ אַ ר. יאָ, על כל פנים האָב איך צוליעב דער דאָזיגער פּערזאָן די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקענט צומאַכען. און דאָ שפּאַצירט

ער זיך גאָר אַרום איבער די גאַסען מיט אַזאַ געזיכט, אָקוראַט ווי ס׳וואָלט מיט איהם גאָרנישט געטראָפען. פאַרוואָס זיינען מיר פאָרט ניט פטיר געוואָרען פון אָט דעם טהייערען קרוב אונזערן? ס׳איז גאָר ניט צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ האַרטע פעל געוויסע מענשען האָבען.

מאַדאַם בערניק. גאָט איז מיט דיר, הילמאַר, וואָס זאָגסט דו?

הילמאַר. כ׳זאָג גאָרנישט. אָבער פון אַלע אייזענבאַהן-אומגליקען און פון אַלע־מינים געפעכטען מיט די קאַליפאָרנישע בערען און מיט די שוואַרצפיסיגע אינדיאַנער איז ער אַרויס מיט׳ן לעבען; בנאמנות, ער איז דאָך אפילו ניט סקאַלפירט — אוף, אוף! אָן געהען זיי שוין.

בערניק (אַרויסקוקענדיג אין גאַס). און אָלאַף איז אויך מיט זיי!

הילמאַר. פערשטעהט זיך. זיי מוזען דאָך דערמאָנען דעם עולם, אַז זיי זיינען עפּעס ניט אַבי ווער, אַז זיי געהערן צו דער ערשטער פאַמיליע אין שטאָדט... זעה, זעה, אָט קומען אַרויס אַלע לויפערס פון אַפּטייק און קוקען און מאַכען זייערע בעמערקונגען. דאָס איז ווירקליך ניט פאַר מיינע נערווען; ווי אַזוי מען קען אונטער אַזוינע אומשטענדען האַלטען הויך די גייסטיגע פאָהן, דאָס —

בערניק. זיי קומען דירעקט אַהער. אַלזאָ הער אויס, בעטטי, ס׳איז מיין בעשטימטער פערלאַנג, דו זאָלסט זיין צו זיי אַזוי פריינדליך ווי נור מעגליך.

מאַדאַם בערניק. דו ערלויבסט עס מיר, ריכאַרד?

בערניק. אודאי; אַודאי. און דו אויך, הילמאַר. כ׳האָף, אַז זיי וועלען ניט בלייבען לאַנג דאָ; און אַז מיר זיינען צווישען זיך... קיין שום אָנצוהערעניש... מיר טהאָרען זיי אויף קיין שום אופן ניט בעליידיגען.

מאַדאַם בערניק. אָה, ריכאַרד, ווי גרויסמוטהיג דו ביסט!

בערניק. נו, נו, מוחל.

מאַדאַם בערניק. ניין, דו ביסט ווירקליך ווערטה אַ דאַנק; און פערצייה מיר, וואָס איך בין פריהער אַזוי האַסטיג געווען. אָה, דו האָסט דאָך געהאַט יעדען גרונד צו —

בערניק. אַ סוף, אַ סוף, זאָג איך!

הילמאַר. אוף, אוף!

יאָהאַן טענעסען און דינאַ, דערנאָך לאָנאַ העסעל און אָלאַף קומען אַריין דורך׳ן גאָרטען.

פריילין העסעל. גוטען טאָג, גוטען טאָג, איהר ליעבע לייט.

יאָהאַן. נו, זיינען מיר אַביסעל געווען אויף דרויסען און האָבען אַרומגעקוקט אַלע אַלטע פלעצער.

בערניק. יאָ, דאָס הער איך. אַ היבשער איבערבייט, ניט אמת?

פריילין העסעל. אומעטום קאָנזול בערניק׳ס גרויסע און שיינע

מעשים... מיר זיינען אויך אויבען געווען, אין די גערטנער, וואס דו האסט דער שטאדט געשיינקט—

ב ע ר נ י ק. אה, ד א ר ט ע ן?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. „קאנזול בערניק׳ס מתנה״, ווי ס׳שטעהט איבער דעם אריינגאנג. יא, דו ביסט דאך דער ערשטער מאן דא אין שטאדט—

י א ה א ן. און וואס פאר אויסגעצייכענטע שיפען דו האסט! כ׳האב זיך געטראפען מיט דעם קאפיטאן פון „טייטעלבוים״, מיין אלטען חבר—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און א נייע שול-געביידע האסט דו דאך אויך אויפגעבויט—

י א ה א ן. און פאר די וואסער-לייטונג אזוי גוט ווי פאר די גאז-בעלייכטונג האט די שטאדט אלץ דיר צו פערדאנקען, ווי איך הער.

ב ע ר נ י ק. נו, מען מוז דאך וואס טהאן פאר דער געזעלשאפט, אין וועלכער מען לעבט.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. דאס איז זעהר פיין פון דיר, שוואגער; אבער ס׳איז אויך א פרייד צו הערען, ווי דער עולם רעדט פון דיר. איך בין ניט קיין בעריהמערקע, מיין איך; נאר פונדעסטוועגען האב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען דעם איינעם אדער דעם אנדערן, מיט וועמען מיר האבען גערעדט, צו דערמאנען, אז מיר געהערן צו דער פאמיליע.

ה י ל מ א ר. אוף, אוף—!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואס זשע, זאגסט שוין ווידער אוף, אוף?

ה י ל מ א ר. ניין, כ׳האב געזאגט אהא!...

פ ר י ל י י ן ה ע ס ע ל. מילא, קענסט זאגען וואס דו ווילסט, דו ארעמער יונג... אבער וואס איז דאס? איהר זייט גאר היינט איינע אליין דא?

מ א ד א ם ב ע ר נ י ק. יא, היינט זיינען מיר אליין.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ריכטיג, אויף׳ן מארק האבען מיר בעגעגענט א פאר פון די דאזיגע מאראלישע; זיי האבען זיך געמאכט עפעס אזוי ווי זיי וואלטען קיין מינוט ניט געקענט פערלירען... אבער מיר האבען דאך נאך ניט געקענט א שמועס טהאן איינע מיט די אנדערע ווי ס׳דארף צו זיין; נעכטען זיינען דא געווען די דריי פיאנירען פון פראגרעס, און דערצו האבען מיר דא געהאט דעם פאסטאר—

ה י ל מ א ר. דעם וויצע-פרעדיגער.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. איך רוף איהם פאסטאר... אבער וואס זאגט איהר עפעס צו מיין ווערק? איא, ער איז געווארען א זואוילער יונג? ווער וואלט אצונד דערקענען אין איהם דעם ווילדען

בחור, וואָס איז פאַר פּופּצעהן יאָהרען אַנטלאָפען פון דאַנעט?

הילמאַר. אַה—!

יאָהאַן. אַך, לאָנאַ, בעריהם זיך נאָר נישט צו שטאַרק!

פּרייליין העסעל. ווי איך זאָל ניט שטאָלץ זיין מיט דיר? גאָט מיינער, דו ביסט דאָך דאָס איינציגע, וואָס איך האָב דאָ אויסגעריכט אויף דער וועלט—

הילמאַר. אויסגעריכט—אוף, אוף!

פּרייליין העסעל. יאָ, יאָהאַן, אַז איך דערמאָן זיך, ווי מיר ביידע האָבען זיך דאָרט אין אָנהויב דורכגעשלאָגען מיט אונזערע ליידיגע פיער הענד—

הילמאַר. ליידיגע? נאַ, הערט איהר—!

פּרייליין העסעל. וואָס זאָל מען הערן?

בערניק. הם!

הילמאַר. הערט איהר! דאָס איז כ׳לעבען—אוף, אוף! (ער געהט אַרויס אויף די גאָרטען-טרעפּ.)

פּרייליין העסעל. וואָס איז פאָרט דעם מענשען געשעהן?

בערניק. אַך, לאָז איהם צורוה; ער איז אַצינד אַביסעל נערוועז. אָבער ווילסט דו גאָרניט אַ קוק טהאָן אַ ווייליע אויף׳ן גאָרטען? דו ביסט דאָך נאָך גאָרנישט געווען דאָרט, און איך האָב איצט גראָד אַ פרייע שעה.

פּרייליין העסעל, מיט פערגניגען; איהר מעגט מיר גלויבען, אין מיין געדאַנקען בין איך גאָר אָפט געווען ביי אייך אין גאָרטען.

מאַדאַם בערניק. דו וועסט זעהן, אויך דאָרט זיינען פיעל זאַכען אומגעביטען געוואָרען. (דער קאָנזול, זיין פרוי און פרייליין העסעל געהען אַוועק אין גאָרטען, וואו מען בעמערקט זיי פון צייט צו צייט.)

אָלאַף (אין דער גאָרטען-טהיר). פעטער הילמאַר, דו ווייסט, וואָס דער פעטער יאָהאַן האָט מיך געפרעגט? ער האָט געפרעגט, צו איך וואָלט וועלען מיט איהם פאָהרען קיין אַמעריקאַ.

הילמאַר. דו נאַרישער בחור, וואָס האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר דער מאַמעס פאַרטוך—?

אָלאַף. יאָ, אָבער איך וועל שוין מעהר ניט זיין אַזוי. נישקשה, דו וועסט זעהן, אַז איך וועל ווערן גרויס—

הילמאַר. נו, נו, נעכטיגע טעג! דו ביסט ניט דער מענש דערצו, צו אונטערנעהמען יענע גרויסע נערוועזן-צוטרייסלענדע טהאַטען, וואָס— (זיי געהען אינאיינעם אַרונטער אין גאָרטען.)

יאָהאַן (צו דינאַ׳ן, וועלכע שטעהט מיט׳ן הוט אין דער האַנד אין דער טהיר רעכטס און קלאַפּט זיך אָב דעם שטויב פון קלייד). דער שפּאַציר-גאַנג האָט אייך גוט צוואַרימט.

דינאַ. יאָ, ס׳איז געווען זעהר שעהן... אַזאַ שעהנעם שפּאַציר האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט.

יאָהאַן. וואָס זשע, איהר פּלעגט דען ניט געהן אָפּט שפּאַצירען פּאָרמיטאָג?

דינאַ. יאָ; אָבער נור מיט אַלאַף׳ן.

יאָהאַן. אַהאַ!—איהר ווילט אפשר זיך דורכגעהן אַביסעל אי גאָרטען?

דינאַ. ניין, כ׳בלייב ליעבערשט דאָ.

יאָהאַן. איך אויך... ס׳איז אַלזאָ אָבגעמאַכט, אַז מיר וועלען יעדען אין דער פריה נעהמען אַזאַ שפּאַציר...

דינאַ. ניין, הערד טענעסאָן, לאָמיר עס ליעבערשט ניט טהאָן.

יאָהאַן. פאַרוואָס ניט? איהר האָט דאָך עס צוגעזאָגט.

דינאַ. יאָ... אָבער... כ׳האָב זיך בעטראַכט... איהר דאַרפט ניט אַרומגעהן מיט מיר.

יאָהאַן. אָבער פאַרוואָס ניט?

דינאַ. מחמת... איהר זייט אַ פרעמדער דאָ, איהר קענט עס גאָר־ניט בעגרייפען; אָבער איך וועל עס אייך זאָגען—

יאָהאַן. דהיינו, וואָס?

דינאַ. ניין, כ׳וועל בעסער נישט ריידען דערפון.

יאָהאַן. אַנו קאָרשט; מיט מיר קענט איהר ריידען אָפענע דבורים, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס עס זאָל ניט זיין.

דינאַ. יאָ, כ׳מוז אייך זאָגען... איך בין ניט אַזוי ווי די אַנדערע יונגע מיידלאַך; פאַרהאַן עפּעס—אַזוי עפּעס וועגען מיר... מחמת דעם דאַרפט איהר עס ניט טהאָן.

יאָהאַן. אָבער פון דעם אַלעמען הויב איך גאָרנישט אָן פער־שטעהן... איהר האָט דאָך, חלילה, קיין שום שלעכטעס ניט געטהאָן?

דינאַ. איך ניט; אָבער... ניין, לאָמיר בעסער אויפהערן ריידען דערפון. איהר וועט עס שוין געוואָהר ווערן פון די אַנדערע.

יאָהאַן. הם.

דינאַ. נאָר מכח עפּעס אַנדערש האָב איך זיך געוואָלט ביי אייך נאָכפרעגען.

יאָהאַן. אַשטייגער?

דינאַ. מען זאָגט, ס׳איז גרינג זיך צושלאָגען צו עפּעס רעכטס דאָרט אין אַמעריקאַ.

יאָהאַן. שייך צו זאָגען, זעהר גרינג איז עס גראָד ניט, על כל פנים ניט תמיד; די ערשטע צייט מוז מען אָפט גאַנץ שווער אַרבייטען.

דינאַ. אָט דאָס טאַקי וואָלט איך גערן געוואָלט—

יאָהאַן. איהר?

דינאַ. אָה, איך קען אַרבייטען; כ׳בין געזונד און שטאַרק, און די

מוהמע מאַרטהאַ האָט מיך פּיעלעס אויסגעלערנט.

יאָהאַן. הערסט אַביסעל, טאָ פאַרוואָס זאָלט איהר טאַקי ניט פאָהרען מיט אונז?

דינאַ. אַך, איהר טרייבט דאָך נור קאַטאָוועס מיט מיר; דאָס זאָגט איהר דאָך אָלאַף׳ן אויך. אָבער דאָס, וואָס איך וואָלט געוואָלט וויסען, איז, צי די מענשען דאָרטען זיינען זעהר—זעהר שטאַרק מאָראַליש?

יאָהאַן. מאָראַליש?

דינאַ. יאָ, כ׳מיין, צי זיי זיינען אַזוי—אַזוי אָנשטענדיג און פיין ווי דאָ.

יאָהאַן. נו, זיי זיינען על כל פנים ניט אַזוי שלעכט, ווי מען גלויבט דאָ, דערפאַר האָט איהר ניט וואָס מורא צו האָבען.

דינאַ. איהר פערשטעהט ניט וואָס איך מיין. אדרבה, כ׳וואָלט געוואָלט, זיי זאָלען ניט זיין אַזוי אָנשטענדיג און מאָראַליש.

יאָהאַן. ניט? טאָ ווי דען זאָלען זיי זיין?

דינאַ. כ׳וואָלט געוואָלט, זיי זאָלען זיין נאַטירליך...

יאָהאַן. אָט דאָס גראָד זיינען זיי אפשר.

דינאַ. וואָרים דאַן וואָלט עס גוט געווען פאַר מיר, אַריבערצו-פאָהרען אַהין.

יאָהאַן. נו געוויס; און דעריבער מוזט איהר פאָהרען מיט אונז.

דינאַ. ניין, ניט מיט אייך; כ׳מוז פאָהרען אַליין. אָה, כ׳וועל זיך צושלאָגען צו וואָס עס איז; כ׳וועל שוין יאַקאָש ווערן בראַוו—

בערניק. (ביי די גאָרטען-טרעפּ לעבען די צוויי דאַמען.) בלייב, בלייב דאָ; איך וועל איהר דיר אַרויסברייגגען, ליעבע בעטטי. דו קענסט זיך נאָך פערקיהלען. (ער געהט אַריין אין סאַלאָן און זוכט זיין פרוי׳ס שאַל.)

מאַדאַם בערניק (אויף דרויסען אין גאָרטען). דו מוזט אויך מיטגעהן מיט אונז, יאָהאַן; מיר וועלען אַרונטערגעהן אין דער הייהל.

בערניק. ניין, יאָהאַן מוז בלייבען דאָ. נאָ, דינאַ; גיב מיין פרוי דעם שאַל און געה מיט איהר. יאָהאַן וועט בלייבען דאָ מיט מיר, בעטטי טהייערע. כ׳מוז דאָך אַ שמועס טהאָן אַ ווײַלע מיט איהם מכח דעם, וואָס קומט פאַר דאָרט אין אַמעריקאַ.

מאַדאַם בערניק. יאָ, יאָ; אָבער דו זאָלסט תיכף אונטער-קומען; דו ווייסט דאָך, וואו מיר זיינען. (מאַדאַם בערניק, פריילין העסעל און דינאַ געהען אַרונטער דעם גאָרטען לינקס.)

בערניק (קוקט זיי נאָך אַ רגע, מאַכט צו די אויבערשטע טהיר לינקס, דערנאָך געהט ער צו צו יאָהאַן׳ן, נעהמט איהם אָן פאַר ביידע הענד און טרייסעלט און דריקט זיי). יאָהאַן, ענדליך זיינען מיר אַליין; און אַצונד לאָמיך דיר באַטש דאַנקען!

יאָהאַן. פֿאַרוואָס?

בערניק. מיין הויז, מיין היים און מיין פֿאַמיליען-גליק,—מיין גאַנצען בירגערליכען מעמד אין דער געזעלשאַפֿט—אַלצדינג האָב איך דיר צו פֿערדאַנקען!

יאָהאַן. דאָס פֿרעהט מיך, ליעבער ריכאַרד, זי האָט זיך אַלזאָ פֿאָרט אויסגעלאָזט צום גוטען, יענע נאַרישע מעשה...

בערניק (טרייסעלט איהם ווידער די הענד). אַ דאַנק, אַ הערצליכען דאַנק! ניט איינער פֿון טויזענד אפילו וואָלט געטהאָן דאָס, וואָס דו האָסט פֿאַר מיר דעמאָלט געטהאָן.

יאָהאַן. ווייס איך וואָס! זיינען מיר דען ביידע ניט געוועזן יונג און לייכטזיניג? איינער פֿון אונז האָט דאָך געמוזט נעהמען אויף זיך די שולד—

בערניק. אָבער ווער איז נעהנטער געוועזן דערצו, איידער דער שולדיגער?

יאָהאַן. וואַרט אַקאָרשט! דעמאָלט איז דאָס געלעגען נעהנטער צום אונשולדיגען. איך בין געוועזן אַ יתום, פֿראַנק און פֿריי. דו אָבער האָסט נאָך געהאַט אַן אַלטע מוטער, וואָס האָט געלעבט; און דערצו האָסט דו זיך גראָד דאַן בשתיקה פֿער׳קנס׳ט מיט בעטטי׳ן, וועלכע איז געוועזן שטאַרק פֿערליעבט אין דיר. וואָס וואָלט פֿון איהר געוואָרען, ווען זי דערוויסט זיך—?

בערניק. אַודאי, אַודאי, אַודאי; אָבער—

יאָהאַן. און איז עס דען ניט געוועזן צוליעב בעטטי׳ן, וואָס דו האָסט מיט אַמאָל אָבגעבראָכען מיט מאַדאַם דאָרף? און בלויז כדי איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו דער זאַך, ביסט דו יענעם אָבענד—

בערניק. יאָ, יענער אונגליקליכער אָבענד, בעת דער שכור׳ער מענש איז געקומען אַהיים—! אַודאי, יאָהאַן, איז דאָס געשעהן צוליעב בעטטי׳ן; און פֿונדעסטוועגען—דאָס וואָס דו האָסט אַזוי גערן גענומען אויף זיך די חרפה און ביסט אַוועקגעפֿאָהרען—

יאָהאַן. נאָר קיין עגמת נפש ניט, ליעבער ריכאַרד. מיר האָבען דאָך צווישען זיך אָבגערעדט, אַז אַזוי דאַרף זיין; דו האָסט דאָך געמוזט אַרויס פֿון דער צרה—און צי ביסט דו דען ניט געוועזן מיין פֿריינד? ווי שטאָלץ בין איך דאָס אַביסעל געוועזן מיט דער דאָזיגער פֿריינדשאַפֿט! דאָ בין איך אַרומגעגאַנגען, איך אָרעמער באַנק-קוועטשער, איינער אַליין, אונטער דער לאַסט פֿון מיין ביכער-פֿיהרעריי,—מיט אַמאָל קומסט דו צוריק, פֿיין און גרויסאַרטיג, פֿון דיין לאַנגער רייזע אין אויסלאַנד; ביסט געוועזן אין לאָנדאָן און אין פּאַריז, און דאָ קלייבסטו מיר גאָר אויס פֿאַר אַ בוזים-פֿריינד, כאָטש

איך בין געווען מיט פֿיער יאָהר איננגער פֿאַר דיר,—נו יאָ, דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, געווען דערפֿאַר וואָס דו האָסט זיך דאַן גע'שדכן'ט צו בעטטי'ן; אַצונד איז דאָס פֿאַר מיר קלאָהר. אָבער ווי שטאָלץ בין איך געווען דערמיט! און ווער וואָלט עס דען ניט געווען? ווער וואָלט זיך דאָס ניט גערן געאָפּפּערט פֿאַר דיר,—דער עיקר, ווען עס איז מעהר ניט געגאַנגען נור וועגען עטליכע וואָכען שטאָדט-רייד ערייי און מען האָט זיך דערפֿון נאָך אויך געקענט בעפֿרייען, אַרויסלויפֿענדיג אין די ווייטע וועלט...

בערניק. הם, מיין ליעבער יאָהאַן, כ'מוז דיר זאָגען דעם רעכטען אמת: אין גאַנצען פֿערגעסען איז די געשיכטע נאָך איצט אויך ניט.

יאָהאַן. אַזוי? נאַ, וואָס מאַכט עס מיר אויס, ווען איך וועל ווי- דער זיין דאָרט אויף מיין פֿאַרם—?

בערניק. דו פֿאָהרסט, הייסט עס, צוריק?

יאָהאַן. פֿערשטעהט זיך.

בערניק. אָבער האָפֿענטליך דאָך ניט אַזוי גיך?

יאָהאַן. אַזוי גיך ווי מעגליך. כ'בין דאָך נור לאָנאַ'ן צוליעב אַריבערגעקומען מיט איהר אַהער.

בערניק. אַזוי?... אָבער ווי—

יאָהאַן. יאָ, זעהסט דו, לאָנאַ איז שוין ניט יונג, און אין דער לעצטער צייט האָט זי אָנגעהויבען שטאַרק בייַנקען אַהיים; אָבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט מודה זיין דערויף; (שמייכעלט) ווי אַזוי האָט זי גאָר געקענט פֿועל'ן ביי זיך, מיך לייכטזיניגען יונג אי- בערצולאָזען אַליין,—מיך, וואָס צו נייַנצעהן יאָהר שוין האָב איך זיך אָבגעגעבען מיט—

בערניק. און דאַן?

יאָהאַן. יאָ, ריכאַרד, אַצונד מוז איך דיר ענטדעקען אַ זאַך, מיט איהר שעהם איך זיך ווירקליך.

בערניק. דו האָסט דאָך איהר ניט אויסגעזאָגט דעם אמת, וואָס?

יאָהאַן. יאָ, כ'האָב עס געטהאָן. ס'איז ניט פֿיין געווען פֿון מיין זייט, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפֿען. דו קענסט זיך גאָר ניט משער זיין, וואָס לאָנאַ איז מיר געווען. דו האָסט זי קיינמאָל ניט געקענט ליידען; אָבער מיר איז זי אַ מוטער געווען. אין די ערשטע יאָהרען, בשעת ס'איז אונז דאָרט געגאַנגען אַזוי שלעכט—וואָס האָט זי פֿאָרט ניט צוגעאַרבייט! און אַז איך בין דערנאָך אַ לאַנגע צייט קראַנק געווען און האָב גאָרנישט פֿערדיענט,—איז זי אַרומגעגאַנגען, (כ'האָב איהר ניט געקענט אָבהאַלטען דערפֿון) און האָט געזונגען און גע- האַלטען הומאָריסטישע פֿאָרטרעגע אין די קאַפֿע-הייזער; און דאַן האָט זי אָנגעשריבען אַ בוך, איבער וועלכען זי האָט דערנאָך געוויינט און

געלאַכט,—אַלעס נור, כדי מיך צו דערהאַלטען ביים לעבען. האָב איך עס געקענט צוזעהן, ווי זי געהט אַרום און ווערט וואָס ווייטער אַלץ פינסטערער פון בייגקעניש אַהיים,—זי, וועלכע האָט פאַר מיר אַזוי פיעל געאַרבייט און געליטען? ניין, ריכאַרד, כ׳האָב ניט געקענט. און איך האָב איהר געזאָגט: קענסט פאָהרען, לאַנאַ; פאַר מיר האָסט דו ניט וואָס מורא צו האָבען; כ׳בין ניט אַזוי לייכטזיניג ווי דו מיינסט... און דאָ—דאָ האָט זי זיך דערוואוסט דערפון.

ב ע ר נ י ק. און וואָס האָט זי דערצו געזאָגט?

י אָ ה אַ ן. נו, זי האָט געזאָגט—און מיט רעכט—אַז ווי באַלד איך בין אומשולדיג, טאָ קען איך דאָך גאָר ניט האָבען דאַגעגען מיטצופאָהרען מיט איהר אַהער... אָבער מעגסט רוהיג זיין: לאַנאַ וועט שווייגען שטיל און איך וועל שוין פון היינט מאָל אָן זיך היטען און ניט אויסריידען מעהר קיין וואָרט.

ב ע ר נ י ק. יאָ, יאָ, כ׳פערלאָז זיך דערויף.

י אָ ה אַ ן. נאַ דיר מיין האַנד דערויף. און אַצונד לאָז זיין גענוג צו ריידען וועגען דער אַלטער געשיכטע; צום גליק איז דאָס די איינציגע נאַרישהייט אין וועלכער מיר זיינען פערמישט... איך וויל הנאה האָבען פון די עטליכע טעג, וואָס איך וועל דאָ פערברייגנען, אָבער טאַקי הנאה האָבען ווי ס׳געהער צו זיין, הערסט דו? קענסט זיך גאָר ניט משער זיין, וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיגען שפאַציר מיר האָבען היינט אין דער פריה געמאַכט. ווער וואָלט זיך דאָס געגלויבט, אַז די קליינע בחור׳טע, וואָס איז אַרומגעלאָפען דאָ און האָט תמיד געשפיעלט אַלס מלאך׳ל אין טעאַטער—! אָבער זאָג מיר, כ׳בעט דיך—וואָס איז דערנאָך געוואָרען פון איהרע עלטערן?

ב ע ר נ י ק. אַך, מיין ליעבער, וועגען דעם קען איך דיר מעהר ניט זאָגען איידער דאָס, וואָס איך האָב דיר געשריבען תיכף ווי דו ביסט אַוועקגעפאָהרען,—יאָ, דו האָסט דאָך מן הסתם ערהאַלטען די צוויי בריעף?

י אָ ה אַ ן. אַודאי, אַודאי; און איך האָב זיי נאָך ביידע. דער מאַן איהרער, דער פיאַניצע, האָט איהר אַלזאָ אַוועקגעוואָרפען?

ב ע ר נ י ק. און האָט שפּעטער ערגעץ-וואו געבראָכען האַלז און געניק.

י אָ ה אַ ן. אָט אַפנים זי איז דאָך אויך באַלד נאָכדעם געשטאָרבען? אָבער דו האָסט דאָך געטהאָן פאַר איהר, וואָס ס׳איז אונטער די אומשטענדען מעגליך געוועזען צו טהאָן?

ב ע ר נ י ק. זי איז געוועזען שטאָ־ץ; זי האָט גאָרניצט אויסגעזאָגט, האָט אָבער אויך גאָרנישט געוואָלט אָננעהמען.

י אָ ה אַ ן. נו, ס׳איז יעדענפאַלס געוועזען רעכט פון דיר, וואָס דו האָסט אַריינגענומען דינאַ׳ן צו דיר אין הויז.

ב ע ר נ י ק. נו יאָ, יאָ... איבעריגענס, איז דאָס אייגענטליך געווען מאַרטהאַ׳ס פּלאַן, און זי האָט עס דורכגעפיהרט.

יאָ ה אַ ן. אַזוי, מאַרטהאַ? יאָ, מאַרטהאַ... זעה נאָר, כ׳האָב זיך גאָר פערגעסען אָן איהר... וואו איז זי ערגעץ היינט.

ב ע ר נ י ק. אָה, ד י... אַז זי איז ניט אין דער שולע, האָט זי איהרע חולאים, מיט וועמען זי גיט זיך אָב.

יאָ ה אַ ן. האָט זיך מאַרטהאַ, הייסט עס, פאַר איהר אָנגענומען...

ב ע ר נ י ק. זי האָט דאָך פון תמיד אָן געהאַט אַ געוויסע נייגונג צו דער ערציהונג. מחמת דעם האָט זי דאָס אָנגענומען די שטעלע אין דער פאָלקס-שולע. דאָס איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט פון איהר זייט.

יאָ ה אַ ן. יאָ, זי האָט נעכטען זעהר שלעכט אויסגעזעהן; כ׳האָב מורא, ס׳שאַדט איהר צום געזונד.

ב ע ר נ י ק. וואָס איז שייך צו איהר געזונד, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. נאָר ס׳איז פשוט אונאַנגענעהם פאַר מ י ר; עס זעהט אויס, אָקוראַט ווי איך, איהר ברודער, וואָלט זי ניט געוואָלט אויס-האַלטען.

יאָ ה אַ ן. אויסהאַלטען? כ׳האָב געמיינט, אַז זי האָט אַליין אַזוי פיעל פערמעגען—

ב ע ר נ י ק. ניט אַ גראָשען. דו דערמאָנסט זיך נאָך אודאי, וואָס פאַר אַ ביטערע צייט דאָס איז געווען פאַר מיין מוטער דאַן, בעת דו ביסט אַוועקגעפאָהרען. אַ שטיקעל צייט האָט זי מיט מיין הילף אָנ-געטריבען ווייטער דאָס געשעפט; נאָר פאַר מיר האָט עס, פערשטעהט זיך, ניט געלוינט, עס זאָל אַזוי אָנגעהן כסדר. און איך בין געוואָרען אַ שותף אין געשעפט; אָבער אויך אויף ד ע ם אופן איז עס ניט גע-גאַנגען. כ׳האָב אַלזאָ געמוזט איבערנעהמען דעם עסק אין גאַנצען, ווערן אַליין בעל הבית פאַר זיך,—און דאָ ביים אונטערציהען די חשבונות האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף דער מאַמע׳ס חלק איז געבליבען אַזוי גוט ווי גאָרנישט. אַז זי איז אַ קורצע צייט נאָכדעם געשטאָרבען, איז מאַרטהאַ, פערשטעהט זיך, אויך געבליבען מיט ליידיגע הענד.

יאָ ה אַ ן. אָרעמע מאַרטהאַ!

ב ע ר נ י ק. אָרעמע? וואָס הייסט? אָט הפּנים דו מיינסט, עס פעהלט איהר חלילה עפּעס ביי מיר? אָה ניין... דאָס מעג איך אויף זיך אַליין זאָגען: איך בין אַ גוטער ברודער... נאַטירליך, זי וואוינט ביי אונז און עסט מיט אונז אינאיינעם; פון איהר געהאַלט קען זי זיך קליידען רייך, און אַ מיידעל ווי זי—וואָס דאַרף זי נאָך מעהר?

יאָ ה אַ ן. הם; אין אַמעריקאַ האָבען מיר אַן אַנדער השגה וועגען אַזעלכע זאַכען.

בערניק. נו, פֿערשטעהט זיך! אין אַן אונטערגעהעצטער געזעלשאַפֿט ווי די אַמעריקאַנישע... אָבער דאָ אין אונזער קליינעם קרייז, וואו די פֿערדאָרבענקייט האָט נאָך, גאָט צו דאַנקען, ביז אויף היינטיגען טאָג קיין שום צוטריט ניט געהאַט,—דאָ בענוגענען זיך די פֿרויען מיט אַ פּראָסטע און אָנשטענדיגע פֿיהרונג... איבעריגענס איז מאָרטהאַ אַליין שולדיג אין דעם; זי האָט שוין לאַנג געקענט זיין פֿערזאָרגט, אַז זי וואָלט ניר געוואָלט.

יאָהאַן. דו מיינסט—חתונה האָבען—?

בערניק. יאָ, און נאָך ווי חתונה האָבען! מען האָט איהר גערעדט עטליכע פֿיינע שידוכים. מערקווירדיג!—אַן אָרים, שוין ניט קיין יונג מיידעל—און דערצו נאָך גאָרניט בעדייטענד—

יאָהאַן. ניט בעדייטענד?

בערניק. נו, כ'מאַך איהר חלילה ניט שולדיג דערפֿאַר. דעם אמת זאָגענדיג, בין איך צופֿריעדען פֿון איהר אַזוי ווי זי איז. דו ווייסט, אין אַ גרויס הויז ווי דאָס אונזעריגע איז תמיד גוט צו האָבען אַזאַ ערנסטע, איבערגעבענע פערזאָן ווי זי איז, אויף וועמען מען זאָל זיך קענען פֿערלאָזען, טאָמער מאַכט זיך עפּעס וואָס עס איז.

יאָהאַן. יאָ, אָבער זי אַליין—?

בערניק. זי? וואָס הייסט? נו יאָ—ס'פֿעהלען דאָך איהר ניט קיין פערזאָנען, אין וועמען זי קען זיך אינטערעסירען! זי האָט דאָך בעטטי'ן און אָלאַף'ן און מיך. דער מענש טהאָר ניט פֿריהער פון אַלצדינג טראַכטען פֿון זיך אַליין, און די פֿרוי נאָך ווייניגער פֿון אַלעמען. מיר זיינען דאָך אַלע מחויב עפּעס צו טהאָן פֿאַר אַ גרעסערע אָדער קלענערע געזעלשאַפֿט. על כל פנים איך טהו אַזוי. (ווייזט אָן אויף קראַפּ'ן, וועלכער קומט מיט פּאַפּירען פֿון רעכטס.) נאַ, אָט וועסט דו גלייך האָבען אַ בעווייז. דו מיינסט, דאָס זיינען מיינע אייגענע געשעפֿטען, וואָס נעהמען ביי מיר צו מיין גאַנצע צייט? ס'הויבט זיך גאָרניט אָן. (שנעל צו קראַפּ'ן.) נו?

קראַפּ (שטיל, אָנווייזענדיג אויף אַ פּעקעל פּאַפּירען). אַלע קויפֿקאָנטראַקטען זיינען פֿיקס און פֿאַרטיג.

בערניק. גרויסאַרטיג, אויסגעצייכענט!—נו, שוואָגער, דו וועסט דאָך מיר ענטשולדיגען אַ ווײַלע. (מיט אַ האַלב-פֿערדריקטען טאָן און מיט אַ האַנד-דרוק.) אַ דאַנק, יאָהאַן, אַ דאַנק! און מעגסט זיכער זיין, אַלץ, וואָס איך וועל נור קענען טהאָן פֿאַר דיר—נו, דו פֿערשטעהסט וואָס איך מיין!—קומט, הערר קראַפּ. (זיי געהען אַריין אין קאָנזול'ס צימער.)

יאָהאַן (קוקט איהם נאָך אַ ווײַלע). הם — — (ער וויל אַרויסגעהן אין גאָרטען. אין דערזעלבער רגע קומט פֿון רעכטס אַריין מאַרטהאַ מיט אַ קאָרב אויף'ן אָרם.) זעה נאָר, מאַרטהאַ!

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. אַה—יאָהאַן—דאָס ביסט דו גאָר?

י אָ ה אַ ן. וואָס זשע, דו האָסט אויך קיין צייט ניט?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. ניין... וואַרט אַ ווײַלע; די אַנדערע וועלען אודאי גלייך קומען. (וויל אַרויסגעהן לינקס.)

י אָ ה אַ ן. הער אויס, מאַרטהאַ, וואָס איילסט דו זיך אַזוי שטענדיג?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. איך?

י אָ ה אַ ן. נעכטען ביסט דו מיר אויך עפּעס אַזוי נעלם געוואָרען, אַז איך האָב מיט דיר קיין איינציג וואָרט ניט געקענט אויסריידען, און היינט—

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ, אָבער—

י אָ ה אַ ן. פריהער זיינען מיר דאָך תמיד געווען צוזאַמען—מיר ביידע אַלטע שול-קאַמעראַדען.

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. אַה, דאָס איז שוין אַזוי פיעל, אַזוי פיעל יאָהרען צוריק!

י אָ ה אַ ן. נאַ גאָט מיינער, פופצעהן יאָהר,—ניט מעהר, ניט ווייני-גער. וואָס זשע, דו רעכענסט, אַז איך האָב זיך שטאַרק געענדערט זינט דאַן?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. דו? אַך יאָ, דו אויך; כאָטש—

י אָ ה אַ ן. וואָס מיינסט דו דערמיט?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. אָה גאָרנישט...

י אָ ה אַ ן. זעהר צופרידען ביסט דו אָפנים ניט דערמיט וואָס מיר זעהען זיך ווידער, מאַרטהאַ?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. כ'האָב אַזוי לאַנג געוואַרט, יאָהאַן,—צו לאַנג.

י אָ ה אַ ן. געוואַרט? איך זאָל קומען?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ.

י אָ ה אַ ן. און נאָך וואָס האָב איך, נאָך דיין מיינונג נאָך, געזאָלט קומען?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. כדי גוט צו מאַכען דאָס, וואָס דו האָסט פערבראָכען.

י אָ ה אַ ן. איך?

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. צי האָסט דו פערגעסען, אַז צוליעב דיר איז אַ פרוי געשטאָרבען אין נויטה און שאַנד? צי האָסט דו פער-געסען, אַז דורך דיין שולד זיינען די שעהנסטע יאָהרען פון אַ דער-וואַקסענעם קינד פערביטערט געוואָרען?

י אָ ה אַ ן. און דאָס מוז איך פון דיר הערען? מאַרטהאַ, דיין ברודער האָט דיר גאָר קיינמאָל ניט—

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. מיין ברודער—וואָס—?

יאָהאַן. צי האָט ער קיינמאָל ניט.. נו, כ׳מיין, צי האָט ער גאָר קיינמאָל קיין גוט וואָרט ניט געהאַט פאַר מיר, מיך צו פערענטפערן?

פרייליין בערניק. אַך, יאָהאַן, דו קענסט דאָך ריכאַרד׳ס שטרענגע פרינציפּען.

יאָהאַן. הם.. אַודאי, אודאי, כ׳קען זיי דאָך, די שטרענגע פּרינציפען פון מיין אַלטען פריינד ריכאַרד.. אָבער דאָס איז דאָך—! נו... כ׳האָב אָקאָרשט גערעדט מיט איהם. מיר דוכט, ער האָט זיך אַ היבש ביסעל אומגעביטען.

פרייליין בערניק. ווי קענסט דו דאָס זאָגען? ריכאַרד איז שטענדיג געווען אַן אויסגעצייכענטער מענש.

יאָהאַן. ניט דאָס האָב איך געמיינט; אָבער לאָמיר דאָס צורוה לאָזען.— הם; אַצונד זעה איך קלאָהר, אין וואָס פאַר אַ ליכט דו האָסט מיך געזעהן: דעם פערלאָרענעם׳ס אַחיים-קומען—דערויף אַפּנים האָסט דו געוואַרט.

פרייליין בערניק. הער אויס, יאָהאַן, כ׳וועל דיר זאָגען, אין וואָס פאַר אַ ליכט איך האָב דיך געזעהן. (ווייזט אַראָב אין גאָרטען.) דו זעהסט דאָס מיידעל, וואָס שפּיעלט זיך דאָרט מיט אָלאַף׳ן? דאָס איז דינאַ. דערמאָנסט דו זיך נאָך אָן דעם אונפערשטענדליכען בריעף, וואָס דו האָסט מיר געשריבען, בשעת דו ביסט אַוועקגעפאָהרען? דו האָסט מיך געבעטען, איך זאָל האָבען צוטרוי צו דיר. און איך האָב געהאַט צו דיר צוטרוי, יאָהאַן. דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס מען האָט זיך דאָ שפּעטער אָנדערצעהלט, האָט אודאי געמוזט געשעהן אין אַ לייכטזיניגען מאָמענט, אָהן ישוב הדעת, ניט-בערעכענטערהייט—

יאָהאַן. כ׳פערשטעה דיך ניט..

פרייליין בערניק. אָה, דו פערשטעהסט מיך שוין גאָר גוט.. נאָר לאָמיר ניט ריידען דערפון. אָבער אַוועק פון דאַנעט האָסט דו דאָך געמוזט, כדי אָנצוהויבען פיהרען אַ נייע לעבען.. זעהסט דו, יאָהאַן, איך, דיין אַלטע חבר׳טע בין דאָ אין דערהיים געווען דיין שטעל-פערטרעטערין. די פליכטען, וואָס דו האָסט פערגעסען צו ערפילען אָדער ניט געקענט ערפילען, האָב איך פאַר דיר איבערגענומען. איך זאָג עס דיר, כדי דו זאָלסט כאָטש דעריבער זיך ניט דאַרפען אָבעסען דאָס האַרץ. איך בין דעם אָרעמען קינד אַ מאַמע געווען, כ׳האָב עס ערצויגען, אַזוי גוט ווי איך האָב נור געקענט—

יאָהאַן. און דערביי מפקיר געווען דיין גאַנץ לעבען—

פרייליין בערניק. ס׳איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפען. אָבער די האָסט זיך צופיעל געזאַמט, יאָהאַן.

יאָהאַן. מאַרטהאַ,—ווען איך וואָלט דיר געקענט זאָגען—... אָבער לאָמיך דיר כאָטש דאַנקען פאַר דיין טרייער פריינדשאַפט.

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק (מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל). הם... יאָ, אַצונד האָבען מיר זיך אַלזאָ דורכגעשמועסט איינע מיט די אַנדערע, יאָהאַן... שטיל; אָן קומט אימיצער. אַדיע; כ׳קען איצט ניט— (זי געהט אַרויס דורך דער הינטערשטער טהיר לינקס. פֿריילײן העסעל קומט אָן פֿון גאָרטען, נאָך איהר מאַדאַם בערניק.)

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (נאָך אין גאָרטען). אָבער אום גאָטעס ווילען, לאָנאַ, וואָס פֿאַלט דיר איין!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. לאָז מיך צירוה, זאָג איך דיר; איך וויל און מוז מיט איהם ריידען.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער דאָס איז דער גרעסטער סקאַנדאַל! אַה, יאָהאַן, דו ביסט נאָך דאָ?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַרויס פֿון דאַנען; וואָס ליגסט דו דאָ פֿערשפּאַרט אין צימער? געה אַרויס אין גאָרטען און רייד מיט דינאַ׳ן.

י אָ ה אַ ן. כ׳האָב עס טאַקי געהאַט בדעה—

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. הער אַקאָרשט, דזשאָהן, דו האָסט זיך גוט איינגעקוקט אין דינאַ׳ן?

י אָ ה אַ ן. כ׳מיין עפּעס אַזוי.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאַ, דו מוזט זיך אַזוי רעכט צוקוקען צו איהר, דזשאָהן. ד אָ ס איז וואָס רעכטס פֿאַר ד י ר!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. אָבער לאָנאַ—!

י אָ ה אַ ן. וואָס רעכטס פֿאַר מיר?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָ,—צום אָנקוקען, מיין איך. נו געה!

י אָ ה אַ ן. מיט׳ן גרעסטען פֿערגניגען. (ער געהט אַרויס אין גאָרטען.)

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. לאָנאַ, כ׳בין אויסער זיך פֿאַר שרעק. ס׳איז דאָך ניט מעגליך, דו זאָלסט עס מיינען ערנסט.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. נאַ, אודאי מיין איך עס ערנסט! וואָס זשע, זי איז אפשר ניט פֿריש, געזונד און אויפֿריכטיג? זי איז גראָד די ריכטיגע פֿרוי פֿאַר דזשאָהן׳ן. פונקט אַזאַ איינע דאַרף ער האָבען דאָרט אין אַמעריקאַ; דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש איידער אַן אַלטע שטיף-שוועסטער.

מ אַ ד אַ ם ב ע ד י ק. דינאַ! דינאַ דאָרף! באַרעכבען נאָר—!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. כ׳האָב ראשית כל אין זינען זיין גליק... און איך מוז איהם העלפֿען; ער אַליין איז אין אַזעלכע זאַכען ניט געניט; מיט מיידלאַך און פֿרויען הויבט ער ניט אָן וויסען ווי זיך ניהג צו זיין.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. ער? יאָהאַן?... נו, כ׳מיין, אַז ער האָט אונז אדרבה געגעבען טרויעריגע בעווייזע דערפֿאַר—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָט האָסט דו דיר! ווידער אַמאָל די נאַ-

רישע געשיכטע! וואו איז ערגעץ בערניק? כ'וויל ריידען מיט איהם.

מאַדאַם בערניק. לאָנאַ, דו וועסט עס ניט טהאָן, זאָג איך דיר!

פֿריילײן העסעל. פֿאַרוואָס דען ניט?... געפֿעלט זי איהם, און ער איהר—טאָ זאָלען זיי זיך האָבען איינע די אַנדערע. בערניק איז דאָך אַזאַ קלוגער מאַן; ער מוז געפֿינען אַן אויסוועג—

מאַדאַם בערניק. און דו מיינסט, אַז אָט די אַמעריקאַנישע מיאוס'ע שטיק־װעלען דאָ אָנגעהן—?

פֿריילײן העסעל. דומהייטען, בעטטי—

מאַדאַם בערניק. —אַז אַזאַ מאַן ווי ריכאַרד, מיט אַזעלכע שטרענגע מאָראַלישע פּרינציפּען—

פֿריילײן העסעל. ווייס איך וואָס, אַזוי נאַריש־שטרײנג זיינען זיי על כל פנים ניט.

מאַדאַם בערניק. וואָס דערוועגסט דו זיך צו זאָגען?

פֿריילײן העסעל. איך דערוועג זיך זאָגען, אַז בערניק איז ניט קיין סך מאָראַלישער אײדער אַנדערע מענער.

מאַדאַם בערניק. אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט איז נאָך דיין שנאה צו איהם! אָבער וואָס זשע האָסט דו פֿאָרט צו טהאָן דאָ, אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געקענט פֿערגעסען, אַז—? כ'בעגרייף ניט, ווי אַזוי דו האָסט גאָר געסמייעט איהם צו קומען פֿאַר די אויגען, נאָך יענער מיאוס'ער חרפה, וואָס דו האָסט איהם דעמאָלט אָנגעטהאָן!

פֿריילײן העסעל. יאָ, בעטטי, דעמאָלט האָב איך מיך מיאוס אויפֿגעפֿיהרט.

מאַדאַם בערניק. און ווי גרויסמוטהיג ער איז דאָס געוועזען, דיר פֿונדעסטוועגען צו פֿערצייהען,—ער, וואָס האָט דאָך גאָר קיין שום זינד ניט בעגאַנגען! וואָרים וואָס איז ער שולדיג געוועזען, אַז דו האָסט זיך איינגערעדט און געהאָפֿט אויף איהם? אָבער פֿון דעמאָלט אָן האָסט דו אויך מיך פֿיינט. (ברעכט אויס אין טרעהרען.) דו האָסט מיר קיינמאָל ניט פֿערגונען מיין גליק. און אַצונד קומסט דו נאָך אַהער, כדי אַרויפֿצואוואַרפֿען אַלצדינג אויף מיר,—כדי צו ווייזען דער שטאָדט, אין וואָס פֿאַר אַ משפחה איך האָב ריכאַרד'ן אַריינגעשלעפּט. יאָ, איך מוז אַלעס אַריבערטראָגען, און דאָס ביסט דו דאָך אויסען. אָה, דאָס איז גרויזאַם פֿון דיר! (זי געהט אַוועק וויינענדיג דורך די הינ־טערשטע טהיר לינקס.)

פֿריילײן העסעל (איהר נאָכקוקענדיג). אָרעמע בעטטי.

בערניק קומט אַרויס פֿון זיין צימער.

בערניק (נאָך אין דער טהיר). יאָ, יאָ, זעהר שעהן, הערר קראַפּ; אויסגעצייכענט. שיקט צו דעם פֿעראיין פֿאַר אָרעמע און בעטלער פֿינף הונדערט קראָנען. (דרעהט זיך אום.) לאָנאַ! (קומט צו נעהנטער.) דו ביסט אַליין? בעטטי קומט גאָרניט אַריין אַהער?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. נײן. זאָל איך זי אפשר אַ רוף טהאָן?

ב ע ר נ י ק. נײן, נײן, נײן; לאָז זײן! אָה לאָנאַ, דו ווייסט גאָרניט, ווי פֿײערדיג איך האָב געגאַרט, צו ריידען מיט דיר אָפֿען,—צו קענען בעטען בײ דיר פֿערציהוּנג!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. הער אויס, ריכאַרד, לאָמיר נור ניט ווערן סענטימענטאַל; דאָס פּאַסט זיך ניט פֿאַר אונז.

ב ע ר נ י ק. דו מוזט מיך אויסהערן, לאָנאַ. כ'ווייס גאַנץ גוט, ווי איך זעה אַצונד אויס בײ דיר אין די אויגען, נאָכדעם ווי דו האָסט זיך דערוואוסט מכה דער געשיכטע מיט דינאַ'ס מוטער. אָבער כ'שווער דיר, אַז עס איז בלויז געווען אַ קליינער שגעון; כ'האָב דיך אַמאָל ווירקליך, אמת און טריי געליעבט!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. צוליעב וואָס, מיינסט דו, בין איך צוריק-געקומען אַהער?

ב ע ר נ י ק. וואָס דו זאָלסט ניט האָבען בדעה צו טהאָן, איך בע-שווער דיך, דו זאָלסט גאָרנישט אונטערנעהמען, אײדער איך וועל זיך ריינוואַשען פֿאַר דיר. כ'קען עס, לאָנאַ; ע"כ פנים קען איך זיך ענטשולדיגען.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַצונד האָסט דו מורא געקראָגען.— דו האָסט מיך אַמאָל געליעבט, זאָגסט דו. יאָ, אין די בריעף דײנע האָסט דו מיר זעהר אָפֿט פֿערזיכערט דעריין; און ווער ווייסט? אפשר איז דאָס אמת געווען—כל זמן דו האָסט געלעבט אין אויסלאַנד, אין אַ גרויסער און פֿרייער וועלט, וועלכע האָט דיר געגעבען דעם מוטה, אַליין פֿריי און גרויס צו דײנקען. פֿילייכט האָסט דו בײ מיר געפֿונען מעהר כאַראַקטער און זעלבסטשטענדיגקייט, אײדער בײ דאָס רוב אַנדערע דאָ אין דערהיים. און אַחוץ דעם איז דאָך דאָס נאָך געווען אַ סוד צווישען אונז ביידען; קיינער האָט נאָך ניט געקענט לאַכען פֿון דיר, חוזק מאַכען פֿון דיין שלעכטען געשמאַק.

ב ע ר נ י ק. לאָנאַ, ווי קענסט דו גאָר דײנקען—?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָבער אַז דו ביסט דאַן צוריקגעקומען,— אַז דו האָסט דערהערט איבעראַל דעם שפּאָט, דעם חוזק, וואָס מען האָט פֿון מיר געמאַכט,—אַז דו האָסט געהערט, ווי אַלע האָבען גע-לאַכט דערפֿון, וואָס מען האָט געראָפֿען מײנע משוגעת'ן—

ב ע ר נ י ק. דעמאָלט האָסט דו טאַקי געהאַט מאָדנע געננ.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אייגענטליך גור דערפֿאַר, כדי אָט די עדעל-געפּאַטשקעטע העררן און דאַמען דאָ אין שטאָדט זאָלען האָבען פֿון וואָס זיך דאָס האַרץ אָבצוועסען. און אַז דו האָסט זיך דאַן בעקענט מיט דער יונגער פֿערפֿיהרערישער אַקטריסע—

ב ע ר נ י ק. ס'איז געווען אַ נאַרישער שריט; ווייטער גאָרנישט;

כ׳קען דיר שווערן, אַז ניט אַמאָל אַ צעהנט-חלק פֿון די אַלע פוסטע מעשיות, וואָס מען האָט זיך דאָ אָנדערצעהלט, איז ווירקליך אמת געווען.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ס׳קען זיין; אָבער אַז בעטטי אין דאַן אַהיים געקומען,—שעהן, בליהענדיג, פֿערגעטערט פֿון אַלעמען,—און אַז עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז זי וועט ירש׳ענען דער מוהמע׳ס גאַנצען פֿערמעגען און איך וועל גאָרנישט קריגען—

ב ע ר נ י ק. יאָ, דאָ האַלטען מיר טאַקי ביי דער ריכטיגער אורזאַכע, לאָנאַ; און אַצונד זאָלסט דו הערען דעם רעכטען אמת, אָהן היג-טערוועגען. כ׳האָב דעמאָלט בעטטי׳ן ניט ליעב געהאַט; ניט מחמת אַ נייער ליעבע האָב איך זיך פֿון דיר אָבגעריסען. ס׳איז איינפֿאַך געווען צוליעב׳ן „געלד. איך בין געצוואונגען געווען דערצו; כ׳האָב ג ע מ ו ז ט.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דאָס זאָגסט דו מיר גלייך אין פנים אַריין!

ב ע ר נ י ק. יאָ, דאָס טהו איך. הער אויס, לאָנאַ—

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דאָך האָסט דו מיר געשריבען, אַז דו ביסט שטערבליך פֿערליעבט אין בעטטי׳ן; דו האָסט אַפעלירט צו מיין עדעלקייט, און מיך בעשוואָרען צוליעב בעטטי׳ן צו פֿערשוויייגען דאָס וואָס איז צווישען אונז ביידען פֿאָרגעקומען—

ב ע ר נ י ק. כ׳האָב עס געמוזט, זאָג איך דיר.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. בנאמנות, אַצונד טהוט מיר שוין גאָרניט באַנג, וואָס איך בין דעמאָלט אַזוי אַרויס פֿון די כלים!

ב ע ר נ י ק. כ׳בעט דיך, לאָמיך דיר קאַלט און רוהיג דערצעהלען, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע מיר האָבען זיך אין יענער צייט געפֿונען. מיין מוטער, ווי דו קענסט זיך דערמאָנען, האָט געהאַט די גאַנצע דעה איבער׳ן געשעפֿט; אָבער זי האָט ניט אָנגעהויבען פֿערשטעהן וואָס האַנדעל הייסט. איך האָב געמוזט וואָס גיכער קומען צופֿאָהרען אַהיים פֿון פּאַריז; ס׳איז געווען אַ ביטערע צייט; איך האָב, הייסט עס, געדאַרפֿט דאָס געשעפֿט ווידער שטעלען אויף די פֿיס. וואָס זשע, מיינסט דו, האָב איך געפֿינען? כ׳האָב געפֿונען, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אַ חורבן, כמעט אַ רואינירט הויז. יאָ, ס׳איז געווען אַזוי גוט ווי רואינירט, די דאָזיגע אַלטע אָנגעזעהענע פֿירמאַ, וועלכע האָט עקזיסטירט זינט דריי דורות. וואָס זשע פֿאָרט האָב איך געזאָלט טהאָן, איך, דער זוהן, דער בן יחיד, אויב ניט זוכען עפּעס אַ רעט-טונגס-מיטעל?

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דו האָסט געראַטעוועט דאָס הויז בער-ניק אויף׳ן חשבון פֿון אַ פֿרוי.

בערניק. דו ווייסט, ווי שטאַרק בעטטי האָט מיך געליעבט.

פֿריילײן העסעל. אָבער איך ?

בערניק. מעגסט מיר גלויבען, לאָנאַ,—דו וואָלסט קיינמאָל ניט גליקליך געווען מיט מיר.

פֿריילײן העסעל. אָט אַפנים דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפֿען דערפֿאַר וואָס דו האָסט זיך געזאָרגט פֿאַר מיין גליק ?

בערניק. וואָס זשע, דו מיינסט אפשר, אַז איך האָב געהאַנדעלט אַזוי צוליעב אייגען-נוציגע מאָטיווען ? ווןלט איך דעמאָלט געווען אַליין, אַ מענש פֿאַר זיך, וואָלט איך מיט אַ פֿריילאַך האַרץ אָנגעהויבען איבער אַ נייעס פֿון אָנהויב. אָבער דו קענסט גאָר ניט פֿערשטעהן, ווי דער געשעפֿטס-מאַן ווערט צונויפֿגעוואַקסען מיט דעם געשעפֿט, וואָס ער נעהמט איבער בירושה, און וואָס פֿאַר אַ מורא׳דיגע פֿעראַנטוואָרטליכקייט ער האָט אויף זיך. צי ווייסט דו, אַז דאָס גליק און אונגליק פֿון הונדערטער, יאָ, פֿון טויזענדער הייננט אָב פֿון איהם ? צי בערעכענסט דו פֿאָרט, אַז די גאַנצע געזעלשאַפֿט, אונזער ביידענס געזעלשאַפֿט, וואָלט מורא׳דיג געליטען דערפֿון, ווען די פֿירמאַ בערניק וואָלט צו גרונד געגאַנגען ?

פֿריילײן העסעל. פֿון דער דאָזיגער געזעלשאַפֿט וועגען ביסט דו, הייסט עס, פֿופֿצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד געבליבען טריי דעם ליגען, וואָס ?

בערניק. דעם ליגען ?

פֿריילײן העסעל. וואָס ווייסט בעטטי פֿון דעם אַלעמען, וואָס איז פֿאָרגעקומען בעת דיין פֿערהעלטנים מיט איהר און פֿאַר דעם ?

בערניק. וואָס זשע, איך האָב זיך אפשר געדאַרפֿט מודה זיין פֿאַר איהר און אָהן אַ שום נוצען איהרע געפֿיהלען פֿערלעצען ?

פֿריילײן העסעל. אָהן אַ שום נוצען, זאָגסט דו ? נו יאָ, דו ביסט דאָך עפּעס אַ געשעפֿטסמאַן; דו פֿערשטעהסט דאָך אודאי וואָס ניצליך איז.— אָבער אַצונד הער אַקאָרשט, ריכאַרד; איצט וועל איך ריידען קאַלט און רוהיג. זאָג מיר—דו ביסט אַלזאָ באמת גליקליך ?

בערניק. אין דער פֿאַמיליע, מיינסט דו ?

פֿריילײן העסעל. יאָ.

בערניק. כ׳בין עס, לאָנאַ. אָה, ניט אומזיסט ביסט דו מיר אַזאַ טרייע, אויפֿאָפּפֿערענדע פֿריינדין געווען! כ׳קען זאָגען, פֿון יאָהר צו יאָהר בין איך אַלץ גליקליכער געוואָרען. בעטטי איז גוט און איבערגעבען, און אין משך פֿון די יאָהרען האָט זי זיך אויסגעלערענט אײַבערצואַרבייטען איהר כאַראַקטער אַזוי, אַז עס זאָל שטימען מיט מיינע פֿיהרונגען—

פֿריילײן העסעל. הם—

בערניק. תחילת האָט זי געהאַט אַ גאַנצע מאַסע מימ מאָדנע פאָר-שטעלונגען מכח דער ליעבע. זי האָט באין אופן ניט געקענט פערשטעהן, אַז דער שטאַרקער פייער איהרער מוז ביסלאַכווייז איבערגעהן אין אַ מילדען פלאַם פון פריינדשאַפט.

פריילין העסעל. אָבער אַצונד האָט זי זיך שוין צוגעוועהנט דערצו?

בערניק. אין גאַנצען. דו קענסט זיך פאָרשטעלען, אַז דער טעג-ליכער פערקעהר מיט מיר איז ניט געבליבען אָהן אַ גרינדליכען איינפלוס אויף איהר. די מענשען מוזען זיך לערנען איינע די אַנדערע, אויב זיי ווילען ווי געהעריג אויספילען זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. דאָס האָט בעטטי וואָס ווייטער אַלץ מעהר איינגעזעהן, און דעריבער איז דאָס הויז אונזערס איצט אַ מוסטער-הויז פאַר אונ-זערע מיט-בירגער.

פריילין העסעל. אָבער די דאָזיגע מיט-בירגער ווייסען מן הסתם גאָרנישט מכח דיין ליגען?

בערניק. מיין ליגען?

פריילין העסעל. יאָ, מכח דעם ליגען, מיט וועלכען דו ביסט געווען אַרומגערינגעלט פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד.

בערניק. און דאָס רופסט דו—?

פריילין העסעל. אַ ליגען, אַ דרייפאַכען ליגען; ראשית דער ליגען געגען דיך גופא; דערנאָך דער ליגען געגען בעטטי'ן, און ענדליך דער ליגען געגען יאָהאַן'ן.

בערניק. בעטטי האָט קיינמאָל ניט געפאָדערט, איך זאָל זיך מודה זיין.

פריילין העסעל. ווייל זי האָט גאָרנישט געוואוסט.

בערניק. און אויך דו וועסט עס ניט פערלאַנגען, וועסט האָבען איינזעהעניש מיט איהר.

פריילין העסעל. אַך ניין; איך וועל שוין יאַקאָש אַריבער-טראָגען דאָס לייטישע געלעכטער; נישקשה, כ'האָב ברייטע פּלייצעס.

בערניק. און יאָהאַן וועט עס אויך ניט פערלאַנגען; ער האָט עס מיר צוגעזאָגט.

פריילין העסעל. אָבער דו גופא, ריכאַרד? צי איז גאָרנישט דאָ אין דיר, גאָר קיין שום געפיהל ניט, וואָס זאָל דיך צוטרייבען אָבצושאָקלען פון זיך דעם ליגען?

בערניק. איך זאָל, הייסט עס, פרייוויליג, מיט מיינע אייגענע הענד מקריב זיין מיין פאַמיליען-גליק און מיין מעמד אין דער גע-זעלשאַפט?!

פריילין העסעל. וואָס פאַר אַ רעכט האָסט דו אויף דיין גליק?

ב ע ר נ י ק. זינט פּופּצעהן יאָהר האָב איך טאָג-טעגליך געוואונען אַ שטיק פֿון דעם דאָזיגען רעכט—דורך מיין האַנדעל און וואַנדעל און דורך דעם וואָס איך האָב געווירקט און געשאַפֿען.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דו האָסט פֿיעל געטהאָן, פֿאַר זיך אַזוי גוט ווי פֿאַר אַנדערע. דו ביסט דער רייכסטער און שטאַרקסטער מאַן פֿון דער שטאָדט; אַלע בויגען זיך פֿאַר דיין ווילען, מחמת זיי האַלטען דיך פֿאַר אַ ריינעם מענשען אָהן אַ שום פֿלעק; דאָס הויז דיינס איז אַ מוסטער-הויז, דיין לעבען—אַ מוסטער-לעבען. אָבער אָט די הערליכקייט, די גאַנצע גדולה דיינע שטעהט אויף אַ טרייסעלדיגען זאַמדיגען זומפּ—און דו מיט איהר. ס'קען קומען אַ מאָמענט, אַ וואָרט קען אויסגערעדט ווערן—און דו געהסט צו גרונד מיט דיין גאַנצער גרויסקייט, אויב דו ועסט זיך בעצייטענס ניט זעהן ראַטעווען.

ב ע ר נ י ק. לאָנאַ—וואָס ווילסט דו דאָ?

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. כ'וויל דיר העלפֿען, ריכאַרד; כ'וויל דיר העלפֿען קריגען אַ פֿעסטען באָדען אונטער די פֿיס.

ב ע ר נ י ק. נקמה! דו ווילסט זיך נוקם זיין! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט! אָבער עס וועט זיך דיר ניט איינגעבען; דאָ איז פֿאַרהאַן נור א י י נ ע ר, וואָס האָט אַ רעכט צו ריידען, און דער שווייגט שטיל.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָהאַן?

ב ע ר נ י ק. יאָ, יאָהאַן. וועט אימיצער אַנדערש מיך ווערען אָנקלאָגען, וועל איך אַלצדינג אָבלייקענען. אָבער דאָס וועט דיר קיינמאָל ניט געלינגען, זאָג איך דיר! דער וואָס וואָלט מיך געקענט אומגליקליך מאַכען—דער וועט ניט ריידען—און ער פֿאָהרט אַוועק צוריק.

ר ו מ ע ל און וו י ג ע ל אַ נ ד קומען פֿון רעכטס.

ר ו מ ע ל. גוטען טאָג, גוטען טאָג, ליעבער בערניק; דו מוזט מיטקומען מיט אונז אין דעם סוחר'ישען פֿעראיין; דו ווייסט דאָך, מיר האָבען היינט אַ פֿערזאַמלונג מכח דער אייזענבאַהן.

ב ע ר נ י ק. כ'קען ניט. אונמעגליך!

וו י ג ע ל אַ נ ד. איהר מוזט מיטגעהן מיט אונז, הערר קאָנזול—

ר ו מ ע ל. דו מ ו ז ט, בערניק. פֿאַרהאַן דאָרט מענשען, וואָס אַרבייטען געגען אונז. רעדאַקטאָר האַמער און די אַנדערע, וועלכע זיינען געווען פֿאַר די האַפֿען-ליניע, טענה'ן, אַז הינטער דעם נייעם פּלאַן שטעקען פּריוואַט-אינטערעסען.

ב ע ר נ י ק. אַזוי? טאָ ערקלעהר זיי—

וו י ג ע ל אַ נ ד. וואָס קומט אַרויס דערפֿון, וואָס מ י ר ווועלען ערקלעהרען, הערר קאָנזול—?"

ר ו מ ע ל. ניין, ניין, דו מוזט אַליין מיטקומען; ד י ך וועט נאַטירליך קיינער קיין העזה ניט האָבען חושד צו זיין.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. כ׳מיין עפּעס אַזוי.

ב ע ר נ י ק. כ׳קען ניט, זאָג איך אייך. כ׳בין ניט געזונד... אָדער... ווייניגסטענס... כ׳מוז זיך אַפריהער אַרומקוקען אַביסעל.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד קומט אַריין פון רעכטס.

ר אָ ה ר ל אַ ד. ענטשולדיגט, הערר קאָנזול; איהר זעהט מיך דאָ היינט אין אַ מורא׳דיג אויפגערעגטען צושטאַנד—

ב ע ר נ י ק. יאָ, יאָ, וואָס איז אייך פאָרט געשעהן?

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. כ׳מוז אייך עפּעס פרעגען, הערר קאָנזול. צי האָט איהר עס ערלויבט, אַז דאָס יונגע מיידעל, וואָס האָט געפונען אַהיים ביי אייך אין שטוב, זאָל אַרומגעהן איבער די גאַסען אינאיינעם מיט אַ מענשען, פון וועמען—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואָס פאַר אַ מענשען מיינט איהר, הערר פּאַסטאָר?

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. —מיט אַ מענשען, פון וועמען זי האָט געדאַרפט ווייכען מעהר איידער פון אַלע אַנדערע מענשען אויף גאָט׳ס ערד.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַהאָ!

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. איז דאָס מיט אייער רשות, הערר קאָנזול?

ב ע ר נ י ק (זוכענדיג דעם הוט און די האַנד-שוה). כ׳וויים פון גאָר נישט צו זאָגען. ענטשולדיגט מיר; כ׳מוז געהן אין דעם פעראיין פון די קויפּלייט.

ה י ל מ אַ ר (קומט פון גאָרטען און געהט צו צו דער הינטערשטער טהיר לינקס). בעטטי, בעטטי, קום אַקאָרשט אַהער!

מ אַ ־ד אַ ם ב ע ר נ י ק (ביי דער טהיר). וואָס איז דאָרטען?

ה י ל מ אַ ר. דו מוזט תיכף אַראָבגעהן אין גאָרטען און מאַכען אַ סוף צו דער ליעבעס-ערקלעהרונג, וואָס אַ געוויסע פערזאָן ערלויבט זיך מאַכען דער דאָזיגער דינאַ דאָרף. איך בין שרעקליך נערוועז געוואָרען דערפון.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַזוי? און וואָס אַשטייגער האָט די פערזאָן געזאָגט?

ה י ל מ אַ ר. נישט מעהר און נישט ווייניגער, נאָר זי זאָל מיטפאָה-רען קיין אַמעריקאַ. אוף, אוף!

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. ס׳איז ניט מעגליך!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. וואָס רעדסט דו?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען גרויסאַרטיג!

ב ע ר נ י ק. אונמעגליך! דו האָסט געמוזט פערהערן!

ה י ל מ אַ ר. טאָ פרעג איהם אַליין. אָן קומט דאָס פּאָר׳ל. אָבער לאָז מיך נור אַרויס פון דער געשיכטע.

ב ע ר נ י ק (צו רומעל און וויגעלאַנד). כ׳געה שוין—אין אַ רגע— (רומעל און וויגעלאַנד רעכטס אָב.)

יאָהאַן און דינאַ קומען אַריין פֿון גאָרטען.

יאָהאַן. הוראַה, לאַנאַ, זי פֿאָהרט מיט!

מאַדאַם בערניק. אָבער יאָהאַן—דו קינד וואָס דו ביסט—!

ראָהרלאַנד. איז עס מעגליך! אַזאַ הימעל-שרייענדער סקאַנדאַל!... מיט וואָס פֿאַר פערפֿיהרערישע קונץ-שטיק האָט איהר—

יאָהאַן. אָהן כעס, אָהן כעס, גוטער פֿריינד; וואָס זאָגט איהר דאָ?

ראָהרלאַנד. דינאַ, ענטפֿערט איהר מיר:—צי שטעקט דאָ אייער אייגענער ווילען דערביי—איז עס אייער פֿולער פֿרייער בעשלום?

דינאַ. כ׳מוז אָבפֿאָהרען פֿון דאַנעט.

ראָהרלאַנד. אָבער מיט איהם—מיט איהם!

דינאַ. רופֿט מיר אָן אימיצען אַנדערש, וואָס זאָל האָבען דעם מוטה מיך מיטצונעהמען.

ראָהרלאַנד. אויב אַזוי, זאָלט איהר אויך געוואָהר ווערן, ווער ער איז.

יאָהאַן. שווייגט שטיל!

בערניק. קיין וואָרט מעהר.

ראָהרלאַנד. זעהר שלעכט וואָלט איך אויף אַזאַ אופן געדיענט דער געזעלשאַפֿט, וועמעס מאָראַל און אויפֿפֿיהרונגען איך האָב די אויפֿגאַבע אָבצוהיטען; און אונפֿעראַנטוואָרטליך וואָלט געווען מיין האַנדלונג אַנטקעגען דאָס דאָזיגע יונגע מיידעל, אין וועמעס ערציהונג איך האָב אויך גענומען אַ היבשען אָנטהייל און וועלכע האָט מיר—

יאָהאַן. היט זיך, זאָג איך אייך!

ראָהרלאַנד. זי מוז עס וויסען! דינאַ, דאָס איז דער מאַן, וועלכער האָט געבראַכט דאָס גאַנצע אומגליק און די שאַנדע איבער אייער מוטער!

בערניק. הערר פרעדיגער—!

דינאַ. ער! (צו יאָהאַן.) ס׳איז אמת?

יאָהאַן. ריכאַרד, ענטפֿער דו!

בערניק. קיין וואָרט מעהר! על כל פנים היינט קיין וואָרט מעהר!

דינאַ. אַלזאָ אמת—!

ראָהרלאַנד. יאָ אמת, אמת! און נאָך מעהר איידער דאָס. אָט דער מענש, אין וועמען איהר האָט זיך איינגעגלויבט, איז ניט מיט ליידיגע הענד אַוועק;—דער אַלמנה בערניק׳ס קאַסע—; דער קאָנזול קען דערויף עדות זאָגען!

פֿריילין העסעל. ליגנער!

בערניק. האַ—!

מאַדאַם בערניק. אָה גאָט! אָה גאָט!

יאָהאַן (זיך אַ לאָז געבענדיג צו איהם מיט אויפגעהויבענע אָרעמס). און דאָס דערוועגט איהר זיך—!

פֿרייליין העסעל (האַלט איהם אָב). יאָהאַן, דו וועסט איהם ניט שלאָגען!

ראָהרלאַנד. נו יאָ, איהר קענט מיך שלאָגען, אַז איהר ווילט, אָבער דער אמת זאָל אַרויס; און עס איז אמת. קאָנזול בערניק האָט עס אַליין געזאָגט, און די גאַנצע שטאָדט ווייסט עס.— אָט אַזוי, דינאַ, אַצונד קענט איהר איהם. (קורצע פויזע.)

יאָהאַן (שטיל, אָננעהמענדיג בערניק׳ן ביים אָרם). ריכאַרד, ריכאַרד, וואָס האָסט דו פֿאָרט געטהאָן!

מאַדאַם בערניק (מיט אַ פֿערדריקטער שטימע און מיט טרעהרען אין די אויגען). אָה ריכאַרד, און אָט די גאַנצע שאַנדע האָב איך דאָס געבראַכט אויף דיר!

אַלטסטעדט (קומט שנעל אַריין פֿון רעכטס און רופֿט, די האַנד אויף דער טהיר-קליאַמקע). איהר מוזט אָהן אַ שום תירוץ שוין מיט-קומען, הערר קאָנזול! די אייזענבאַהן הייגנט אויף אַ האָר!

בערניק (צומישט). וואָס איז? וואָס זאָל איך—?

פֿרייליין העסעל (ערנסט און שאַרף). דו מוזט געהן שטיצען די געזעלשאַפֿט, שוואָגער.

אַלטסטעדט. יאָ, קומט, קומט; מיר מוזען נייטיג האָבען אייער גאַנצען מאָראַלישען איינפֿלוס.

יאָהאַן (גאַנץ נאָהענט לעבען איהם). בערניק—מאָרגען וועלען מיר זיך דורכשמועסען! (ער געהט אַוועק דורך׳ן גאָרטען. בערניק געהט אַזוי ווי ניט ווילענדיג אַרויס דורך דער טהיר רעכטס מיט אַלטסטעדט׳ן.)

דריטער אקט.

דער גאַרטען־סאַלאָן ביי קאָנזול בערניק אין הויז.

בערניק מיט אַ שטעקיל אין האַנד, קומט אַרויס אויסער זיך פֿאַר בעס פֿון דעם הינטערשטען צימער לינקס און לאָזט די טהיר האַלב אָפֿען הינטער זיך.

בערניק. נאַ! האָב איך עס ענדליך געטהאָן אויף צו'ן אמת'ן. די שמיץ, מיין איך, וועט ער אַזוי גיך ניט פֿערגעסען. (צו אימיצען אין צימער.) וואָס זאָגסט דו? — און איך זאָג דיר, דו ביסט אַ נאַרישע מוטער! דו פֿערענטפֿערסט איהם, דו נעהמסט זיך אָן פֿאַר איהם יעדעס מאָל, וואָס ער טהוט אָב זיינע לויפֿערישע שטיק. — ס'איז ניט קיין לויפֿערישע שטיק, זאָגסט דו? ווי דען רופֿסט דו דאָס? זיך אַרויס־גנב'ענען ביינאַכט פֿון הויז, אַרויספֿאָהרען מיט די פֿישער אויף'ן ים, ביז צעהן אַזייגער אין דער פֿריה, איך זאָל ניט וויסען וואָס איבער־צוקלעהרען און שיעור ניט שטאַרבען פֿון אַנגסט און שרעק — איך, וואָס איך האָב אַזוי פֿיעל אַנדערע דאגות אויף'ן קאָפּ! און דערצו סמייעט נאָך דער קליינער לומפּ צו סטראַשען, אז ער וועט אַנטלויפֿען! ער וועט עס נאָך טהאָן אַמאָל! — דו? נו יאָ, דאָס פֿערשטעה איך גאַנץ גוט; דיך אַרט וויניג וואָס פֿון איהם וועט ווערן: כ'מיין, אַז ווען ער זאָל דער'הרג'ט ווערן — ! — אַזוי גאָר? וועט זיין פֿערפֿאַלען? אָבער מיר לוינט זיך כלל ניט צו ווערן אַ בעזדיעטניק. — אַלזאָ, מאַך ניט קיין טענות, בעטטי; ס'בלייבט אַזוי ווי איך האָב בעשטימט; ער טהאָר ניט אַרויס פֿון שטוב — (הערט זיך צו.) שטיל, זאָל קיינער גאָרנישט מערקען.

קראַפּ קומט פֿון רעכטס.

קראַפּ. איהר האָט אפשר אַ מינוט צייט, הערר קאָנזול?

בערניק (אַוועקוואַרפענדיג דאָס שטעקעל פֿון האַנד.) אַודאי, אַודאי. איהר קומט פֿון דאָק?

קראַפּ. יאָ, דירעקט פֿון דאָרט. הם —

בערניק. נו? ס'איז דאָך ניט עפּעס נייעס מיט'ן „טייטעלבוים"— ?

קראַפּ. דער „טייטעלבוים" קען מאָרגען אָבפֿאָהרען, אָבער —

בערניק. די „גאַזעלע" הייסט עס? דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָזיגער עקשן —

קראַפּ. די „גאַזעלע" קען אויך מאָרגען אָבפֿאָהרען; נאָר — ווייט קומט זי געוויס ניט!

בערניק. וואָס מיינט איהר דערמיט?

קראַפּ. פֿערצייהט, הערר קאָנזול; די טהיר דאָ איז האַלב אָפֿען און איך מיין, אימיצער איז דאָרט פֿאַרהאַן—

בערניק (פֿערשליסט די טהיר). נאַ, אָבער וואָס איז פֿאָרט געשעהן אַזוינס, וואָס קיינער טהאָר עס ניט הערען?

קראַפּ. וואָס דאָס איז?... דער שיפֿבויער אולער האָט בדעה צו לאָזען אונטערגעהן די „גאַזעלע" מיט אַלע מענשען, וואָס זי וועט האָבען אויף זיך.

בערניק. אָבער גאָט מיינער, ווי קענט איהר דאָס גלויבען—?

קראַפּ. אַנדערש קען איך זיך דאָס גאָר ניט ערקלעהרען, הערר קאָנזול.

בערניק. נו, טאָ זאָגט מיר בקיצור—

קראַפּ. עס זאָל געשעהן. איהר ווייסט דאָך אַליין, ווי לאַנגזאַם ס'איז צוגעגאַנגען ביי אונז אויף'ן דאָק, זינט מיר האָבען די נייע מאַשינען און די נייע ניט-געניטע אַרבייטער—

בערניק. יאָ, יאָ.

קראַפּ. אָבער אַז איך בין היינט אין דער פֿריה אַרונטערגעקומען, האָב איך דערזעהן, אַז עס האַלט גאַנץ ווייט, צו ווייט, מוז מען זאָגען, מיט דער אַרבייט ביים אַמעריקאַנישען שיף; דער גרויסער שפּאַלט אויף'ן דנאָ,—איהר ווייסט דאָך, דער פֿאָלשטענדיג פֿערפֿויל-טער פלאַץ—

בערניק. יאָ, יאָ,—נו?

קראַפּ. אין גאַנצען פֿעררוכט—לפנים, פֿערשטעהט זיך; אָבגע-פֿאַרבט; האָט אויסגעזעהן אָקוראַט ווי ניי; כ'האָב געהערט, אַז אולער האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבייט אונטען פֿאַר אַ ליכט.

בערניק. יאָ, יאָ, אין—

קראַפּ. בין איך צוגעגאַנגען און זיך גוט צוגעקוקט; דער עולם איז גראָד געווען ביים אָנבייסען און איך האָב געקענט אונבעמערק-טערהייט בעטראַכטען דאָס שיף פֿון אינעווייניג און פֿון דרויסען; ס'איז מיר אָנגעקומען מיט שווערער מיה, אַרונטערצוגעהן אין דאָס אָנגע-לאָדענע שיף. דאָס איז ניט קיין גלאַטע אַרבייט, הערר קאָנזול.

בערניק. דאָס גלויבט זיך מיר ניט, הערר קראַפּ. כ'וויל ניט, כ'קען ניט גלויבען אַזאַ זאַך אויף אולער'ן.

קראַפּ. טהוט מיר שטאַרק לייד,—ס'איז אָבער די ריינע וואָהר-הייט. דאָס איז אַ געמיינע, מיאוס'ע זאַך, זאָג איך. קיין נייע באַלקענס האָט ער ניט געלייגט, אַזוי ווייט ווי איך האָב געקענט געוואָהר ווערען; נאָר איינפֿאַך מיט דינע ברעטער פֿערקלאַפּט, פֿערשטאָפּט און פֿערלאַטעט. אַן איינפֿאַכער חוזק! די „גאַזעלע" וועט אין לעבענסטאָג ניט קומען ביז נויאָרק; זי וועט אונטערגעהן אַזוי ווי אַ געפּלאַצטער טאָפּ.

בערניק. דאָס איז דאָך שרעקליך. אָבער, כ׳בעט אייך, וואָס פאַר אַ כונה קען ער דערביי האָבען?

קראַפ. אָט אַפּנים ער וויל דיסקרעדיטירען די מאַשינען; זיך נוקם זיין וויל ער; ער וויל, אַז די אַלטע אַרבייטער זאָלען צוריק אָנגענומען ווערן צו דער אַרבייט.

בערניק. און ער אָפּפערט אויף אַזאַ׳ן אופן פיליכט אויף אָט די אַלע מענשענס-לעבענס—

קראַפ. דאָ ניט לאַנג האָט ער געזאָגט: דאָס זיינען ניט קיין מענשען, די וואָס געפינען זיך אויף דער „גאַזעלע”,—נאָר איינפאַכע חיות.

בערניק. נו יאָ, יאָ, ס׳קען זיין; אָבער צי האָט ער גאָר קיין איינזעהעניש ניט מיט דעם גרויסען קאַפּיטאַל, וואָס קען דאָ פערלאָרען געהן?

קראַפ. אַולער האָט ווינציג וואָס איינזעהעניש מיט׳ן גרויסען קאַפּיטאַל, הערר קאָנזול.

בערניק. אודאי, אודאי; ער איז אַן אויפהעצער; אָבער אַזאַ געוויסענלאָזער טריט—הערט איהר, הערר קראַפ; אַזאַ זאַך מוז צוויי מאָל אונטערזוכט ווערן. קיין האַלב וואָרט זאָל ניט אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר קיינעם ניט! אונזער פירמאַ וועט דאַרפען טראָגען די שאַנדע, אַז דער עולם וועט זיך דערוויסען מכח דעם.

קראַפ. פערשטעהט זיך, אָבער—

בערניק. מיטאָג-צייט מוזט איהר זעהן ווידער אַמאָל אַרונטער-געהן; מיר מוזען האָבען פולע געוויסהייט אין דער זאַך.

קראַפ. זעהר ריכטיג, הערר קאָנזול; אָבער ערלויבט—וואָס האָט איהר בדעה דאַן צו טהאָן?

בערניק. נאַטירליך בעקאַנט מאַכען די זאַך פאַר אַלעמען. מיר קענען דאָך ניט ווערן קיין מיטשולדיגע, קיין שותפים אין אַזאַ פערברעכען. כ׳מוז מיין געוויסען ריין האַלטען. אַחוץ דעם וועט עס אייבערהויפט מאַכען אַ גוטען רושם אין דער פרעסע און אין דער געזעלשאַפט, אַז מען וועט זעהן, אַז איך לייג אַוועק אַלע פערזענליכע זאַכען אָן אַ זייט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גערעכטיגקייט.

קראַפ. זעהר וואַהר, הערר קאָנזול.

בערניק. אָבער קודם כל פולע איבערצייגונג. און קיין וואָרט ניט ביז דאַן—

קראַפ. קיין וואָרט ניט, הערר קאָנזול; און געוויסהייט,—דאָס זאָלט איהר האָבען. (ער געהט אַרויס דורך׳ן גאָרטען און אַרונטער די גאַס.)

בערניק (פאַר זיך). הימעלשרייענד! אָבער ניין, דאָס איז דאָך

איינפאַך אונמעגליך—גאָר ניט בעגרייפליך ! (בעת ער וויל אַריינגעהן צו זיך אין צימער, קומט הילמאַר אָן פון רעכטס.)

הילמאַר. גוטען טאָג, בערניק! נאַ, כ׳ווינש דיר גליק צו דיין נעכטיגען זיעג אין דעם סיחר׳ישען פעראיין.

בערניק. אַ דאַנק.

הילמאַר. ס׳איז, הייסט עס, געווען גאָר אַ גלענצענדער זיעג, ווי איך הער,—אַ נצחון פון דעם אינטעליגענטען בירגער-גייסט איבער עגאָאיזמוס און פאָראורטהייל,—אָקוראַט ווי אַ פראַנצויזישער אָנפאַל אויף די קאַבילען... מערקווירדיג, אַז דיר האָט זיך דאָך איינגעגעבען נאָך דער ניט-אַנגענעהמער סצענע דאָ—

בערניק. יאָ, יאָ, לאָז צורוה וועגען דעם !

הילמאַר. אָבער די הויפט שלאַכט איז נאָך ניט געשלאָגען געוואָרען.

בערניק. מכח דער אייזענבאַהן, מיינסט דו ?

הילמאַר. יאָ ; דו ווייסט דאָך, וואָס רעדאַקטאָר האַמער פלאַנעוועט ?

בערניק (געשפאַנט). ניין ! וואָס פאָרט ?

הילמאַר. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג, וואָס געהט דאָ איצט אַרום, און מכח דעם וויל ער אַרויספלאַצען מיט אַן אַרטיקעל.

בערניק. וואָס פאַר אַ קלאַנג ?

הילמאַר. פערשטעהט זיך, מכח די גרויסע אויפקויפען פון שטיקער לאַנד לעבען דער צוויג-ליניע פון דער אייזענבאַהן.

בערניק. וואָס רעדסט דו ? אַזאַ קלאַנג איז דאָ פערשפרייט ?

הילמאַר. יאָ ; אין דער גאַנצער שטאָדט. אָקאָרשט האָב איך עס געהערט אין קלוב. איינער פון אונזערע אַדוואָקאַטען, הייסט עס, האָט בשתיקה אויפגעקויפט אַלע וועלדער, אַלע מיענען, אַלע וואַסערפאַלען א. אַז. וו.

בערניק. און מען זאָגט אפשר אויך, פאַר וועמען ער האָט עס אויפגעקויפט ?

הילמאַר. אין קלוב דיינקט מען, אַז עס מוז זיין אַ דרויסענדיגע קאָמפּאַניע, וועלכע איז געוואָהר געוואָרען, וואָס דו האָסט בדעה צו טהאָן, און וועלכע האָט זיך צוגעאיילט, איידער דאָס לאַנד ווערט טהייער... איז דאָס ניט נידערטרעכטיג ?

בערניק. נידערטרעכטיג ?

הילמאַר. נו יאָ—ס׳געהערט אַן אַקט ! פרעמדע זאָלען זיך אויף אַזאַ׳ן אופן אַריינשפאַרען אין אונזער געגענד ! און דאָס וואָס אַן אַדוואָקאַט דאָ פון אונזער שטאָדט האָט זיך נאָך געקענט אָבגעבען דערמיט ! נו, הייסט עס אַלזאָ, אַז פרעמדע לייט זיינען דאָ גרעסערע יחסנים פון אונז.

בערניק. אָבער עס איז דאָך נאָך אַלעמען נור אַ סלוך, אַן אונב,שטימטע זאַך—?

הילמאַר. וועלכע ווערט פונדעסטוועגען געגלויבט, און מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועט עס רעדאַקטאָר האַמער, פערשטעהט זיך, פעסטשטעלען אַלס ווירקליכקייט, אַלס פאַקט. די ערביטערונג איז שוין אַן אַלגעמיינע. כ'האָב שוין געהערט פערשיעדענע מענשען זאָגען, אַז אויב דער קלאַנג זאָל זיך בעשטעטיגען, וועלען זיי לאָזען אויסמעקען זייערע נעמען פון צעטעל.

בערניק. ס'קען ניט זיין!

הילמאַר. אַזוי גאָר? פאַרוואָס, מיינסט דו, זיינען די דאָזיגע קרעמערשע נשמות אַזוי גרייט צו זיין שותפים אין דיין אונטערנעהמונג? אָט אַפנים דו מיינסט, זיי פאָסמאַקעווען זיך שוין .ניט מיט דער ערוואַרטונג פון—?

בערניק. ס'איז ניט מעגליך, זאָג איך דיר! אַזוי פיעל געפיהל פאַר טובת הכלל איז דאָך נאָך פאַרהאַן ביי אונז אין אונזער קליינער געזעלשאַפט—

הילמאַר. דאָ? נו יאָ, דו ביסט דאָך אַן אָפּטימיסט, און דו אורטהיילסט איבער אַנדערע לויט ווי דו ביסט אַליין. אָבער איך, וואָס איך בין גאָר נישקשה פון אַ מבין אויף די זאַכען—הערסט דו? דאָ איז ניטאָ קיין איינער—פון אונז; אַליין איז דאָך ניט די רייד—קיין איינציגער, זאָג איך, וואָס זאָל קענען האַלטען חויך די גייסטיגע פאָהן. (לאָזט זיך געהן צום הינטערגרונד.) אוף, אוף, אָט זיינען זיי שוין ווידער דאָ!

בערניק. ווער?

הילמאַר. די צוויי אַמעריקאַנער. (קוקט אַרויס רעכטס.) און ווער געהט עס דאָרט מיט זיי? יאָ, בנאמנות, דאָס איז דאָך דער קאַפּיטאַן פון דער „גאַזעלע" ! אוף, אוף!

בערניק. וואָס פאַר געשעפטען האָבען זיי פאָרט מיט דעם דאָ?

הילמאַר. אָה, דאָס איז דאָך אַ גאַנץ פאַסענדע קאָמפּאַניע. ער, ווי מען זאָגט, איז אַמאָל געוועזען אַ שקלאַפען־הענדלער אָדער אַ ים־רויבער; און ווער ווייס מיט וואָס די אַנדערע האָבען זיך אין משך פון די אַלע יאָהרען אָבגעגעבען?

בערניק. איך זאָג דיר, ס'איז אַ גרויסע עולה, וואָס דו רעדסט אַזוי וועגען זיי.

הילמאַר. נו אודאי, דו ביסט דאָך אַן אָפּטימיסט. אָבער אָט האָבען מיר זיי, פערשטעהט זיך, שוין ווידער אויף'ן האַלז; איך וועל זיך דעריבער אָבטראָגען, אַזוי לאַנג ס'איז נאָך דאָ צייט... (לאָזט זיך עהן צו דער טהיר לינקס.)

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל קומט פֿון רעכטס.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. זאָג נאָר אַקאָרשט, הילמאַר, בין איך דאָס, וואָס פֿעריאָגט דיך פֿון דאַנעט ?

ה י ל מ אַ ר. חלילה... כ׳האָב קיין צייט ניט... כ׳מוז עפּעס ריידען מיט בעטטי׳ן. (געהט אַריין אין דעם הינטערשטען צימער לינקס.)

ב ע ר נ י ק (נאָך אַ קורצער פויזע). נו, לאָנאַ ?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָ, נו...

ב ע ר נ י ק. וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָסט דו ה י י נ ט פֿון מיר ?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָקוראַט ווי נעכטען. אַ ליגען מעהר אָדער ווייניגער—

ב ע ר נ י ק. דו מוזט אַביסעל בעסער אַריינקוקע; אין דער זאַך. וואו איז ערגעץ יאָהאַן ?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ער קומט ; ער האָט עפּעס געהאַט וואָס צו ריידען מיט אַ מאַן.

ב ע ר נ י ק נאָכדעם וואָס דו האָסט נעכטען געהערט, וועסט דו פֿערשטעהן, אַז מיין גאַנצע עקזיסטענץ איז פֿערניכטעט, ווען דער אמת זאָל אויפֿגעדעקט ווערן.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. דאָס בעגרייף איך.

ב ע ר נ י ק. ס׳פֿערשטעהט זיך נאַטירליך פֿון זיך אַליין, אַז א י ך בין ניט געווען דער שולדיגער אין דעם כלומר׳שטען פֿערברעכען, וועגען וועלכען ס׳האָט זיך דאָ פֿערשפּרייט דער קלאַנג.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. נו אודאי, דאָס פֿערשטעהט זיך פֿון זיך אַליין. אָבער ווער פּאָרט איז דער גנב געווען ?

ב ע ר נ י ק. ס׳איז גאָר ניט געווען קיין גנב. ס׳איז גאָרניט גע׳גנב׳עט געוואָרען קיין שום געלד ; קיין איין שילינג האָט ניט געפֿעהלט פֿון דער קאַסע.

פ ר י י ר י י ן ה ע ס ע ל. וואָס—?

ב ע ר נ י ק. ניט איין שילינג, זאָג איך דיר.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָבער דער קלאַנג ? ווי אַזוי איז אַרויס דער שענדליכער קלאַנג, אַז יאָהאַן—?

ב ע ר נ י ק. לאָנאַ, כ׳מיין, מיט דיר קען איך ריידען ווי מיט קיין אַנדערן ; כ׳וויל פֿון דיר גאָרנישט פֿערלייקענען. א י ך האָב אַ חלק אין דעם, וואָס דער קלאַנג האָט זיך פֿערשפּרייט.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. דו ? און דאָס האָסט דו געקענט טהאָן אַנטקעגען דעם, וואָס האָט זיך פֿון דיינעטוועגען—!

ב ע ר נ י ק. דו טהאָרסט מיך ניט פֿעראורטהיילען, איידער דו בע-קלעהרסט, ווי אַזוי די זאַך איז דעמאָלט געשטאַנען. כ׳האָב עס דיר נעכטען דערצעהלט. אַז איך בין געקומען צוריק אַהיים, האָב איך געפֿונען מיין מוטער פֿערפּלאָנטערט אין אַ גאַנצע רייהע פֿון מאָדנע

אונטערנעהמונגען ; דערצו אומגליקען פֿון יעדען סאָרט ; עפּעס האָט עס אויסגעזעהן, אַקוראַט ווי אַלדאָס בייז וואָלט זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטהאָן אויף אונז ; דאָס הויז אונזערס איז געווען גאָהענט ביים אונטערגאַנג. איך בין געווען האַלב לייכטזיניג, האַלב פֿערצווייפֿעלט.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. הם—

ב ע ר נ י ק. לאָנאַ, דו קענסט זיך משער זיין, וויפֿיעל ערליי קלאַנגען עס האָבען זיך געגומען פֿערשפרייטען, בעת דו און יאָהאַן זייט אַוועקגעפֿאָהרען. דאָס איז על כל פנים ניט זיין ערשטער לייכטזיניגער טריט, האָט געזאָגט איינער ;—דאָרף האָט אודאי געקראָגען פֿון איהם אַ מטמון מיט געלד, כדי ער זאָל מאַכען אַ שוויג און לאָזען זיין פֿרוי צורוה, האָט דערצעהלט אַן אַנדערער. אין דערזעלביגער צייט איז בעקאַנט געוואָרען, אַז ס'איז זעהר שווער געוואָרען פֿאַר אונזער פֿירמאַ צו בעצאָהלען די חובות איהרע. וואָס זשע האָט נאָך געקענט זיין נאַטירליכער איידער דאָס, וואָס די פלוידערזעק האָבען צונויפֿגעמישט די דאָזיגע ביידע קלאַנגען איינס מיט'ן אַנדערן ? אַז זי איז דאָ געבליבען און האָט געפֿיהרט אַן אָרים, קלעגליך לעבען, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געלד מיטגענומען מיט זיך אין אַמעריקאַ, און וואָס וויטער דער קלאַנג איז געגאַנגען, אַלץ גרעסער איז די סומע געוואָרען.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דו, ריכאַרד—?

ב ע ר נ י ק. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיגען קלאַנג אַזוי ווי אַ טרינקענדער כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרוי.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. כדי עס נאָך וויטער צו פֿערשפרייטען...?

ב ע ר נ י ק. כ'האָב עס ניט אָבגעלייקענט. די בעלי חובות האָבען זיך אָנגעזעצט אויף אונז ; מען האָט זיי געמוזט בערוהיגען ; ס'איז געגאַנגען אין דעם, אַוועקצומאַכען מיט יעטוועדען צווייפֿעל אין דער פֿעסטקייט פֿון אונזער פֿירמאַ ; אַ מאָמענטאַנעס אונגליק האָט אונז געטראָפֿען,—אַז מען זאָל אונז נור ניט צושפאַרען !— ווען מען זאָל אונז נור געבען אַביסעל צייט !—דאַן וועט יעדער איינער אָבקריגען דאָס זייניגע !

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און יעדער האָט טאַקי אָבגעקראָגען דאָס זייניגע ?

ב ע ר נ י ק. יאָ, לאָנאַ, דער דאָזיגער קלאַנג האָט געראַטעוועט אונזער הויז און האָט מיך געמאַכט פֿאַר דעם מאַן, וואָס איך בין אַצונד.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַ ליגען אַלזאָ האָט דיך געמאַכט פֿאַר דעם מאַן, וואָס דו ביסט אַצונד...

ב ע ר נ י ק. וועמען האָט עס דען דעמאָלט געשאָדט ? יאָהאַן האָט בדעה געהאַט, קיינמאָל ניט צוריקצוקומען אַהער.

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. דו פֿרעגסט, װעמען עס האָט געשאָדט? קוק אַקאָרשט אַרײן צו זיך אינעװעניג און זאָג מיר, צי האָסט דו דערפֿון קײן שום שאָדען ניט געהאַט!

ב ע ר נ י ק. פּרוביר אַקאָרשט דורכקוקען דאָס אינעװײניגסטע פֿון יעטװעדען מענשען,—בײ יעדען אײנעם װעסט דו געפֿינען לכל הפּחות א י י ן דונקעלען פּונקט, װאָס מוז בלײבען פֿערשטעלט!

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. און איהר רופֿט זיך דאָס די שטיצען, די זײלען פֿון דער געזעלשאַפֿט!

ב ע ר נ י ק. זי האָט ניט קײן בעסערע.

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. און װאָס זשע איז דאָ די נפקא מינה, צי אַזאַ געזעלשאַפֿט װערט געשטיצט אָדער ניט? װאָס געהט דאָ אָן בײ אײך? צבוע׳יאַטסטװאָ און ליגען—װײטער גאָרנישט. אָט לעבסט דו זיך דאָ, דער ערשטער, דער בכבוד׳יגסטער מאַן אין שטאָדט, אין פֿרײד און גלאַנץ, אין כבוד און אין גדולה,—דו, װאָס דו האָסט אַרױפֿגעדריקט אַן אומשולדיגען מענשען דעם פֿערברעכער צײכען אױף׳ן שטערן!

ב ע ר נ י ק. װאָס זשע, דו מײנסט איך פֿיהל ניט טיעף גענוג דאָס אונרעכט, װאָס איך האָב אַנטקעגען איהם בעגאַנגען? דו מײנסט, איך בין ניט גרײט, עס װידער גוט צו מאַכען?

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. מיט װאָס? דערמיט װאָס דו װעסט זיך מודה זײן בפני כל עם ועדה?

ב ע ר נ י ק. און דאָס קענסט דו פֿון מיר פֿערלאַנגען?

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. װאָס זשע פֿאַר אַן אַנדער זאַך קען גוט מאַכען אַזאַ מין אונרעכט?

ב ע ר נ י ק. איך בין רײך, לאָנאַ; יאָהאַן קען שטעלען סײ װאָס פֿאַר אַ פֿאָדערונג—

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. יאָ, דערװעג זיך נאָר איהם אָנבאָטען געלד, װעסט דו שױן הערען, װאָס ער װעט דיר ענטפֿערן.

ב ע ר נ י ק. דו װײסט אפשר, װאָס ער האָט בדעה צו טהאָן?

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. נײן; פֿון נעכטען אָן איז ער גאַנץ פֿערשלאָסען אין זיך. עס זעהט אױס, אַזױ װי דאָס אַלעס װאָלט איהם מיט אַמאָל געמאַכט פֿאַר אַ גאַנצען זעלבסטשטענדיגען מאַן.

ב ע ר נ י ק. איך מוז רײדען מיט איהם!

פ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. אָט איז ער.

י אָ ה אַ ן קומט פֿון רעכטס.

ב ע ר נ י ק (געהט איהם אַנטקעגען). יאָהאַן—!

י אָ ה אַ ן (אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד). צוערשט א י ך. נעכטען אין דערפֿריה האָב איך דיר געגעבען מײן װאָרט צו שװײגען.

בערניק. דאָס האָסט דו געטהאָן.

יאָהאַן. אָבער דאַן האָב איך נאָך ניט געוואוסט—

בערניק. יאָהאַן, לאָמיך דיר ערקלעהרען אין אַ פּאָר ווערטער פֿון וואַנעט דאָס האָט זיך גענומען.

יאָהאַן. ניט נייטיג; כ׳בין מיר שוין משער פֿון וואַנעט דאָס קומט. אייער הויז איז דעמאָלט געווען אין אַ שווערער, קריטישער לאַגע; און אַזוי ווי איך בין אַוועקגעפֿאָהרען און דו האָסט געקענט טהאָן וואָס דו האָסט געוואָלט מיט דעם גוטען נאָמען פֿון אַ מענשען, וואָס האָט זיך ניט געקענט ווערען—נו מילא, כ׳וויל ניט שטאַרק פֿאַראיבעל האָבען אויף דיר דערפֿאַר; מיר זיינען דאַן ביידע געווען יונג און לייכטזיניג. אָבער איצט מוז איך האָבען דעם ריינעם אמת און דו מוזט אַלזאָ ריידען.

בערניק. און גראָד אַצונד מוז איך נייטיג האָבען מיין גאַנצען מאָראַלישען אָנזעהן, און דעריבער קען איך איצט ניט ריידען.

יאָהאַן. די ניט געשטויגענע מעשיות, וואָס דו האָסט פֿערשפּרייט צווישען עולם, געהען מיך ווייניג וואָס אָן; אָבער דאָס אַנדערע,— דערפֿאַר מוזט דו נעהמען אויף זיך די שולד. דינאַ מוז ווערן מיין פֿרוי, און דאָ, דאָ אין דער דאָזיגער שטאָדט וועל איך מיט איהר לע-בען און וואוינען.

פֿריילין העסעל. דאָ?

בערניק. מיט דינאַ! פֿאַר דיין פֿרוי? דאָ אין דער שטאָדט!

יאָהאַן. יאָ, פּונקט דאָ. איך וועל בלייבען דאָ אויף צו להכעיס די אַלע ליגענס און פֿערליימדונגען. אָבער כדי זי צו געווינען, איז אונבעדינגט נייטיג, אַז איך זאָל זיין אין גאַנצען ריין, אָהן אַ שום פֿלעק.

בערניק. האָסט דו בערעכענט, אַז ווען איך זאָל נעהמען אויף מיר איין זאַך, גיב איך שוין דערמיט צו די אַנדערע אויך? דו ווערסט זאָגען, איך וואָלט געקענט דערווייזען פֿון אונזערע ביכער, אַז ס׳איז קיין שום שווינדעל ניט געמאַכט געוואָרען? אָבער דאָס קען איך ניט; די ביכער אונזערע זיינען דעמאָלט ניט ריכטיג און פּינקטליך געפֿיהרט געוואָרען. און אפילו ווען איך וואָלט עס שוין געקענט,— וואָס וואָלט איך דערמיט געוואונען? וואָלט איך יעדענפֿאַלס ניט גע-בליבען דער מאַן, וואָס האָט זיך אַמאָל געראַטעוועט מיט אַ ליגען און דערנאָך פּופֿצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד געהאַלטען אין איין פֿערשפּריי-טען דעם דאָזיגען ליגען און אַלע אַנדערע בבא מעשיות, ניט מאַ-כענדיג אין דער גאַנצער צייט קיין איין איינציגען טריט דאָס אָבצולייקענען? דו קענסט ניט די געזעלשאַפֿט אונזערע, אַניט וואָלסט דו געוואוסט, אַז דאָס קען מאַכען פֿון מיר אַ תל.

יאָהאַן. כ׳קען דיר נור ענטפערן, אַז איך וויל האָבען מאַדאַם דאָרף׳ס טאָכטער פאַר אַ פרוי און לעבען מיט איהר דאָ אין דער דאָזיגער שטאָדט.

בערניק. (זיך אָבווישענדיג דעם שוויים פון שטערן). הער מיך אויס, יאָהאַן,—און דו אויך, לאָנאַ. ס׳איז ניט קיין געוועהנליכע לאַגע, אין וועלכע איך געפין מיך גראָד די טעג. דאָס איז אַזאַ מין צושטאַנד, אַז אויב דער קלאַפּ זאָל מיך טרעפען, דאַן וועט איהר מיך אין גאַנצען פערניכטען,—און ניט בלויז מיך אַליין,—ניין, אויך די גרויסע גליקליכע צוקונפט פון אַ געזעלשאַפט, צו וועלכער איהר געהערט דורך אייער געבורט.

יאָהאַן. און אויב איך זאָל דיר ניט געבען דעם קלאַפּ, דאַן מאַך איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענד אַ תל פון מיין גאַנצען צוקונפטיגען גליק.

פריילין העסעל. ווייטער בערניק.

בערניק. אַלזאָ הערט אויס. ס׳האָט צו טהאָן מיט דער אייזענבאַהן; די זאַך איז ניט אַזוי גלאַט ווי איהר שטעלט זיך פאָר. איהר האָט אודאי געמוזט הערען, אַז פאָריגעס יאָהר איז דאָ געווען אַ רייד וועגען בויען אַן אייזענבאַהן, וואָס זאָל פערבינדען די אַלע פלעצער, וואָס ליגען ביים וואַסער, אַ האַפען-ליניע הייסט עס. אָט די ליניע האָט דאָ אין שטאָדט און אין דער אומגעגענד געהאַט פיעל אָנהייננגער, דער עיקר האָט מען אין דער פרעסע שטאַרק אַגיטירט דערפאַר; אָבער מיר האָט זיך איינגעגעבען אָבצושלאָגען דעם פּלאַן, מחמת די דאָזיגע באַהן וואָלט שטאַרק געשעדיגט אונזערע דאַמפּף-שיפען.

פריילין העסעל. דו ביסט, הייסט עס, אַליין אַ שותף אין דער שיפען-פירמאַ.

בערניק. יאָ, אָבער קיינער האָט ניט געסמייעט מיך חושד צו זיין צוליעב דעם; מיין רעספּעקטירטער נאָמען האָט מיך בעשיצט און בעשירמט דערפון. איבעריגענס וואָלט איך נאָך ווי עס איז געקענט אַריבערטראָגען דעם היזק; אָבער אונזער שטאָדט וואָלט עס ניט געקענט דערטראָגען און מחמת דעם האָט מען אויסגעקליבען די מיטעל-ליניע. אַז דאָס איז געשעהן, האָב איך זיך בשתיקה ערקונדיגט, צי וואָלט מען ניט געקענט מאַכען אַ צווייג-ליניע צו אונז אין שטאָדט.

פריילין העסעל. פאַרוואָס עפּעס בשתיקה, בערניק?

בערניק. האָט איהר געהערט מכח דעם גרויסען אויפקויף פון וועלדער, מיענען און וואַסערפאַלען—?

יאָהאַן. יאָ, מען זאָגט, אַ דרויסענדיגע קאָמפּאַניע זאָל עס האָבען אויפגעקויפט.

בערניק. אָט די שטיקער ערד, אַזוי ווי זיי זיינען איצט, האָבען

כמעט גאָר קיין ווערטה ניט פֿאַר די צושפרייטע און צוזעעטע בעלי בתים זייערע; דעריבער האָט מען זיי פֿערקויפֿט גאַנץ ביליג. ווען מען וואָלט געוואַרט דערמיט ביז די ידיעה מכח דער צווייג-ליניע פֿון דער אייזענבאַהן וואָלט פֿערשפרייט געוואָרען, דאַן וואָלטען די בעלי בתים פֿערלאַנגט אונפֿערשעהמטע פרייזען.

פֿרייליין העסעל. יאָ, יאָ; אָבער—

בערניק. אַצונד קומט דאָס, וואָס מען קען פֿערטייטשען אויף פֿערשיעדענע ערליי אופנים,—דאָס וואָס אַ מאַן אין אונזער געזעל-שאַפֿט קען נור דאַן אַרויסזאָגען אָפֿען, ווען ער קען זיך שטיצען אויף אַ ריינעם און געאַכטעטען נאָמען.

פֿרייליין העסעל. נו?

בערניק. דאָס בין איך עס דער, וואָס האָט אַלעס צונויפֿגעקויפֿט.

פֿרייליין העסעל. דו?

יאָהאַן. אויף דיין אייגענעם חשבון?

בערניק. אויף מיין אייגענעם חשבון. ווערט אַ לאַד מיט דער צווייג-ליניע, וועל איך זיין אַ מיליאָנער; וועט עס ניט דורכגעהן, בין איך אַ רואינירטער מענש.

פֿרייליין העסעל. דאָס הייסט איינגעשטעלט, בערניק.

בערניק. מיין גאַנץ פֿערמעגען האָב איך איינגעשטעלט אין דעם.

פֿרייליין העסעל. וועגען דעם פֿערמעגען טראַכט איך ניט; אָבער ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז —

בערניק. יאָ, דאָס איז די הויפּט זאַך! מיט דעם ריינעם, אונבע-פֿלעקטען נאָמען, וועלכען איך האָב ביז אַהער געטראָגען, קען איך גאַנץ רוהיג נעהמען די זאַך אויף מיינע פּלייצעס, צו קומען צו מיינע מיטבירגער און זיי זאָגען: זעהט, דאָס האָב איך געוואַגט צו טהאָן לטובת דער געזעלשאַפֿט!

פֿרייליין העסעל. דער געזעלשאַפֿט?

בערניק. יאָ; און קיין איינער וועט ניט צווייפֿלען אין מיינע גוטע אַבזיכטען.

פֿרייליין העסעל. נאַ, זיינען דאָך דאָ פּאַרהאַן מענער, וואָס וואָלטען געהאַנדעלט אָפֿענער איידער דו, — אָהן הינטער-געדאַנקען, אָהן פֿערדרעהענישען.

בערניק. ווער אַשטייגער?

פֿרייליין העסעל. רומעל און אַלטסטעדט און וויגעלאַנד — פֿערשטעהט זיך.

בערניק. כדי אָט די אויף מיין זייט צו געווינען, בין איך גע-צוואונגען געוועזן אויסזאָגען זיי דעם סוד.

פֿרייליין העסעל. און דערנאָך — ?

בערניק. אַ פֿינפֿטעל פֿון דעם פּראָפֿיט האָבען זיי אויסגעדונגען פֿאַר זיך.

פֿריילײן העסעל. אָה, אָט די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט!

בערניק. און איז עס דע, נִיט די געזעלשאַפֿט גופא, וועלכע צווינגט אונז צו געהן מיט הינטער-וועגען? וואָס וואָלט דאָ אַ שטייגער געשעהן, ווען איך וואָלט ניט אַלעס געטהאָן בסוד? תיכף וואָלטען זיך אַלע מיט אַמאָל אַ וואָרף געטהאָן אויף דער אונטערנעהמונג, זיי וואָלטען דאָס גאַנצע צוריסען, צוטהיילט, צופּיצעלט און איבערגעפֿיהרט. ניטאָ קיין איינציגער מאַן דאָ אין שטאָדט אַחוץ מיר, וואָס זאָל ווּיסען ווי צו פֿיהרען אַזאַ גרויס געשעפֿט, ווי דאָס דאָזיגע וועט ווערן; דאָ אין לאַנד זיינען די איינגעוואַנדערטע פֿאַמיליען די איינציגע, וועלכע האָבען די פֿעהיגקייט צו פֿיהרען גרויסע געשעפֿטען. מחמת דעם טאַקי ווערט מיין געוויסען ריין אין דעם דאָזיגען פּרט. בלויז ביי מיר אין די הענד וועלען אָט די אַלע שטיקער לאַנד האָבען אַ מזל ברכה פֿאַר די טויזענדער, וועמען זיי וועלען פֿערשאַפֿען ברויט.

פֿריילײן העסעל. דעריין ביסט דו אפשר גערעכט, בערניק.

יאָהאַן. אָבער איך קען זיי ניט, אָט די טויזענדער, און דאָס גליק פֿון מיין לעבען איז דאָ איינגעשטעלט אין קאָן.

בערניק. דאָס גליק פֿון דיין געבורטס-שטאָדט איז פּונקט אַזוי איינגעשטעלט ווי דיין אייגענס. אַז מען זאָל זיך רערווּיסען מכח די זאַכען, וואָס קענען וואַרפֿען אַ שאָטען אויף מיין פֿריהערדיגען לעבען, דאַן וועלען אַלע מיינע געגנער מיט פֿעראייניגטע כוחות זיך אַרויפֿוואַרפֿען אויף מיר. אַ נאַרישקייט, וואָס מען טהוט אָב אין דער יוגענד, קען אין אונזער געזעלשאַפֿט קיינמאָל ניט פֿערגעסען ווערן. מען וועט פֿונאַנדערנעהמען דאָס גאַנצע לעבען מיינס, טויזענד קליינע פּאַסירונגען וועט מען צוגליעדערן און עס פֿערטייטשען אין דעם זינן פֿון דעם אַמאָליגען לייכטזיניגען שריט מייגעם; מען וועט מיך צומאָלען אויף שטויב אונטער דער לאַסט פֿון די פֿערשיעדענע קלאַנגען און פֿערלוימדונגען. פֿון דער אייזענבאַהן-אונטערנעהמונג וועל איך זיך אַלזאָ מוזען צוריקציהען; און קוים נעהם איך צו מיין האַנד דערפֿון, דאַן פֿאַלט עס און איך בין אַ רואינירטער, אַ בירגערליך-טויטער מענש!

פֿריילײן העסעל. יאָהאַן, נאָכדעם וואָס דו האָסט איצט געהערט, מוזט דו אַוועקפֿאָהרען און שווייגען.

בערניק. יאָ יאָ, יאָהאַן, דאָס מוזט דו!

יאָהאַן. יאָ, איך וועל אַוועקפֿאָהרען און שווייגען; אָבער איך וועל צוריקקומען, און דאַן וועל איך ריידען.

בערניק. בלייב דאָרט, יאָהאַן; שווייג און איך וועל זיך גערן טהיילען מיט דיר —

יאָהאַן. האַלט דאָס געלד פֿאַר דיר, אָבער גיב מיר אָב מיין גוטען נאָמען!

בערניק. און מיין אייגענעם אָפּפֿערן!

יאָהאַן. דאָס קענט איהר, דו און די געזעלשאַפֿט דיינע, אָבמאַ-כען צווישען זיך. איך מוז און וויל געווינען דינאַ'ן פֿאַר מיר. דעריבער פֿאָהר איך שוין מאָרגען אָב מיט דער „גאַזעלע״ —

בערניק (לעבעדיג). מיט דער „גאַזעלע״?

יאָהאַן. יאָ. דער קאַפּיטאַן האָט מיר צוגעזאָגט מיטצונעהמען. כ׳פֿאָהר אַריבער, זאָג איך, פֿערקויף מיין פֿאַרם און מאַך אַ לאַד מיט מיינע געשעפֿטען. אין צוויי חדשים אַרום בין איך דאָ צוריק.

בערניק. און דאַן האָסט דו בדעה צו ריידען?

יאָהאַן. דאַן זאָל דער שולדיגער נעהמען די שולד אויף זיך אַליין.

בערניק. דו פֿערגעסט, אַז איך וועל דאַן מוזען נעהמען אויף זיך אויך דאָס, אין וואָס איך בין גאָר ניט שולדיג?

יאָהאַן. ווער האָט מיט פֿופֿצעהן יאָהר צוריק געצויגען נוצען פֿון דעם דאָזיגען שענדליכען קלאַנג?

בערניק. דו טרייבסט מיך פֿון די כלים אַרויס! אָבער טאָמער רעדסט דו אויס אַ וואָרט, וועל איך אַלצדינג אָבלייקענען! כ׳וועל זאָגען, ס׳איז אַ פֿערשווערונג געגען מיך! — זיך נוקם צו זיין אָן מיר! — דו ביסט אריבערגעקומען אהער אויסצאַפּען געלד ביי מיר!

פֿריילין העסעל. שעהמען מעגסט דו זיך, ריכאַרד!

בערניק. כ׳בין אין פֿערצווייפֿלונג, זאָג איך אייך; און איך קעמפּף פֿאַר מיין לעבען! כ׳וועל אָבלייקענען אַלעס, אַלעס!

יאָהאַן. נאַ, אויב ס׳וועט האַלטען דערביי, האָב איך דיינע ביידע בריעף. ביי מיר אין קופֿער האָב איך זיי געפֿונען צווישען מיינע אַנ-דערע פּאַפּירען. היינט אין דער פֿריה האָב איך זיי ווידער אַמאָל דורכגעלייענט; זיי זיינען פֿול מיט בעווייזע.

בערניק. און דו ווילסט אָט די בריעף פֿאָרלעגען אַלס בעווייזע געגען מיר?

יאָהאַן. אַז ס׳וועט נייטיג זיין.

בערניק. און אין צוויי חדשים אַרום וועסט דו דאָ זיין צוריק?

יאָהאַן. אַזוי האָף איך. דער ווינד איז גוט, אין דריי וואָכען צייט בין איך אין נויאָרק — אַז די „גאַזעלע״ וועט ניט אונטערגעהן.

בערניק (ערשטוינט). אונטערגעהן? פֿאַרוואָס עפּעס זאָל די „גאַ-זעלע״ אונטערגעהן?

יאָהאַן. יאָ, דאָס זאָג איך טאַקי.

בערניק (קוים וואָס מען הערט איהם). אונטערגעהן?

יאָהאַן. נאַ, בערניק, ווייסט דו אַלזאָ, וואו עס האַלט אין דער

וועלט; דערווייל קענסט דו זיך מישב זיין מיט זיך אַליין, זיי געזונד! בעטטי׳; קענסט דו לאָזען גריסען פֿון מיינעטוועגען, כאָטש זי האָט מיך ניט אויפֿגענומען ווי אַ שוועסטער. אָבער מאַרטהאַ׳ן מוז איך אַקאָרשט זעהן, זי זאָל זאָגען דינאַ׳ן... זי זאָל פֿאַר מיר אַ גוט וואָרט ריידען... (ער געהט אַוועק דורך דער הינטערשטער טהיר לינקס.)

בערניק (צו זיך אַליין). די „גאַזעלע" — ? (אויף גיך.) לאָנאַ, דו טהאָרסט עס ניט צולאָזען!

פֿרייליין העסעל. דו זעהסט דאָך אַליין, ריכאַרד, — איך האָב שוין מעהר קיין איינפֿלוס ניט אויף איהם. (זי געהט נאָך יאָהאַן׳ן אין צימער לינקס.)

בערניק (אין אונרוהיגע געדאַנקען). אונטערגעהן — ?

שיפֿבויער אולער קומט פֿון רעכטס.

אַולער. פֿערצייהט, הערר קאָנזול, כ׳קום אפשר ניט אין דער רעכטער צייט?

בערניק (זיך אומדרעהענדיג מיט כעס.) וואָס ווילט איהר?

אַולער. כ׳וואָלט אייך גערן געוואָלט עפּעס פֿרעגען, הערר קאָנזול.

בערניק. גוט, אָבער אויף גיך! וואָס האָט איהר צו פֿרעגען?

אַולער. כ׳וואָלט געוואָלט פֿרעגען, צי עס איז ביי אייך אָבגעמאַכט — פֿעסט אָבגעמאַכט — אַז איך וועל אָבגעזאָגט ווערן פֿון מיין שטעלע, אויב די „גאַזעלע" וועט מאָרגען ניט קענען אָבפֿאָהרען פֿון דאַנעט?

בערניק. וואָס הייסט דאָס? דאָס שיף וועט דאָך זיין גרייט אָבצופֿאָהרען.

אַולער. יאָ — ס׳וועט זיין גרייט. אָבער ווען עס וואָלט ניט געווען, — וואָלט איך דאַן אָבגעזאָגט געוואָרען?

בערניק. וואָס טויגען אָט די איבעריגע פֿראַגען?

אַולער. כ׳וואָלט אַזוי גערן געוואָלט וויסען בעשטימט, הערר קאָנזול. זאָגט מיר דעריבער די איין זאַך: איך וואָלט דאַן אָבגעזאָגט געוואָרען?

בערניק. פֿלעג איך אַמאָל צוריקנעהמען מיין וואָרט אָדער ניט?

אַולער. איך וואָלט אַלזאָ מאָרגען פֿערלאָרען די פּאָזיציאָן, וועלכע איך פֿערנעהם ביי מיר אין דערהיים און צווישען די, וואָס שטעהען מיר אַם נאָהנטסטען, — כ׳וואָלט מיין איינפֿלוס אין די אַרבייטער־קרייזען פֿערלאָרען, יעדע געלעגענהייט גוטס צו טהאָן פֿאַר די אָרימע און ערנידעריגטע אין דער געזעלשאַפֿט!...

בערניק. אַולער —

אַולער. גוט, דאַן מוז אַלזאָ די „גאַזעלע" אָבפֿאָהרען. (קורצע פּויזע.)

בערניק. הערט אויס: כ׳קען ניט האַלטען די אויגען אָנגעשטעלט

איבעראַל; כ׳קען ניט זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר אַלצדינג; — איהר מוזט מיר דאָך פֿערזיכערן, אַז איהר האָט דאָס שיף פֿעררינכט ווי געהעריג איז.

אַולער. איהר האָט מיר געגעבען צו ווייניג צייט, הערר קאָנזול.

בערניק. אָבער, ניט אמת, דאָס שיף איז פֿעררינכט ווי געהעריג איז?

אַולער. ס׳איז דאָך איצט אַזאַ פֿיין וועטער און — אין מיטען זומער. (ווידער אַ פּויזע.)

בערניק. איהר האָט מיר נאָך וואָס צו זאָגען?

אַולער. ווייטער נישט, הערר קאָנזול...

בערניק. אַלזאָ — די „גאַזעלע" — פֿאָהרט אָב —

אַולער. מאָרגען?

בערניק. יאָ.

אַולער. גוט. (גריסט און געהט אַוועק.)

בערניק שטעהט אַ רגע אונענטשלאָסען; דאַן געהט ער אויף גיך צו צו דער טהיר, אָקוראַט ווי ער וואָלט געוואָלט אַולער׳ן צוריקרופֿען, ער בלייבט אָבער שטעהן אומרוהיג מיט דער האַנד אויף׳ן שלאָס. אין דערזעלבער רגע ווערט די טהיר געעפֿענט פֿון דרויסען און קראַפּ קומט אַריין.

קראַפּ (שטילערהייט). אַהאַ; ער איז געווען דאַ. האָט ער זיך מודה געווען?

בערניק. הם... איהר האָט עפּעס אויסגעפֿונען?

קראַפּ. וואָס דאַרף מען נאָך מעהר? וואָס זשע, מען האָט דען ניט געקענט לייענען די רשעות זיינע ביי איהם אין די אויגען, הערר קאָנזול?

בערניק. וויים איך וואָס! — אַזעלכע זאַכען מערקט מען ניט. איהר האָט עפּעס אויסגעפֿונען — יאָ צי ניין?

קראַפּ. כ׳האָב ניט געקענט צוקומען; ס׳איז געווען צו שפּעט; זיי האָבען שוין געהאַלטען דערביי, אַרויסצופֿיהרען דאָס שיף פֿון ברעג. אָבער גראָד אָט די איילעניש בעווייזט קלאָהר, אַז —

בערניק. ס׳בעווייזט גאָר נישט. מען האָט אַלזאָ אַלעס דורכגעקוקט?

קראַפּ. פֿערשטעהט זיך; אָבער —

בערניק. זעהט איהר שוין! און מען האָט נאַטירליך גאָר נישט געפֿונען וואָס אויסצוזעצען?

קראַפּ. הערר קאָנזול, איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, ווי אַזעלכע אונטערזוכונגען ווערען געמאַכט, דער עיקר אויף אַ דאָק, וואָס האָט אַזאַ גוטען נאָמען ווי אונזערער.

בערניק. ס׳מאַכט גאָר ניט אויס; על כל פנים מיר זיינען שוין מעהר ניט פֿעראַנטוואָרטליך דערפֿאַר.

קראַפ. הערר קאָנזול, איהר האָט טאַקי ניט געקענט אָנזעהן ביי אָולער׳ן אויף׳ן פנים, אַז — ?

בערניק. אָולער האָט מיך פֿאָלקאָם בערוהיגט, זאָג איך אייך.

קראַפ. און איך זאָג אייך, כ׳בין מאָראַליש איבערצייגט, אַז —

בערניק. וואָס הייסט דאָס אַזוינס, הערר קראַפ?... כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז איהר האָט אַ האַרץ אויף אָולער׳ן; אָבער אויב איהר ווילט איהם דערלאַנגען אַ קלאַפּ, מוזט איהר אויסזוכען עפּעס אַן אַנדער פּריטשינע. איהר ווייסט גאַנץ גוט, ווי ס׳געהט מיר — אָדער בעסער געזאָגט, די שיף-קאָמפּאַניע — אין דעם, אַז די „גאַזעלע״ זאָל מאָר-גען אָבפֿאָהרען.

קראַפ. גוט, גוט... זאָל זיין אַזוי... אָבער אויב מיר וועלען נאָך אַמאָל הערען פֿון דעם דאָזיגען שיף... הם!

קויפֿמאַן וויגעלאַנד קומט פֿון רעכטס.

וויגעלאַנד. ווי געהט׳ס, הערר קאָנזול? איהר האָט אפשר צייט אַ רגע?

בערניק. פֿערשטעהט זיך, הערר וויגעלאַנד.

וויגעלאַנד. יאָ, כ׳וואָלט בלויז געוואָלט הערען, צי זייט איהר אייך איינשטימיג, אַז דער „טייטעלבוים״ זאָל אָבפֿאָהרען מאָרגען?

בערניק. אודאי; דאָס איז דאָך אַן אָבגעמאַכטע זאַך.

וויגעלאַנד. אָבער נאָר וואָס קומט דער קאַפּיטאַן צוגעהן צו מיר און זאָגט, אַז עס זיינען פֿאַרהאַן סימנים אויף אַ שטורם...

קראַפ. דאָס באַראָמעטער איז ווירקליך זינט היינט אין דער פֿריה שטאַרק געפֿאַלען.

בערניק. טאַקי? מען קען זיך אַלזאָ ווירקליך ריכטען אויף אַ שטורם?

וויגעלאַנד. על כל פנים אַ זעהר שטאַרקער ווינד; אָבער ניט קיין געגען-ווינד; אדרבה —

בערניק. הם... יאָ, וואָס זאָגט איהר דערצו?

וויגעלאַנד. איך זאָג דאָס, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט דעם קאַפּיטאַן: דער „טייטעלבוים״ ליגט ביי דעם בורא אין די הענד און אַחוץ דעם געהט עס דאָך דערווייל בלויז איבער׳ן נאָרד-ים; און אין ענגלאַנד האַלט די פֿראַכט אַצונד אויף אַזאַ אַנשטענדיג הויכען פּרייז, אַז —

בערניק. יאָ, מיר וועלען וואַהרשיינליך פֿערלירען דערביי, ווען מיר זאָלען נאָך וואַרטען.

וויגעלאַנד. דאָס שיף איז דאָך אַזוי שטאַרק, און אַחוץ דעם

פֿאַלשטענדיג פֿערזיכערט. נאַ, פֿאַר דער „גאַזעלע", פערשטעהט זיך, איז דאָך די ריזיקע אַסך גרעסער —

בערניק. וואָס מיינט איהר דערמיט?

וויגעלאַנד. די פֿאָהרט דאָך אויך אָב מאָרגען.

בערניק. יאָ, די בעלי בתים פֿון שיף האָבען אַזוי געיאָגט, און דערצו נאָך —

וויגעלאַנד. נו, אַז דער אַלטער קאַסטען קען זיך דערוועגען אַרויסגעהן אין ים — און דערצו נאָך מיט אַזעלכע מאַטראָזען — וואָלט ווירקליך געווען אַ חרפה, מיר זאָלען ניט —

בערניק. גוט, גוט. איהר האָט דאָך מן הסתם די שיפֿס-פּאַפּירען מיט זיך?

וויגעלאַנד. יאָ, דאָ.

בערניק. גוט; ווילט איהר זיך מטריח זיין אַ ווײַלע מיט הערר קראַפּ?

קראַפּ. ביטע! מיר וועלען זיי גלייך צורעכט מאַכען.

וויגעלאַנד. זעהר שעהן, — און דעם ערפֿאָלג, הערר קאָנזול, וועלען מיר איבערלאָזען ביי דעם אַלמעכטיגען אין די הענד. (ער געהט אַריין מיט קראַפּ'ן אין דאָס ערשטע צימער לינקס.)

דורך'ן גאָרטען קומט אַריין וויצע-פּרעדיגער ראָהרלאַנד.

ראָהרלאַנד. אַה, ווי קומט עס? איהר זייט גאָר אין דערהיים, הערר קאָנזול?

בערניק (פֿערטראַכט). ווי איהר זעהט.

ראָהרלאַנד. יאָ, כ'קום אייגענטליך וועגען אייער פֿרוי. כ'האָב גערעכענט, אַז זי דאַרף אפשר אַ טרייסט-וואָרט—

בערניק. גאַנץ מעגליך. אָבער איך אַליין וואָלט גערן געוואָלט עפּעס ריידען מיט אייך.

ראָהרלאַנד. ס'פֿרעהט מיך, הערר קאָנזול, אָבער וואָס איז אייך פֿאָרט? איהר זעהט אויס אַזוי בלייך און צוטראָגען.

בערניק. איך? זעה איך ווירקליך אַזוי אויס? נו יאָ, ווי קען עס דען אַנדערש זיין,—ביי דעם אַלעם, וואָס האָט זיך אַצונד אָנגעקליבען אַרום מיר! מיין גאַנץ גרויס געשעפֿט,—און דערצו נאָך די אייזענבאַהן-אונטערנעהמונג... הערט אויס... ערלויבט מיר אַ וואָרט, הערר וויצע-פריידיגער, אַ פֿראַגע.

ראָהרלאַנד. מיט'ן גרעסטען פֿערגניגען, הערר קאָנזול.

בערניק. ס'איז מיר נאָר וואָס אַרויף אַ געדאַנק אויף'ן זינען... אַז מען שטעהט פֿאַר אַזאַ גרויסאַרטיגע אונטערנעהמונג,—פֿאַר אַן אונטערנעהמונג, וואָס האָט דעם צוזעק צו בעגליקען טויזענדער מענשען... ווי איז, אַז די דאָזיגע אונטערנעהמונג, הייסט עס, זאָל פֿאָדערן איין איינציגען קרבן—?

ראָהרלאַנד. כ׳פערשטעה ניט אַקוראַט וואָס איהר מיינט.

בערניק. לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיעל. אימיצער וויל אויפשטעלען אַ גרויסע פאַבריק. ער ווייסט גאַנץ בעשטימט—מחמת דאָס האָט איהם די לאַנג-יעהריגע ערפאַהרונג געלערנט—אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט דאָס לעבען פון מענשען צו גרונד געהן ביי דער אַרבייט אין דער דאָזיגער פאַבריק...

ראָהרלאַנד. יאָ, וועגען דעם קען כמעט קיין צווייפעל ניט זיין...

בערניק. אָדער ס׳נעהמט זיך אימיצער צו דער מינען-אינדוסטריע. ער נעהמט אויף פאַמיליען-פאָטערס אַזוי גוט ווי יונגע לעבענס-פרישע מענער צו דער אַרבייט. צי קען מען דאָ ניט זאָגען אויף געוויס, אַז ניט אָט די אַלע אַרבייטער וועלען אַרויס מיט׳ן לעבען דערפון?

ראָהרלאַנד. יאָ, איהר זייט ליידער גערעכט.

בערניק. נו גוט. אַזאַ מאַן ווייסט אַלזאָ פאָראויס, אַז די אונ-טערנעהמונג, וועלכע ער האָט בדעה דורכצופיהרען, וועט גאָר אָהן אַ שום ספק ווען עס איז קאָסטען מענשען-לעבענס. אָבער אָט די אונ-טערנעהמונג איז פון גרויסען נוצען פאַר׳ן כלל; פאַר יעדעס מענשען-לעבען, וואָס עס קאָסט, וועט עס פונקט אַזוי גוט ברייננען גליק און זעגען פאַר הונדערטער, יאָ, פאַר טויזענדער מענשען.

ראָהרלאַנד. אַהאַ, איהר האָט מן הסתם אין זינען די אייזענ-באַהן,—אָט די אַלע ערד-אַרבייטען און שפּרענגונגען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט אַזוי פיעל געפאַהר—

בערניק. יאָ—אודאי; כ׳האָב אין זינען די אייזענבאַהן. און אחוץ דעם,—צוליעב דער אייזענבאַהן וועלען זיך דאָך אויך עפענען פאַב-ריקען און מינען-אַרבייט. אָבער מיינט איהר ניט, אַז—

ראָהרלאַנד. ליעבער הערר קאָנזול, כ׳זאָג אייך דעם אמת, איהר זייט שוין צו געוויסענהאַפט. אַשטייגער ווען איהר לאָזט איבער די אונ-טערנעהמונג אייערע ביי גאָט אין דער האַנד—

בערניק. יאָ—נו יאָ—גאָט—

ראָהרלאַנד.— דאַן דאַרפט איהר זיך גאָרניט אָבעסען דאָס האַרץ דערפון. איהר קענט זיך גאַנץ רוהיג נעהמען צו אייער אייזענבאַהן.

בערניק. יאָ, אָבער איך וויל אייך דאָ פאָרלייגען אַ גאַנץ בעזונדערן פאַל. לאָמיר אָננעהמען, אַז מיר האָבען צו מאַכען אַ טונעל, וואָס מוז דורכגעהאַקט ווערן אין אַ געפעהרליכען אָרט. אָהן דעם טונעל קען די אייזענבאַהן ניט פאַרטיג ווערן. אָנגענומען, דער אינזשעניר ווייסט, אַז דער אַרבייטער, וואָס שפּרענגט די מינע, מוז פערלירען זיין לעבען; אָבער געשפּרענגט מוז זי דאָך ווערן, און עס איז דעם אינזשענירס פליכט, אַריינצושיקען אַן אַרבייטער, אום זי אָנצוצינדען...

ראָהרלאַנד. הם—

בערניק. כ׳ווייס, וואָס איהר ווילט זאָגען. ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע טהאַט, ווען דער אינזשעניר אַליין זאָל נעהמען דעם ברענענדען קנויט און אונטערצינדען די מינע. אָבער אַזעלכע זאַכען טהוט מען ניט. ער מוז אַלזאָ אָפּפערן אַן אַרבייטער.

ראָהרלאַנד. דאָס וואָלט אַן אינזשעניר ביי אונז קיינמאָל ניט געטהאָן.

בערניק. אין די גרויסע לענדער וואָלט קיין אינזשעניר ניט אי-בערגעטראַכט אפילו, אַז עס וואָלט געהאַלטען דערביי.

ראָהרלאַנד. אין די גרויסע לענדער? נו יאָ, דאָס פערשטעהט זיך דאָך. אין יענער פערדאָרבענער און געוויסענלאָזער געזעלשאַפט—

בערניק. אָה, יענע געזעלשאַפט האָט דאָך וואָס גוטעס אין זיך!

ראָהרלאַנד. און דאָס קענט איהר זאָגען, איהר, וואָס איהר האָט אַליין—!

בערניק. אין דער גרויסער געזעלשאַפט געפינט מען דאָך פון-דעסטוועגען פלאַץ, דורכצופיהרען אַ ניצליכע אונטערנעהמונג;—דאָרט האָט מען דעם מוטה צו אָפּפערן וואָס עס איז פאַר אַ גרויסער זאַך,— אָבער דאָ איז מען געבונדען און פערשקלאַפט צו אַלערליי קליי-ניגקייטען.

ראָהרלאַנד. וואָס זשע, אַ מענשענלעבען איז ביי אייך אַ קליי-ניגקייט?

בערניק. ווען דאָס דאָזיגע מענשענלעבען שטעהט אין וועג דאָס גליק פון טויזענדער—

ראָהרלאַנד. אָבער איהר נעהמט דאָך אַן אַזעלכע זאַכען, וואָס לייגען זיך גאָרניט אויף׳ן שכל, הערר קאָנזול! אסור מיר, צו איך פערשטעה אייך גאָר, איהר ברייננגט אַ ראיה פון דער גרויסער געזעל-שאַפט. נו יאָ, דאָרט אין אויסלאַנד—וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט דאָרט אַ מענשענלעבען? דאָרט רעכענט מען זיך מיט מענשענלעבענס אַזוי ווי מיט קאַפּיטאַלען. אָבער מיר שטעהען דאָך עפּעס אויף אַ גאַנץ אַנדערן מאָראַלישען שטאַנדפונקט, דוכט זיך. גיט נור אַ קוק אויף אונזערע עהרליכע שיפס-געזעלשאַפטען! רופט מיר אַן איין איינ-ציגען סוחר דאָ, וואָס וואָלט גע׳פועל׳ט ביי זיך צו אָפּפערן מיט איין איינציגען מענשענלעבען צוליעב פערדיענסט! און דאַן דיינקט פון יענע שור׳קען אין דער גרויסער געזעלשאַפט, וואָס צוליעב פראָפיט שיקען זיי אַרויס איין צובראָכען שיף נאָך׳ן אַנדערן אין ים אַריין—

בערניק. פון צובראָכענע שיפען רייד איך ניט!

ראָהרלאַנד. אָבער איך רייד דערפון, הערר קאָנזול.

בערניק. יאָ—אָבער—צו וואָס? דאָס האָט דאָך גאָרנישט וואָס צו טהאָן מיט אונזער ענין.—אָה, אָט די אַלע קלייניגקייטען! ווען ביי אונז

זאָל טרעפֿען, אַז אַ גענעראַל זאָל אַרויספֿיהרען זיינע סאָלדאַטען אין שלאַכט און זיי לאָזען דערשיסען—וואָלט ער דערנאָך ניט געקענט שלאָפֿען פֿון הארצוויטאָג. אַזוי געהט ניט צו ערגעץ אַנדערש. איהר האָט געדאַרפֿט הערען, וואָס דער דאָ אינעווייניג דערצעהלט—

ראָהרלאַנד. דער?... ווער?... דער אַמעריקאַנער—?

בערניק. יאָ, איהר האָט געדאַרפֿט הערען, ווי ס'פֿיהרט זיך אין אַמעריקאַ—

ראָהרלאַנד. איז דער דאָ? און איהר האָט עס מיר נישט גע- זאָגט! כ'וועל תיכף—

בערניק. אַן עבירה אייער מיה; איהר וועט גאָרנישט מאַכען מיט איהם.

ראָהרלאַנד. דאָס וועלען מיר נאָך זעהן... אַה, אָט האָבען מיר איהם!

יאָהאַן טענעסען קומט אַרויס פֿון'ם צימער לינקס.

יאָהאַן (רעדט אַריין צוריק אין דער אָפֿענער טהיר). יאָ, יאָ, דינאַ; דערביי בלייבט עס; כ'וועל איהר ניט איבערלאָזען. כ'וועל צוריקקומען און דאַן וועט אַלעס גוט ווערן צווישען אונז!

ראָהרלאַנד. פֿערצייהט, וואָס מיינט איהר דערמיט? וואָס ווילט איהר?

יאָהאַן. איך וויל, אַז דאָס יונגע מיידעל, פֿאַר וועמען איהר האָט מיך נעכטען אַזוי שענדליך פֿערליימדעט, זאָל ווערן מיין פֿרוי.

ראָהרלאַנד. אייערע? און איהר שטעלט זיך פֿאָר, אַז—?!

יאָהאַן. —אַז זי וועט זיין מיין פֿרוי.

ראָהרלאַנד. נו, דאַן זאָלט איהר עפּעס געוואָהר ווערן—(געהט צו צו דער האַלב-אָפֿענער טהיר.) מאַדאַם בערניק, ווילט איהר אַזוי גוט זיין און זיין אַן עדות—און איהר אויך, פֿריילייין מאַרטהאַ... און זאָל דינאַ אויך קומען. (דערזעהט פֿריילייין העסעל.) אַה, איהר זייט אויך דאָ?

פֿריילייין העסעל (אין דער טהיר). זאָל איך אויך אַריינקומען?

ראָהרלאַנד. אַזוי פֿיעל וויפֿיעל עס ווילען נור; וואָס מעהר אַלץ בעסער.

בערניק. וואָס ווילט איהר דאָ טהאָן?

פֿריילייין העסעל, מאַדאַם בערניק, פֿריילייין בערניק, דינאַ און הילמאַר טענעסען קומען אַרויס פֿון צימער.

מאַדאַם בערניק. הערר וויצע-פּרעדיגער, מיט מיין בעסטען ווילען האָב איך איהם ניט געקענט אָבהאַלטען—

ראָהרלאַנד. איך וועל איהם שוין אָבהאַלטען דערפֿון, מאַדאַם בערניק!—דינאַ, איהר זייט אַ לייכטזיניג מיידעל. אָבער איך וויל קיי

טענות ניט האָבען צו אייך דערפאַר. איהר זייט צו לאַנג געשטאַנען דאָ אָהן דער מאָראַלישער שטיצע, וואָס האָט אייך אייגענטליך געדאַרפט אויפהאַלטען, כ׳בעשולדיג זיך אַליין, וואָס איך האָב אייך ביז אַהער ניט געגעבען די דאָזיגע שטיצע...

דינאַ. איהר דאַרפט יעצט ניט ריידען!

מאַדאַם בערניק. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר?

ראָהרלאַנד. גראָד איצט מוז איך ריידען, כאָטש אייער בענעהמען זיך פון נעכטען און היינט האָט עס מיר געמאַכט צעהן מאָל אַזוי שווער. אָבער כדי אייך צו ראַטעווען, טהאָר איך ניט קוקען אויף קיין זאַך... איהר געדיינקט דאָך דעם צוזאָג, וואָס איך האָב אייך געגעבען. איהר געדיינקט מן הסתם אויך דאָס, וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען אַלס ענטפער, ווען די צייט וועט קומען דערצו. איצט אַלזאָ קען איך שוין מעהר ניט וואַרטען, און דעריבער—(צו (יאָהאַן׳ן.) אָט דאָס יונגע מיידעל, נאָך וועמען איהר יאָגט זיך נאָך, איז מיין כלה!

מאַדאַם בערניק. וואָס רעדט איהר?!

בערניק. דינאַ!

יאָהאַן. זי? אייערע —!?

פרייליין בערניק. ניין, ניין, דינאַ!

פרייליין העסעל. ס׳אַ ליגען!

יאָהאַן. דינאַ,—ס׳איז אמת, וואָס דער מאַן זאָגט?

דינאַ (נאָך אַ קורצער פויזע). יאָ.

ראָהרלאַנד. דערמיט איז, האָף איך, געקומען אַ סוף צו אַלע אייערע פערפיהרערישע שטיק. דער שריט, וואָס איך האָב פון איהר רעטונג וועגען בעשלאָסען צו מאַכען, קען בעקאַנט ווערען אין אַלע קרייזען פון אונזער געזעלשאַפט. לאָמיך האָפען, ניין, איך בין איבערציינגט, אַז ער וועט ניט שלעכט אויסגעטייטשט ווערען... אָבער אַצונד, מאַדאַם בערניק, איז דאָס בעסטע, מיין איך, מיר זאָלען איהר צונעהמען פון דאַנעט און זעהן איהר געבען צוריק די רוה און די גלייכגעוויכט, אין וועלכע זי נייטיגט זיך אַזוי שטאַרק.

מאַדאַם בערניק. יאָ, קום. אָה דינאַ, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דיר! (זי פיהרט אַרויס דינאַ׳ן נאָך לינקס; ראָהרלאַנד געהט זיי נאָך.)

פרייליין בערניק. אַדיע, יאָהאַן! (זי געהט אַרויס.)

הילמאַר (אין דער גאָרטענטהיר), הם... נאַ, דאָס הייסט אַביסעל—

פרייליין העסעל (וועלכע האָט נאָכגעקוקט דינאַ׳ן ביים אַרויס געהן), ניט פערלאָרען קיין מוטה, דזשאָהן! כ׳בלייב דאָ און איך וועל אַכטונג געבען אויף׳ן פאַסטאָר! (זי געהט אַרויס רעכטס.)

בערניק. יאָהאַן, איצט פאָהרסט דו ניט מיט דער „גאַזעלע"!

י אָ ה אַ ן. אדרבה, גראָד איצט.

ב ע ר נ י ק. אָבער דו קומסט דאָך ניט צוריק ?

י אָ ה אַ ן. כ׳קום יאָ צוריק.

ב ע ר נ י ק. נאָך דער דאָזיגער ענטדעקונג ? וואָס האָסט דו נאָך דאָ וואָס צו טהאָן ?

י אָ ה אַ ן. זיך נוקם זיין אין אייך אַלעמען, — אַזוי פיעל ווי מעג-ליך פון אייך צו פערניכטען ! (ער געהט אָב רעכטס.)

ו ו י ג ע ל נ ד און ק ר אַ פ קומען אַרויס פון דעם קאָנזול׳ס צימער.

ו ו י ג ע ל אַ נ ד. נאַ, די פאַפירען זיינען אַלזאָ שוין אין אָרדנונג, הערר קאָנזול.

ב ע ר נ י ק. גוט, גוט —

ק ר אַ פ (מיט אַ האַלבען מויל). און ס׳איז אַלזאָ פעסט אָבגעמאַכט, אַז די „גאַזעלע" פאָהרט אָב מאָרגען ?

ב ע ר נ י ק. זי פאָהרט אָב מאָרגען. (ער געהט אַריין צו זיך אין צימער. וויגעלאַנד און קראַפ געהען אָב רעכטס. הילמאַר וויל זיי נאָכגעהן, אָבער אין דערזעלבער רגע שטעקט אָלאַף אַרויס פאָרזיכטיג דעם קאָפ צו דער טהיר לינקס.)

אָ ל אַ ף. פעטער, פעטער, הילמאַר !

ה י ל מ אַ ר. וואָס, דו ביסט גאָר דאָ ? פאַרוואָס בלייבסט דו ניט אויבען ? דו ביסט דאָך פערשפאַרט.

אָ ל אַ ף (מאַכענדיג עטליכע טריט פאָראויס). שש ! פעטער הילמאַר, ווייסט דו שוין די נייעס ?

ה י ל מ אַ ר. יאָ, כ׳ווייס, אַז דו האָסט היינט געקראָגען געשמיסען.

אָ ל אַ ף (קוקט סטראַשענדיג אויף׳ן פאָטער׳ס צימער). ער וועט מיך שוין ניט אַזוי אָפט שמייסען. אָבער ווייסט דו, אַז פעטער יאָהאַן פאָהרט מאָרגען אָב מיט די אַמעריקאַנער ?

ה י ל מ אַ ר. וואָס געהט עס דיך אָן ? געה שוין צוריק אַרויף אויבען !

אָ ל אַ ף. כ׳וועל נאָך אפשר אויך זיין אַמאָל אויף דעם בופלאָקס-יאַגד, פעטער.

ה י ל מ אַ ר. ווייס איך וואָס, נאַרישקייטען ! אַזאַ טרופ ווי דו —

אָ ל אַ ף. יאָ, וואַרט אַקאָרשט ! דו וועסט שוין זעהן מאָרגען !

ה י ל מ אַ ר. אַך דו לויפער דו ! (ער געהט אַראָב אין גאָרטען. אָלאַף לויפט צוריק אַרויף אין צימער און פערשליסט די טהיר, ווען ער דערזעהט קראַפ׳ן, וועלכער קומט אָן פון רעכטס.)

ק ר אַ פ (געהט צו צום קאָנזול׳ס טהיר און עפענט זי האַלב אויף). פערצייהט מיר, הערר קאָנזול, וואָס איך קום נאָך אַמאָל ; אָבער זעהר אַ שטאַרקער שטורם האַלט אין אָנקומען. (וואַרט אַ רגע ; קיין ענטפער.) זאָל די „גאַזעלע" דאָך אָבפאָהרען ? (קורצע פויזע.)

ב ע ר נ י ק (פון זיין צימער). די „גאַזעלע" וועט דאָך אָבפאָהרען.

(קראַפ שליסט צו די טהיר און געהט אַרויס צוריק רעכטס.)

פערטער אקט.

גאָרטען־סאַלאָן ביי קאָנזול בערניק.

רער טיש איז אַוועקגענומען. ס׳איז אַ שטורמדיגער נאָכמי־טאָג, שוין האַלב־פינסטער, און וואָס ווייטער ווערט אַלץ פינסטערער. אַ דיענער צינדט אָן דעם היינג־לייכטער, צוויי דיענסט־מיידלאַך ברייגגען אַריין בלומען־טעפּ, ראָמפען און ליכט, וועלכע ווערן אויסגעשטעלט אויף טישען און פּאָליצעס ביי די ווענד. קויפמאַן רומעל, אין פראַק, ווייסע האַנד־שוה און אַ ווייסען קראַוואַט, שטעהט אין מי־טען סאַלאָן און קאָמאַנדירט וואָס צו טהאָן.

רומעל (צום דיענער). נור אַ ליכט איבער אַ ליכט צינד אָן, יאַ־קאָב, ס׳דאַרף ניט אויסזעהן צו יום טוב׳דיג; ס׳מוז זיין אַן איבער־ראַשונג. און אָט די אַלע בלומען—? נו יאָ... זאָלען זיי דאָ שטעהן... ס׳קען דאָך אַזוי אויסזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָ יעדען טאָג געשטאַנען—

בערניק קומט אַרויס פון זיין צימער.

בערניק (אין דער טהיר). וואָס איז דאָס פאַר אַ חתונה?

רומעל. אוי וועה, דו ביסט גאָר דאָ! (צו די דיענער.) יאָ, איהר קענט זיך דערווייל געהן. (דער משרת און די דיענסט־מיידלאַך געהען אַרויס דורך די הינטערשטע טהיר לינקס.)

בערניק (צוקומענדיג נעהנטער). אָבער, רומעל, וואָס בעדייטעט דאָס אַלעס?

רומעל. דאָס בעדייטעט, אַז דער שטאָלצעסטער מאָמענט פון דיין לעבען איז געקומען. די שטאָדט קומט היינט אָוועגד מיט אַ פּראָצע־סיאָן, אַבגעבען כבוד איהר ערשטען, אָנגעזעהנסטען בירגער.

בערניק. וואָס זאָגסט דו!

רומעל. אַ פּראָצעסיאָן מיט מוזיק! מיר וואָלטען אויך מיטגענומען פאַקעלען מיט זיך; אָבער מיר האָבען ניט געסמייעט דאָס צו טהאָן אין אַזאַ שטורמדיגען וועטער. נאָר אַן אילומינאַציע וועט זיין; און דאָס וועט דאָך אויסזעהן גרויסאַרטיג, ווען עס וועט שטעהן אין די צייטונגען.

ב ע ר נ י ק. הער אויס, רומעל, כ׳וויל גאָרנישט וויסען דערפֿון.

ר ו מ ע ל. יאָ, אַצונד איז שוין צו שפּעט; אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלען זיי דאָ זיין.

ב ע ר נ י ק. אָבער פֿאַרוואָס האָסט דו דאָס מיר פֿריהער ניט געזאָגט?

ר ו מ ע ל. טאַקי דעריבער ווייל איך האָב מורא געהאַט, דו זאָלסט ניט זיין דאַגעגען. אָבער איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט דיין פֿרוי; זי האָט מיר ערלויבט, אַביסעל דאָ צו אַראַנזשירען, און זי וועט בע־זאָרגען דעם בופֿעט.

ב ע ר נ י ק (זיך צוהערענדיג). וואָס איז דאָס? זיי קומען שוין? כ׳מיין, איך הער אַ געזאַנג.

ר ו מ ע ל (ביים טהיר פֿון גאָרטען). געזאַנג? אָה, דאָס זיינען נור די אַמעריקאַנער. די „גאַזעלע" ווערט אַרויסגעפֿיהרט.

ב ע ר נ י ק. אַרויסגעפֿיהרט! יאָ—; ניין, כ׳קען היינט אָבענד ניט, כ׳בין קראַנק.

ר ו מ ע ל. דו זעהסט ווירקליך אויס שלעכט. אָבער דו מוזט זיך שטאַרקען. צום טייוועל, דו מ ו ז ט זיך שטאַרקען! ווען דו וואָלסט געוואוסט וואָס איך און אַלטסטעדט און וויגעלאַנד האָבען דאָס אַלץ צוטהאָן, כדי אָט די גאַנצע חתינה אויפֿצוקלאַפּען! די געגנער אונ־זערע מוזען צודריקט ווערן אונטער דער לאַסט פֿון אַן אַלגעמיינעם אויסדרוק פֿון אַכטונג און בעגייסטערונג. עס געהען אַרום פלוכען אין שטאָדט; די ידיעה מכח די גרויסע אויפֿקויפֿען לאָזט זיך שוין מעהר ניט צוריקהאַלטען. דו מוזט זיי גאָר אָהן אַ שום תירוץ שוין היינט בייַנאַכט—ביי געזאַנג און רעדען, ביים קלאַנג פֿון די גלעזער, הקיצור, אין רעכטען מיטען פֿון אַ בערוישענדער יום-טוב׳דיגער שטימונג מוזט דו זיי לאָזען וויסען, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט לטובת דער גע־זעלשאַפֿט. ביי אַזאַ מין בערוישענדער שטימונג, ווי איך האָב זיך אָקאָרשט אויסגעדריקט, קען מען דאָ ביי אונז אונגעהייער פֿיעל אויפֿ־טהאָן. אָבער אָט ד י שטימונג מוז זיין, אַניט געהט עס ניט.

ב ע ר נ י ק. יאָ יאָ יאָ—

ר ו מ ע ל. און דער עיקר, ווען אַזאַ עדעלער, קיצעלדיגער פונקט מוז אַרוים פֿאַר דער וועלט. נו, דו האָסט גאָט צו דאַנקען אַ נאָמען, וועלכער קען עס וואַגען, בערניק. אָבער הער אַקאָרשט אויס; מיר מוזען זיך דאָך אַביסעל דורכריידען מכח דעם. דיין שוועסטער-קינד הילמאַר האָט לכבוד דיר אַ ליעד פֿערפֿאַסט און די מוזיק דערצו קאָמפּאָנירט. ס׳הויבט זיך אָן זעהר שעהן מיט די ווערטער: „הויך, הויך די גייסטיגע פֿאָהן!" און וויצע-פּרעדיגער ראָהרלאַנד איז אויפֿ־

געפאָדערט געוואָרען צו האַלטען די פעסט-רעדע. דו ווערסט, פער-שטעהסט זיך, מוזען ענטפערן.

בערניק. היינט אָווענד קען איך ניט, רומעל, טאָמער וואָלסט דו—?

רומעל. אונמעגליך, כאָטש איך וואָלט עס גערן געוואָלט. די רעדע וועט דאָך זעלבסטפערשטענדליך זיין דירעקט צו דיר געווענדעט. נו, אפשר וועט מען זיך צו אונז אויך ווענדען מיט עטליכע ווערטער. איך האָב שוין מכח דעם גערעדט מיט אַלטסטעדט און וויגעלאַנד. אונזער מיינונג איז, אַז דו וואָלסט געדאַרפסט ענטפערן מיט אַ הוראה פאַר דעם ערפאָלג פון אונזער געזעלשאַפט; אַלטסטעדט וועט זאָגען עטליכע ווערטער מכח די אחדות צווישען די פערשיעדענע קלאַסען פון אונזער געזעלשאַפט; וויגעלאַנד וויל האַלטען אַ קורצע רעדע וועגען דער נויטווענדיגקייט, אַז דער מאָראַלישער יסוד, אויף וועלכען מיר שטעהען איצט, זאָל חלילה ניט ליידען דורך דער נייער אונטער-נעהמונג; און איך האָב בדעה מיט אַ פאָר פאַסענדע ווערטער צו דערמאָנען אָן די פרויען, וועמעס בעשיידענע טהעטיגקייט בלייבט על כל פנים ניט אָהן אַ בעדייטונג פאַר אונזער געזעלשאַפט. אָבער דו הערסט דאָך גאָרנישט וואָס איך רייד—

בערניק. יאָ—אודאי הער איך. נאָר זאָג מיר, כ'בעט דיך, ווי מיינסט דו, דער ים דאָ דרויסען איז זעהר געפעהרליך—?

רומעל. אַה, דו האָסט מורא פאַר'ן „טייטעל-בוים"? ער איז דאָך גוט פערזיכערט!

בערניק. יאָ, פערזיכערט; אָבער—

רומעל. און אין גוטען צושטאַנד; און דאָס איז די הויפט-זאַך.

בערניק. הם... און אפילו ווען עפעס זאָל טרעפען מיט'ן שיף, איז דאָך נאָך ניט געזאָגט, אַז מענשענלעבענס מוזען דערביי פערלאָ-רען געהן... דאָס שיף און די לאַדונג קענען אונטערגעהן... מען קען פערלירען קופערס און פאַפּירען— —

רומעל. צום טייוועל, קופערס און פאַפּירען זיינען דאָך ניט אַזוי וויכטיג!

בערניק. ניט! ניין, ניין, כ'האָב נור געמיינט... דו הערסט?... זיי זינגען שוין ווידער.

רומעל. דאָס איז אויף'ן „טייטעלבוים."

קויפמאַן וויגעלאַנד קומט אָן פון רעכטס.

וויגעלאַנד. יאָ, איצט פיהרען זיי אַרויס דעם „טייטעלבוים". גוטען אָווענד, הערר קאָנזול.

בערניק. און איהר, וואָס איהר קענט גוט דעם ים, האַלט איהר זיך נאָך אַלץ פעסט, אַז—?

וויגעלאַנד. כ׳פֿערלאָז זיך אין גאַנצען אויף גאָט׳ס בעראָטה, הערר קאָנזול; דערצו בין איך אַליין געווען אויף׳ן שיף און איך האָב פֿערטהיילט עטליכע קליינע רעליגיעזע ביכלאַך, וועלכע וועלען אָהן אַ שום ספק האָבען אַ גוטע ווירקונג.

אַלטסטעד און קראַפּ קומען פֿון רעכטס.

אַלטסטעד (נאָך אין דער טהיר). יאָ, געהט דאָס גוט, דאַן וועט אלעס געהן גוט. אַה זעה נאָר, גוטען אָווענד, גוטען אָווענד!

בערניק. עפּעס נייעס, הערר קראַפּ?

קראַפּ. כ׳האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגען, הערר קאָנזול.

אַלטסטעד. אַלע מאַטראָזען פֿון דער „גאַזעלע" זיינען שכור, בין איך קיין עהרליכער מאַן ניט, אויב די אונמענשען וועלען אָנקומען לעבעדיג.

פֿריילין העסעל פֿון רעכטס.

פֿריילין העסעל (צו בערניק). יאָ, איצט קען איך דיר אָבגעבען אַ גרוס פֿון איהם.

בערניק. שוין אויף׳ן שיף?

פֿריילין העסעל. יעדענפֿאַלס באַלד. מיר האָבען זיך אָבגעזעגענט ביים האָטעל.

בערניק. און ער האַלט זיך פֿעסט ביי זיין בעשלוס?

פֿריילין העסעל. פֿעסט ווי אַ פֿעלז.

רומעל (ביי די פֿענסטער). צו׳ן אַלדע שוואַרץ יאָהר מיט אָט די ניי-מאָדישע איינריכטונגען. כ׳קען ניט אַרונטערקריגען די פֿאָרהיינגלאַך.

פֿריילין העסעל. איהר ווילט זיי גאָר אַרונטערלאָזען? כ׳האָב געמיינט אדרבה—

רומעל. פֿאָרלויפֿיג אַראָב, פֿריילין. יאָ, איהר ווייסט דאָך, וואָס דאָ קומט פֿאָר?

פֿריילין העסעל. נו אודאי ווייס איך. לאָזט, איך וועל אייך העלפֿען; (נעהמט אָן די שנירלאַך) כ׳וויל פֿאַר מיין שוואָגער אַרונטערלאָזען דעם פֿאָרהאַנג... כאָטש איך וואָלט איהם ליעבערשט געוואָלט אַרויפֿלאָזען אין דער הויך...

רומעל. דאָס וועט איהר קענען טהאָן שפּעטער. אַז דער גאָרטען וועט פֿול ווערן מיט דעם ים פֿון מענשען, דאַן וועלען די פֿאָרהאַנגען אַרויף אין דער הויך און מען וועט דערזעהן דאָ אינעווייניג אַן איבעראַשטע, פֿרעהליכע פֿאַמיליע... אַ בירגער׳ס הויז מוז זיין אַזוי ווי אַ גלעזערנע שאַפֿע.

בערניק (זעהט אויס ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגען, קעהרט זיך אָבער אויף גיך אָב און געהט אַריין צו זיך אין צימער.)

רומעל. יאָ, לאָמיר אַצונד האַלטען די לעצטע בעראַטהונג... קומט

מיט, הערר קראַפּ; איהר מוזט אונז אַרויסהעלפֿען מיט עטליכע פּאַק-טישע ערקלעהרונגען. (די מענער געהען אַריין צום קאָנזול אין צימער. פֿרייליין העסעל האָט אַרונטערגעצויגען די גאַרדינען פֿון פֿענסטער און האָט בדעה אַרונטערצולאָזען דעם פֿאָרהאַנג איבער דער אָפֿענער גלעזערנער טהיר, מיט אַמאָל שפּרינגט אָלאַף אַראָב פֿון אויבען אויף די גאָרטענ-טרעפּ. ער טראָגט אַ מאַנטעל איבער די אַקסלען אין אַ פּעקעל אין דער האַנד.)

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַך, גאָט איז מיט דיר, דו קינד; דו האָסט מיך דערשראָקען צום טויט!

אָ ל אַ ף (בעהאַלט דאָס פּעקעל). שש, מוהמע!

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואָס זשע, דו ביסט אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿענסטער? וואו געהסט דו?

אָ ל אַ ף. שש—זאָג גאָרנישט! כ׳געה צו פֿעטער יאָהאַן׳ן... בלויז אַרונטער צום האַפֿען, ווייסט דו... כ׳וויל זיך מיט איהם געזעגנען, מעהר ניט. גוטע נאַכט, מוהמע! (ער לויפֿט אַרויס דורך׳ן גאָרטען.)

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ניין, בלייב! אָלאַף! אָלאַף!

י אָ ה אַ ן, אָנגעטהאָן אין רייזע-קליידער מיט אַ טאַש אַרום די שולטערן, קומט אַריין פֿאָרזיכטיג דורך דער טהיר רעכטס.

י אָ ה אַ ן. לאָנאַ!

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (זיך אומדרעהענדיג צו איהם). וואָס! דו ביסט גאָר דאָ צוריק?

י אָ ה אַ ן. כ׳האָב נאָך עטליכע מינוטען צייט. כ׳מוז זי נאָך אַמאָל זעהן. אַזוי קענען מיר זיך ניט צושיידען.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק און ד י נ אַ, ביידע אין מאַנטלען און די לעצטע מיט אַ קליינער רייזע-טאַש אין דער האַנד, קומען אַן פֿון דער הינ-טערשטער טהיר לינקס.

ד י נ אַ, צו איהם—צו איהם!

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ, דו וועסט געהן צו איהם, דינאַ!

ד י נ אַ. אָט איז ער!

י אָ ה אַ ן. דינאַ!

ד י נ אַ. נעהמט מיך מיט!

י אָ ה אַ ן. וואָס—

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. דו ווילסט—?

ד י נ אַ. יאָ, נעהמט מיך מיט! דער אַנדערער האָט מיר געשריבען; ער זאָגט, היינט אָוועגד זאָלען אַלע מענשען וויסען, אַז—

י אָ ה אַ ן. דינאַ,—איהר ליעבט איהם ניט?

ד י נ אַ. כ׳האָב דעם מענשען קיינמאָל ניט געליעבט. כ׳וואָלט זיך אַריינ-געוואָרפֿען אין ים, ווען איך זאָל מוזען ווערן זיין כלה! אָה, ווי ער

האָט עס מיר אַביסעל געלאָזט פֿיהלען, אַז ער הויבט אַרויף צו זיך אַ נידעריגע, שפּל׳ע בריאה! ניין, כ׳וויל ניט זיין מעהר קיין ערנידע־דיגטע ביי יעדען איינעם! כ׳וויל אַוועק פֿון דאַנעט! קען איך מיט־פֿאָהרען מיט אייך?

יאָהאַן. יאָ, יאָ—טויזענד מאָל יאָ!

דינאַ. כ׳וועל אייך לאַנג ניט פֿאַלען צו לאַסט, נעהמט מיך בלויז אַריבער אַהין; העלפֿט מיר נור די ערשטע צייט אַביסעל אויס—

יאָהאַן. הורראַה, ס׳וועט שוין זיין רעכט, דינאַ!

פֿריילין העסעל (אָנווייזענדיג אויף דעם קאָנזול׳ס טהיר). שש! שטילער, שטילער אַביסעל!

יאָהאַן. דינאַ, אויף די הענד וועל איך אייך טראָגען!

דינאַ. דאָס ערלויב איך אייך ניט... כ׳וויל זיך אַליין אַרויסהעל־פֿען; און דאָרט וועל איך עס דאָך קענען. ווען איך זאָל נור אַוועק פֿון דאַנעט. אָה, אָט די דאַמען,—איהר ווייסט עס ניט,—זיי האָבען מיר היינט אויך געשריבען בריעף. זיי דערמאָנען מיר, וואָס פֿאַר אַ גליק מיך האָט געטראָפֿען, און גיבען מיר צו פֿערשטעהן, ווי גרויס־מוטהיג און עדעל ער האָט זיך געצייגט צו מיר. מאָרגען און איבער־מאָרגען און אַלע טאָג וועלען זיי אַכטונג געבען אויף מיר, כדי צו זעהן, אויב איך בין ווערטה אַזוי פֿיעל גליק. אַ גרויל געהט מיר אַריבער פֿאַר דער גאַנצער אָנשטענדיגקייט!

יאָהאַן. זאָגט מיר אָקאָרשט, דינאַ, איהר פֿאָהרט בלויז דערפֿאַר מיט מיר? בין איך אייך גאָרנישט?

דינאַ. יאָ, יאָהאַן, איהר זייט מיר מעהר איידער אַלע אַנדערע מענשען.

יאָהאַן. אָה, דינאַ—!

דינאַ. אַלע זאָגען זיי מיר דאָ, אַז איך מוז אייך האַסען און אַנט־לויפֿען פֿון אייך; דאָס איז מיין פֿליכט, הייסט עס; אָבער אַזאַ מין פֿליכט פֿערשטעה איך ניט; כ׳וועל עס קיינמאָל ניט פֿערשטעהן.

פֿריילין העסעל. דאָס וועסט דו ווירקליך ניט, קינד!

פֿריילין בערניק. און דו האָסט אויך גאָר ניט וואָס צו פֿער־שטעהן דאָ; און דעריבער דאַרפֿסט דו מיט איהם מיטפֿאָהרען אַלס זיין פֿרוי.

יאָהאַן. יאָ, יאָ!

פֿריילין העסעל. וואָס?.. נאַ, כ׳מוז דיר אַ קוש טהאָן דער פֿאַר, מאַרטהאַ! דאָס וואָלט איך פֿון דיר ניט ערוואַרטעט.

פֿריילין בערניק, נו, כ׳מיין עפּעס אַזוי; כ׳האָב עס אַליין פֿון זיך ניט ערוואַרטעט. אָבער פֿריהער אָדער שפּעטער, דאָס איז האָט געמוזט פּלאַצען! אָה, וואָס מיר האָבען עס דאָ אויסצושטעהן,

פון די זיטען און די געוואוינהייטען! רעוואָלטיר געגען דעם, דינאַ! ווער זיין פרוי... ס׳מוז עפּעס געשעהן, וואָס זאָל אָט די גאַנצע אָנ-שטענדיגקייט געבען אַ פּאַטש אין פּנים אַריין.

יאָהאַן. וואָס ענטפערט איהר דערויף, דינאַ?

דינאַ. יאָ, כ׳וועל זיין אייער פרוי.

יאָהאַן. דינאַ!

דינאַ. אָבער אַפריהער וויל איך אַרבייטען, אַליין עפּעס ווערן... כ׳וויל ניט זיין קיין זאַך, וואָס מען נעהמט.

פריילײן העסעל. יאָ, אַזוי דאַרף זיין; אַזוי וועט עס זיין.

יאָהאַן. גוט; כ׳וועל וואַרטען און האָפען—

פריילײן העסעל. —כדי זי צו געווינען, דזשאָהן; אָבער נו, עס איז צייט צו געהן צום שיף!

יאָהאַן. יאָ, צום שיף! אַך, לאָנאַ, ליעבע שוועסטער, איין וואָרט. הער אַקאָרשט—(ער פיהרט זי צום הינטערגרונד און רעדט עפּעס אויף גיך מיט איהר.)

פריילײן בערניק. דינאַ, דו גליקליכע,—לאָמיך דיך אָנקוקען, דיך נאָך איינמאָל—צום לעצטען מאָל... אַ קוש טהאָן—

דינאַ. ניט צום לעצטען מאָל! ניין, טהייער׳ע געליעבטע מוהמע, מיר וועלען זיך נאָך ווידערזעהען!

פריילײן בערניק. קיינמאָל ניט! זאָג מיר צו, דינאַ, גיב מיר דיין וואָרט, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט קומען צוריק. (נעהמט זי אָן פאַר ביידע הענד.) נו, דו געהסט אַלזאָ דעם גליק אַנטקעגען, דו געליעבטעס קינד... איבער׳ן ים, אָה, ווי אָפט האָט עס מיך אין שול-צימער געצויגען אַהין! דאָרט דרויסען מוז זיין אַזוי שעהן... אַ בריי-טערער הימעל... די וואָלקען געהען העכער איידער דאָ, און אַ פרייערע לופט נעהמט דאָרט אַרום די מענשען—

דינאַ. אָה, מוהמינקע, דו וועסט נאָך אַמאָל קומען צו אונז!

פריילײן בערניק. איך? קיינמאָל; קיינמאָל ניט. דאָ האָב איך מיין קליינע לעבענס-אויפגאַבע...

דינאַ. שטענדיג זיין צושיידט פון דיר—ניין, כ׳קען גאָרניט דיינקען דערפון.

פריילײן בערניק. אַך, דער מענש קען זיך פון אַסך זאַכען שיידען, דינאַ. (גיט איהר אַ קוש.) זאָג מיר צו, אַז דו וועסט איהם גליקליך מאַכען, ליעבעס קינד.

דינאַ. כ׳וויל גאָרנישט צוזאָגען; כ׳האָב פיינט די אַלע צוזאָגען; אַלעס מוז קומען, אַזוי ווי גאָט וויל.

פריילײן בערניק. יאָ, יאָ, אַזוי דאַרף זיין; בלייב ווי דו ביסט, —וואַהר און געטריי צו זיך אַליין.

ד י נ אַ. דאָס וועל איך, מוהמע.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (לייגט אַריין עטליכע פּאַפּירען, וואָס יאָהאַן האָט איהר געגעבען אין קעשענע אַריין). גוט, גוט, מיין ליעבער דשזאָהן, אָבער ס'איז צייט צו געהן!

י אָ ה אַ ן. יאָ, ס'איז ווירקליך צייט, זיי געזונד, לאָנאַ; אַ דאַנק דיר פֿאַר דיין גאַנצער ליעבע! זיי געזונד, מאַרטהאַ, און זיי אויך דו גע-דאַנקט פֿאַר דיין טרייער פֿריינדשאַפֿט!

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. פֿאָהר געזונד, יאָהאַן! פֿאָהר געזונד, דינאַ! ווערט גליקליך צוזאַמען! (זי און פֿריילײן העסעל שפּאַרען זיי אַרויס צו דער טהיר אין הינטערגרונד. יאָהאַן און דינאַ געהען זיך אַוועק דורך'ן גאָרטען. פֿריילײן העסעל מאַכט צו די טהיר און ציהט אַראָב דעם פֿאָרהאַנג, וואָס הייננט איבער איהר.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַצונד זיינען מיר אַליין, מאַרטהאַ. דו האָסט זי און איך האָב איהם פֿערלאָרען.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. דו—איהם?

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַך, כ'האָב איהם שוין דאָרט געהאַט האַלב פֿערלאָרען. ער האָט געמוזט אַמאָל זיך שטעלען אויף זיינע אייגענע פֿים; דעריבער האָב איך איהם איינגערעדט, אַז איך בּיינק אַהיים.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. דעריבער? יאָ, אַצונד פֿערשטעה איך פֿאַר-וואָס דו ביסט געקומען. אבער ער וועט דיך ווידער בעדאַרפֿען, לאָנאַ.

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אַן אַלטע שטיפֿשוועסטער,—וואָס טויג איהם די אַצונד?... מענער צורייסען מעהר ווי איין באַנד, כדי צו דער-גרייכען זייער גליק.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ, ס'טרעפֿט אָפֿטמ?ל...

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. אָבער מירביידע וועלען זיך האַלטען צוזאַ-מען, מאַרטהאַ.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. קען איך דיר עפּעס זיין?

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ווער דען אַז ניט דו? ביידע ניאַנקעס,—האָבען מיר ניט ביידע אונזערע קינדער פֿערלאָרען? אַצונד זיינען מיר אַליין.

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ, אַליין. און דעריבער זאָלסט דו עס טאַקי וויסען... איך האָב איהם געליעבט...

פֿ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. מאַרטהאַ! (נעהמט איהר אָן פֿאַר'ן אָרם.) ס'איז אמת?

פֿ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. דאָס גאַנצע לעבען מיינס ליגט אין אָט די ווערטער, כ'האָב איהם געליעבט און געוואַרט אויף איהם. זומער פֿאַר זומער האָב איך געהאָפֿט, ער וועט קומען צוריק... און אָט איז ער געקומען.. נאָר ער האָט מיך ניט געזעהן.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. איהם געליעבט! און דו אַליין ביסט געווען די, וועלכע האָט איהם דאָס גליק אין די הענד איבערגעגעבען.

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. וואָס זשע, האָב איך איהם ניט געזאָלט געבען דאָס גליק אין די הענד אַריין, אַז איך האָב איהם ליעב גע-האַט? יאָ, כ׳האָב איהם געליעבט. דאָס גאַנצע לעבען מיינס האָט געהערט צו איהם... פון דעם טאָג אָן, וואָס ער איז דעמאָלט אַוועק-געפאָהרען. וואָס פאַר אַ גרונד איך האָב געהאַט צו האָפען, ווילסט דו פרעגען? אָה, כ׳מיין, איך האָב געהאַט גענוג גרונד דערצו!... אָבער אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען,—האָט עס אויסגעוויזען, אָקוראַט ווי אַלעס, אַלעס וואָלט אויסגעלאָשען, אָבגעווישט געוואָרען פון זיין זכרון... ער האָט מיך ניט געזעהן...

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. דאָס האָט דינאַ דיך אין שאָטען געשטעלט, מאַרטהאַ.

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. און ס׳איז גוט אַזוי. בשעת ער איז אַוועק, זיינען מיר ביידע געווען אין איין עלטער; אַז איך האָב איהם צוריק דערזעהן,—אָה, דער שרעקליכער אויגענבליק!—איז מיר קלאָהר גע-וואָרען, אַז איך בין געוואָרען מיט צעהן יאָהר עלטער איידער ער. דאָרט אין אַמעריקאַ איז ער אַרומגעגאַנגען אין דעם העלען ציטערנדען זונען-שיין און מיט יעדען אָטהעם-צוג זיינעם האָט ער איינגעזויגען יוגענד און געזונדהייט אין זיך; און אין דער צייט בין איך געזעסען דאָ און האָב געשפונען און געשפונען—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. —דעם פאָדים פון זיין גליק, מאַרטהאַ.

פ ר י י ל י י ן ב ע ר נ י ק. יאָ, ס׳איז געווען גאָלד, דאָס וואָס איך האָב געשפונען. ניט קיין ביטערקייט! ניט אמת, לאָנאַ, מיר זיינען איהם צוויי גוטע שוועסטער געווען?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל (איהר אַרומנעהמענדיג מיט׳ן אָרים). מאַרטהאַ!

ב ע ר נ י ק קומט אַרויס פון זיין צימער.

ב ע ר נ י ק (צו די העררן אין צימער). יאָ, יאָ, מאַכט ווי איהר פערשטעהט. אַז די צייט וועט קומען, וועל איך שוין—(מאַכט צו די טהיר.) אַה, איהר זייט גאָר דאָ? הער אויס, מאַרטהאַ, דו מוזט זיך אַביסעל אַנדערש אָנטהאָן. און זאָג בעטטי׳ן, אַז זי אויך. איהר דאַרפט זיך ניט אויספוצען, פערשטעהט זיך; נור נעט און היימיש געקליידט. אָבער איהר מוזט זיך אַביסעל צואייילען.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און גליקליכע, מונטערע געזיכטער... און שטראַהלענדע אויגען...

ב ע ר נ י ק. אָלאַף זאָל אויך אַרונטערקומען; כ׳וויל איהם האָבען דאָ לעבען מיר.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. הם; אָלאַף—

פֿ ר ײ ל ײ ן ב ע ר נ י ק. כ׳װעל זאָגען בעטטי׳ן. (זי געהט אַװעק דורך דער הינטערשטער טהיר לינקס.)

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. נאַ, דער גרויסער פֿייערליכער מאָמענט איז אַלזאָ געקומען.

ב ע ר נ י ק (װעלכער געהט אַרום אומרוהיג אַהין און אַהער). יאָ, ער איז געקומען.

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. אין אַזאַ מאָמענט מוז אַ מענש זיך פֿיהלען שטאָלץ און גליקליך...

ב ע ר נ י ק (קוקט זי אָן). הם!

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. די גאַנצע שטאָדט װעט דאָך זײן אילומי-נירט, װי איך הער.

ב ע ר נ י ק. יאָ, אַזוי װאָס װעט מן הסתם געשעהן.

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. אַלע פֿעראײנען װעלען קומען אַהער מיט זייערע פֿאָהנען, און פֿייערדיגע אותיות װעט דײן נאָמען שײנען. און אַלע עקען פֿון לאַנד װעט הײנט בײנאַכט טעלעגראַפֿירט װערן: „אַרומ-געריגעלט פֿון זײן גליקליכער פֿאַמיליע האָט קאָנזול בערניק—אײנע פֿון די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט—אױפֿגענומען דעם לויב פֿון זײנע מיט-בירגער."

ב ע ר נ י ק. אַזוי װעט זײן; און מען װעט שרײען הוראה דאָ אויף דרויסען, און דער עולם װעט מיך אַרויסרופֿען צו דער טהיר דאָרט, און איך װעל מוזען זיך פֿערנײגען פֿאַר זײ און זײ דאַנקען.

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. אַה, װעסט מ ו ז ע ן—

ב ע ר נ י ק. דו מײנסט, איך פֿיהל זיך גליקליך אין דיזען אויגענ-בליק?

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. נײן, כ׳גלויב ניט, אַז דו קענסט זיך פֿיהלען גאַנץ גליקליך.

ב ע ר נ י ק. לאָנאַ, דו פֿעראַכטעסט מיך!

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. נאָך ניט.

ב ע ר נ י ק. דו האָסט אויך קײן רעכט ניט דערצו... מיך צו פֿ ע ר-אַ כ ט ע ן ניט!—לאָנאַ, דו קענסט זיך גאָר ניט משער זײן, װי עלענד און פֿערלאָזען איך שטעה דא אין דער דאָזיגער אײנגעשרומפּענער און פֿערקריפּעלטער געזעלשאַפֿט,—װי איך האָב יאָהר פֿאַר יאָהר געמוזט אונטערדריקען מײן פֿײערדיגסטען װאונש, מײן פֿערלאַנג נאָך אַ פֿולען און צופֿרידענשטעלענדען לעבענס-װערק! װאָס האָב איך אויפֿגעטהאָן, װי פֿיעלפֿאַך מײן אַרבײט זאָל ניט אויסזעהן? שטיקלאַך און ברעקלאַך, אָבער פֿאַר גרעסערע זאַכען אָדער פֿאַר עפּעס אַנדערש איז דאָ קײן פּלאַץ ניטאָ. װען איך זאָל חלילה פּרואװען מאַכען אַ טריט װײטער פֿון די מײנונגען און די אידעען, װעלכע זײנען דאָ אויף

דער טאָגעס-אָרדנונג, איז אַ סוף צו מיין גאַנצער מאַכט... דו ווייסט וואָס מיר זיינען, מיר, וועלכע ווערן בעטראַכט אַלס די שטיצען פון דער געזעלשאַפט? די ווערקצייג פון דער געזעלשאַפט זיינען מיר— ניט מעהר, ניט ווייניגער.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. פאַרוואָס זעהסט דו עס ערשט איצט איין?

ב ע ר נ י ק. ווייל אין דער לעצטער צייט—זינט דו ביסט דאָ—און דער עיקר היינט אָוונד—האָב איך פיעל געטראַכט דערפון.— אָה לאָנאַ, פאַרוואָס האָב איך דיך דעמאָלט—אין די פריהערדיגע טעג— אַזוי ווייניג געקענט!...

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואָס מיינסט דו—?

ב ע ר נ י ק. איך וואָלט דיך קיינמאָל ניט פערלאָזען; און וואָלט איך ד י ך געהאַט ביי מיין זייט, דאַן וואָלט איך ניט געשטאַנען, וואו איך שטעה איצט!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. און דו בערעכענסט גאָר ניט, וואָס ז י וואָלט דיר געקענט ווערן, זי, וועמען דו האָסט אָנשטאָט מיר אויסגעוועהלט?

ב ע ר נ י ק. יעדענפאַלס ווייס איך, אַז זי איז מיר ניט געוואָרען דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זי זאָל זיין.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ווייל דו האָסט קיינמאָל ניט געטהיילט דיין לעבענס-אויפגאַבע מיט איהר,—ווייל זי איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אין אַן אמת'ן און פרייען פערהעלטניס מיט דיר,—ווייל דו לאָזט זיך איהר פלאַגען מיט זעלבסט-אָנקלאַגען, מיט שטענדיגע עגמות נפש מכח דער חרפה, אין וועלכער דו האָסט איהרע קרובים געבראַכט.

ב ע ר נ י ק. יאָ, יאָ, יאָ; דאָס אַלץ קומט פון דעם ליגען.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. פאַרוואָס זשע מאַכסט דו ניט אַ סוף צום ליגען?

ב ע ר נ י ק. איצט? איצט איז שוין צו שפעט, לאָנאַ.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ריכאַרד, זאָג מיר, ב'בעט דיך, וואָס פאַר אַ בעפרידיגונג האָסט דו פון אָט דער צערעמאָניע און פון דעם גאַנצען פאַלשען פאַראַד?

ב ע ר נ י ק. גאָר קיין שום בעפרידיגונג ניט. איך אַליין מעג צו גרונד געהן, אַזוי ווי אָט די גאַנצע אויסגעשפיעלטע געזעלשאַפט. אָבער נאָך מיר וואַקסט אונטער אַ נייער דור; דאָס איז מיין זוהן, פאַר וועמען איך אַרבייט; א י ה ם גרייט איך צו אַ ווירקליכע לעבענס-אויפגאַבע. ס'וועט קומען אַ צייט, ווען די ו ו א ה ר ה י י ט וועט דורכדרינגען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, און אויף איהר וועט ער זיך גרינדען אַ גליקליכערע עקזיסטענץ איידער זיין פאָטער'ס.

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. מיט אַ ליגען אַלס גרונד-לאַגע? בערעכען פאָרט, וואָס פאַר אַ ירושה דו לאָזט איבער דיין זוהן!

ב ע ר נ י ק (אין אונטערדריקטער פערצווייפלונג). איך לאָז איהם איבער נאָך אַ טויזענד מאָל ערגערע ירושה איידער דו ווייסט. אָבער פריהער אָדער שפעטער, די קללה וועט דאָך מוזען אַריבערגעהן. און דאָך—און דאָך—(אַרויספלאַצענדיג.) ווי אַזוי פאָרט האָט איהר געקענט ברייגנען אָט די אַלע צרות אויף מיין קאָפּ! אָבער ס'איז פערפאַלען אַצונד. אָבער עס זאָל איך ניט געלינגען מיך צו פערניכטען!

ה י ל מ אַ ר מיט אַן אָפענעם צעטעל אין האַנד, קומט גיך און שטאַרק צוטראָגען פון רעכטס.

ה י ל מ אַ ר. אָבער דאָס הייסט אַביסעל... בעטטי, בעטטי!

ב ע ר נ י ק. וואָס איז דאָרטען? זיי קומען שוין?

ה י ל מ אַ ר. ניין, ניין; אָבער איך מוז אונבעדינגט ריידען מיט אימיצען— (געהט אָב דורך דער הינטערשטער טהיר לינקס.)

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ריכאַרד... דו זאָגסט, מיר זיינען געקומען, דיך צו פערניכטען. טאָ לאָמיך דיר אַלזאָ זאָגען, פון וואָס פאַר אַ מעטאַל ער איז, אָט דער פערלאָרענער זוהן, פון וועמען אייער מאָראַלישע געזעלשאַפט אַנטלויפט אַזוי ווי פון אַ פעסט. ער האָט מעהר ניט וואָס צו טהאָן מיט אייך, מחמת ער איז שוין אַוועק פון דאַנעט.

ב ע ר נ י ק. אָבער ער קומט צוריק—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָהאַן קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק. ער האָט דיזען אָרט אויף תמיד פערלאָזען, און דינאַ איז מיטגעפאָהרען מיט איהם.

ב ע ר נ י ק. קומט קיינמאָל ניט צוריק? און דינאַ איז מיט איהם מיטגעפאָהרען?

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָ, צו ווערן זיין פרוי. אַזוי דערלאַנגען זיי ביידע אייער פרומער, כשר'ער געזעלשאַפט אַ פּאַטש אין פּנים אַריין... אַזוי ווי איך אַמאָל... יאָ!

ב ע ר נ י ק. אַוועקגעפאָהרען... זי אויך... מיט דער „גאַזעלע"—!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ניין, אַזאַ טהייערן אוצר האָט ער ניט געקענט אָנטרויען די פערדאָרבענע באַנדע. יאָהאַן און דינאַ זיינען אָבגעפאָהרען מיט'ן „טייטעלבוים".

ב ע ר נ י ק. האַ! אַלזאָ—אומזיסט—(געהט שנעל אַריבער די ביהנע, דייסט אויף די טהיר צו זיין צימער און שרייט אַריין.) קראַפּ, האַלט אָב די „גאַזעלע"; זי זאָל היינט אָוועגד ניט אָבפאָהרען פון דאַנעט!

ק ר אַ פּ (אין צימער). די „גאַזעלע" איז שוין אין מיטען ים, הערר קאָנזול.

ב ע ר נ י ק (מאַכט צו די טהיר און זאָגט מיט אַ מאַטען טאָן). צו שפעט,—און אָהן אַ שום נוצען—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואָס מיינסט דו דערמיט ?

ב ע ר נ י ק. גאָרנישט, גאָרנישט. לאָז מיך אַליין—!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. הם. הער אויס, ריכאַרד. יאָהאַן לאָזט דיר וויסען, אַז ער טרויט מיר אָן דעם גוטען נאָמען, וועלכען ער האָט דיר אַמאָל אַנטליהען,—אויך ד אָ ס, וואָס דו האָסט ביי איהם גע׳גנב׳עט, בשעת ער איז געווען אַוועק פֿון דאַנעט. יאָהאַן וועט שווייגען, און איך קען אין דעם פרט טהאָן, וואָס איך וויל. זעה, אָט האָב איך דיינע צוויי בריעף אין דער האַנד.

ב ע ר נ י ק. דו האָסט זיי! און איצט—איצט ווילסט דו—נאָך היינט אָוועגד—פֿילייכט ווען דער פאַראַד—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. איך בין ניט געקומען אַהער דיך צו פֿער־ראַטהען, נאָר דיך פֿונאַנדערטרייסלען, כדי דו זאָלסט פֿרייוויליג ריידען. ס׳האָט מיר ניט געגליקט. טאָ בלייב זשע אַלזאָ מיט דיין ליגען. אָט זעה; דאָ צוריים איך דיינע ביידע בריעף... נעהם די שטיקלאַך; אָט האָסט דו זיי. נאַ, ריכאַרד, אַצונד איז שוין גאָרנישט, גאָרנישט ניטאָ, וואָס זאָל קענען עדות זאָגען געגען דיר. איצט ביסט דו זיכער; און אַצונד זיי גליקליך—אויב דו קענסט.

ב ע ר נ י ק (גערידהרט). לאָנאַ—פֿאַרוואָס האָסט דו עס פֿריהער ניט געטהאָן? איצט איז עס צו שפעט; איצט האָב איך מיין גאַנץ לעבען פֿערשפּיעלט... ס׳איז מיר אונמעגליך, נאָך ווייטער צו לעבען...

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. וואָס איז דען דאָ אַזוינס געשעהן ?

ב ע ר נ י ק. פֿרעג מיך ניט.— און דאָך—איך מ ו ז לעבען! איך ו ו י ל לעבען—מיין זוהן צוליעב. ער זאָל אַלצדינג פֿערריכטען, אַלעס ווידער גוט מאַכען—

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. ריכאַרד—

ה י ל מ אַ ר קומט שנעל צוריק.

ה י ל מ אַ ר. ניטאָ קיינער אין דערהיים; אַוועקגעגאַנגען! בעטטי אויך!

ב ע ר נ י ק. וואָס איז אַזוינס ?

ה י ל מ אַ ר. איך סמייע עס דיר ניט צו זאָגען.

ב ע ר נ י ק. וואָס איז דאָס ? דו מוזט מיר עס זאָגען!

ה י ל מ אַ ר. גוט אַלזאָ—אָלאַף איז אַוועקגעפֿאָהרען מיט דער „גאַ־זעלע".

ב ע ר נ י ק (צוריקפֿאַלענדיג). אָלאַף—מיט דער „גאַזעלע"! ניין, ניין! דו ליינסט!

פ ר י י ל י י ן ה ע ס ע ל. יאָ, ס׳איז אמת! אַצונד פֿערשטעה איך—; כ׳האָב געזעהן ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿענסטער.

ב ע ר נ י ק (אין דער טהיר צו זיין צימער, שרייט פֿערצווייפֿעלט).

קראַפ, זאָל קאָסטען וואָס עס וויל, די „גאַזעלע" מוז אָבגעהאַלטען ווערן!

קראַפ (קומט אַרויס). אונמעגליך, הערר קאָנזול. ווי קענט איהר גאָר דיינקען, אַז—!

בערניק. מיר מוזען זי אָבהאַלטען; אָלאַף איז אויפ'ן שיף!

קראַפ. וואָס רעדט איהר!

רומעל (קומט אַרויס). אָלאַף אַנטלאָפען? ניט מעגליך!

אַלטסטעדט (קומט אָן). מען וועט איהם אָבשיקען צוריק מיט דעם פילאָט, הערר קאָנזול.

הילמאַר. ניין, ניין; ער האָט מיר געשריבען (ווייזט דאָס צע-טעלע.) ער זאָגט, ער וועט זיך בעהאַלטען צווישען די סחורה, ביז וואַנעט דאָס שיף וועט אַרויס אויפ'ן ים.

בערניק. כ'וועל איהם שוין קיינמאָל ניט זעהן צוריק!

רומעל. וויים איך וואָט, נאַרישקייטען; אַ שטאַרקעס גוטעס שיף. —אָקאָרשט ערשט פערריכט—

וויגעלאַנד (וועלכער איז אויך אַרויסגעקומען). אויף אייער איינגענעם דאָק, הערר קאָנזול!

בערניק. כ'וועל איהם שוין קיינמאָל ניט זעהן צוריק, זאָג איך אייך! כ'האָב איהם פערלאָרען, לאָנאַ, און—איצט זעה איך עס—ער איז קיינמאָל ניט געווען מיינער! (הערט זיך צו.) וואָס איז דאָס?

רומעל. מוזיק. דער עולם קומט.

בערניק. כ'קען ניט, כ'וויל קיינעם ניט אויפנעהמען!

רומעל. וואָס רעדסט דו? דאָס קען אונמעגליך געהן.

אַלטסטעדט. אונמעגליך, הערר קאָנזול; בעדענקענט נור, וואָס עס שטעהט אייך דאָ צו פערליערען.

בערניק. וואָס געהט עס מיך אַלעס אָן אַצונד? פאַר וועמען האָב איך איצט צו אַרבייטען?

רומעל. אַ שעהנע פראַגע, בנאמנות. וואָס הייסט? דו האָסט דאָך אונז און די געזעלשאַפט.

וויגעלאַנד. זעהר ריכטיג.

אַלטסטעדט. און פערגעסט נור ניט, הערר קאָנזול, אַז מיר—

פריילין בערניק קומט דורך דער הינטערשטער טהיר לינקס. די מוזיק הערט זיך אין האַלב-פערדריקטע טענער ווייט פון דער גאַס אַרויף.

פריילין בערניק. אַצונד קומט דער עולם; אָבער בעטטי איז ניטאָ אין דערהיים; כ'פערשטעה גאָר ניט, וואו זי—

בערניק. ניטאָ אין דערהיים! נאַ, זעהסט דו שוין, לאָנאַ; קיין שום שטיצע, ניט אין פרייד, ניט אין לייד.

רומעל. אוועק מיט די פאָרהאַנגען! נאַ, העלפט מיר צו, הערר קראַפ: און איהר אויך, אַלטסטעדט! אַ שאָד, וואָס די פאַמיליע איז

גראַד איצט אַזוי צושפּליטערט... גאָרניט לויט׳ן פּראָגראַם. (די פאָרהאַנגען ווערן אַוועקגעצויגען פון די פענסטער אין דער טהיר. אויף׳ן הויז אַנטקעגען זעהט מען אַ גרויסען טראַנספּאַראַנט מיט די ווערטער: „לעבען זאָל קאָנזול בערניק, די שטיצע פון אונזער געזעלשאַפט!")

בערניק (קעהרט זיך אָב מיט שרעק). אַוועק מיט דעם אַלעמען! כ׳וויל עס ניט זעהן! לעשט אויס! לעשט אויס!

רומעל. כ׳בעט איבער דיין כבוד, אָט אַפּנים די ביסט פון זינען אַראָב, צי וואָס?

פריילין בערניק. וואָס איז מיט איהם געשעהן, לאָנאַ?

פריילין העסעל. שש! (רעדט מיט איהר אין דער שטיל.)

בערניק. אַוועק מיט די שפּאָטישע ווערטער, זאָג איך אייך! זעהט איהר דען ניט, אַז אָט די אַלע ליכטלאַך שטרעקען אויס די צונגען נאָך אונז?!

רומעל. נאַ, אָבער דאָס הייסט אַביסעל—

בערניק. האַ, וואָס איך רייד—! אָבער איך, איך—! אָט דאָס אַלעס זיינען ליכט אין אַ טויטען-הויז!

קראַפּ. הם—

רומעל. ניין, הערסט דו,—דו נעהמסט זיך צופיעל צום האַרצען.

אַלטסטעדט. דאָס אינגעל וועט זיך דורכפאָהרען אַביסעל איבער׳ן אַטלאַנטישען אָקעאַן און דאַן קריגט איהר איהם ווידער צוריק.

וויגעלאַנד. איהר פערלאָזט זיך נור אויף׳ן בורא עולם, הערר קאָנזול.

רומעל. און אויף דאָס שיף, בערניק; וואָס זשע, ס׳איז דאָך ניט אַזוי שלעכט, אַז עס קען אונטערגעהן!

קראַפּ. הם—

רומעל. נו יאָ, ווען עס וואָלט געווען איינער פון יענע שווימענדע טויטען-קאַסטענס, ווי די גרויסע געזעלשאַפט לאָזט זיי אַרויס——

בערניק. כ׳פיהל עס—אָה, וועה!—

מאַדאַם בערניק, אַ גרויסעס טוך אַרום קאָפּ, קומט אָן דורך דער גאָרטענטהיר.

מאַדאַם בערניק. ריכאַרד, ריכאַרד, דו ווייסט—?

בערניק. יאָ, איך ווייס—; אָבער דו,—דו, וואָס דו זעהסט קיין זאַך ניט,—וואָס דו האָסט קיינמאָל איבער איהם קיין מוטערליכעס אויג—!

מאַדאַם בערניק. אָה, הער דאָך אויס—!

בערניק. פאַרוואָס האָסט דו אויף איהם ניט אַכטונג געגעבען? אַצונד האָב איך איהם פערלאָרען! גיב מיר איהם צוריק, אויב דו קענסט!

מאַדאַם בערניק. יאָ, כ׳קען עס; איך האָב איהם!

בערניק. דו האָסט איהם!?

די הערען. אה!

הילמאַר. נאַ, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט.

פרייליין בערניק. דו האָסט איהם ווידער, ריכאַרד!

פרייליין העסעל. יאָ, פערדיען איהם אויך איצט...

בערניק. דו האָסט איהם! — ס׳איז אמת? וואו איז ער?

מאַדאַם בערניק. דאָס ווערסט דו ניט געוואָהר ווערן, ביז וואַנעט דו ווערסט איהם מוחל זיין.

בערניק. ווייס איך וואָס, מוחל זיין —! ווי אַזוי האָסט דו זיך דערוואוסט — ?

מאַדאַם בערניק. דו מיינסט, אַ מוטער זעהט ניט? כ׳האָב געהאַט טויטעס-אנגסטען, דו זאָלסט חלילה ניט געוואָהר ווערן וואָס עס איז. אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט נעכטען אַרויסגערעדט —; און דאָ געפין איך זיין צימער ליידיג און די רייזע-טאַש און די קליידער זיינען ניטאָ —

בערניק. נו, נו — ?

מאַדאַם בערניק. איך בין אַוועקגעלאָפען; כ׳האָב אויפגעזוכט אָולער׳ן; מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען אין זיין זעגעל-שיף; דאָס אַמעריקאַנישע שיף איז גראַד גרייט געווען אָבצופאָהרען. גאָט צו דאַנקען, מיר זיינען נאָך געקומען אין צייט, — אַרויף אויף׳ן שיף, — דורכגעזוכט איבעראַל, — און איהם געפונען! — אָה, ריכאַרד, דו דאַרפסט איהם ניט בעשטראָפען!

בערניק. בעטטי!

מאַדאַם בערניק. און אָולער׳ן אויך ניט!

בערניק. אָולער׳ן? וואָס ווייסט דו וועגען איהם? איז די „גאַזעלע" אָבגעפאָהרען?

מאַדאַם בערניק. ניין, אָט דאָס איז דאָס טאַקי —

בערניק. רייד, רייד דאָך!

מאַדאַם בערניק. אָולער איז געווען אַזוי צורודערט ווי איך; דאָס זוכען האָט גענומען אַ היבשע צייט; ס׳איז געוואָרען פינסטער, דער פילאָט האָט געמאַכט שוועריגקייטען; האָט אָולער געוואַגט — אין דיין נאָמען —

בערניק. נו, נו — ?

מאַדאַם בערניק. אָבצוהאַלטען דאָס שיף ביז מאָרגען.

קראַפּ. הם —

בערניק. אָה, וואָס פאַר אַ גרויס גליק דאָס איז!

מאַדאַם בערניק. און דו ביסט גאָר ניט בייז דערפאַר?

בערניק. אָה, וואָס פאַר אַן איבערמאָס פֿון גליק, בעטטי!

רומעל. חערסט דו, דו ביסט מיר שוין צו געוויסע־האַפּט.

הילמאַר. נו יאָ, קוים געהט עס וועגען אַ קליינעם קאַמפף מיט דער נאַטור, דאַן—אוף, אוף!

קראַפ (ביי די פֿענסטער). אָן קומט דער עולם דורך דער גאָרטענטהיר, הערר קאָנזול.

בערניק. יאָ, אַצונד מעג ער קומען!

רומעל. דער גאַנצער גאָרטען פילט זיך אָן מיט מענשען.

אַלטסטעדט. די גאַנצע גאַס איז פול געפּאַקט.

רומעל. די גאַנצע שטאָדט איז אויף די פֿיס, בערניק! דאָס איז ווירקליך אַ פייערדיגער מאָמענט.

וויגעלאַנד, לאָמיר איהם געניסען מיט אַן עניוות׳דיגען הארצען, הערר רומעל.

רומעל. אַלע פֿאָהנען פֿונאַנדערגעוויקעלט! וואָס פֿאַר אַ פּראָצעסיאָן!... אַה, אָט איז דאָס פֿעסט-קאָמיטע מיט פּרעדיגער ראָהרלאַנד אָן דער שפּיצע.

בערניק. זאָלען זיי קומען, זאָג איך!

רומעל. אָבער הער אויס,—אין דעם אויפגערעגטען צושטאַנד, ווערלכען—

בערניק. איז וואָס?

רומעל. איך וואָלט זיך ניט ענטזאגט, אָנשטאָט דיר צו האַלטען די רעדע—

בערניק. ניין, אַ דאַנק; היינט אָוועגד וויל איך אַליין ריידען!

רומעל, אָבער ווייסט דו פֿאָרט, וואָס דו האָסט צו זאָגען?

בערניק. האָב קיין מורא ניט, רומעל,—איצט ווייס איך וואָס איך האָב צו זאָגען.

די מוזיק איז דערווייל שטיל געוואָרען. די גאָרטענטהיר עפֿענט זיך אויף. ראָהרלאַנד אָן דער שפּיצע פֿון׳ם פֿעסט-קאָמיטע קומט אַריין, בעגלייט פֿון עטליכע טרעגער, וואָס טראָגען אַ צוגעדעקטען קאָרב. נאָך זיי געהען בירגער פון דער שטאָדט פֿון אַלע קלאַסען, אַזוי פיעל וויפיעל דער סאַלאָן קען נור אַריינגעהמען אין זיך. אַן אונגעהייער גרויסע מאַסע מיט פֿאָהנען זעהט מען אין גאָרטען און אויף דער גאַס.

ראָהרלאַנד, הויכגעעהרטער הערר קאָנזול! פֿון דער איבעראַשונג, וואָס איך לייען אויף אייער געזיכט, זעה איך, אז מיר האָבען זיך אַריינגעשפּאַרט אַלס אומגעריכטע געסט אין אייער גליקליכען פֿאַמיליען-קרייז, אין אייער פֿריעדליכע היים, אַרומגערינגעלט פֿון אָנ-

געזעהענע און וואָהלטהעטיגע פריינד און מיט-בירגער. אָבער אַ געפיהל פון אונזער טיעפען הארצען, אַ וואונש, געגען וועלכען מיר האָבען ניט געקענט קעמפפען, האָט אונז געטריבען אַהער היינט אָוועגד, אייך צו ברייגגען אונזער ליעב און דאנק. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר טהוען עס, אָבער עס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר טהוען עס אין אַזאַ גרויסען מאַסשטאַב, אָפטמאָל האָבען מיר אייך שוין געדאַנקט פאַר דעם ברייטען מאָראַלישען יסוד, אויף וועלכען איהר האָט, אַזוי צו זאָגען, אויפגעבויט אונזער געזעלשאַפט...

שטימען (פון דעם עולם). בראַוואָ!

ראָהרלאַנד. היינט אָבער לויבען מיר אין אייך הויפטזעכליך דעם קלאָהר-זעהענדען, אונערמיעדליכען, אונאייגענניציגען, אָפּפערוויליגען בירגער, וועלכער האָט געגומען די איניציאַטיווע צו אַן אונטערנעהמונג, וועלכע וועט אָהן אַ שום ספק געבען דעם אירדישען גליק און וואָהלזיין פון אונזער געזעלשאַפט אַ שטאַרקען שטויס פאָרווערטס.

שטימען. בראַוואָ, בראַוואָ!

ראָהרלאַנד. העדר קאָנזול, יאָהרען לאַנג זייט איהר געוועזן פאַר אונזער שטאָדט אַן עמוד האש, אַ לייכטענדער ביישפיעל. איך רייד דאָ ניט פון אייער מוסטערהאַפטען פאַמיליען-לעבען, פון אייער פלעקען-לאָזע מאָראַלישע אויפפיהרונג איבערהויפט. אַזעלכע זאַכען געהערן אין שטילען קעמערל און ניט אין גרויסען יום טוב'דיגען זאַאַל! אָבער איך רייד פון אייער כלל-טהועריי, פון אייער בירגערליכער טהעטיגקייט, ווי זי ליגט דאָ אָפען פאַר אונזערע אויגען. גוט געבויטע, שטאַרקע שיפען געהען אַרויס פון אייערע דאָקס און צייגען אייערע פאָהנען אויף די ווייטעסטע ים'ען. אַ גרויסע מחנה פון גליקליכע און צופריעדענע אַרבייטער קוקט אויף אייך אַזוי ווי אויף אַ פאָטער. דער-מיט וואָס איהר האָט געשאַפען נייע אַרבייטס-צווייגען, האָט איהר געזאָרגט פאַר דאָס גליק פון הונדערטער פאַמיליען. מיט אַנדערע ווערטער—איהר זייט, פשוט גערעדט, דער הויפט-זייל פון אונזער געזעלשאַפט.

שטימען. הערט, הערט! בראַוואָ!

ראָהרלאַנד. און גראָד דער דאָזיגער גלאַנץ פון אונאייגעננוציגקייט, וועלכער איז אויסגעגאָסען איבער אייער גאַנצען האַנדעל און וואַנדעל, ווירקט אַזוי גוט, דער עיקר אין דיזע צייטען... איהר האָט איצט בדעה אונז צו שאַפען—כ'וויל דעם נאָמען אַרויסזאָגען גאַנץ פראַזאַאיש און גאָר פראָסט—אַן אייזענבאַהן.

פיעלע שטימען. בראַוואָ, בראַוואָ!

ראָהרלאַנד. אָבער עס ווייזט אויס, אַז די דאָזיגע אונטערנעה-

מונג וועט מוזען בענעגענט ווערן פֿון שוועריגקייטען,—דער עיקר אַזעלכע שוועריגקייטען, וואָס שטאַמען פֿון ענג הערציגע און עגאָ-איסטישע אינטערעסען...

שטימען. הערט, הערט!

ראָהרלאַנד. ס'איז שוין מעהר קיין סוד ניט, אַז געוויסע פּער-זאָנען, וואָס בעלאַנגען ניט צו אונזער געמיינדע, האָבען פֿערכאַפּט אַפֿריהער דעם וועג און אַרויסגעקראָגען פּריווילעגיעס, וועלכע וואָל-טען על פּי יושר געדאַרפֿט אַריינפֿאַלען אין אונזער אייגענער שטאָדט.

שטימען. יאָ, יאָ! הערט, הערט!

ראָהרלאַנד. דיזער טרויעריגער פֿאַקט איז, פֿערשטעהט זיך, אייך אויך בעקאַנט, הערר קאָנזול. אָבער טראָצדעם האַלט איהר זיך פֿעסט ביי אייער אונטערנעהמונג,—וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז אַ פּאַטריאָטישער בירגער דאַרף ניט האָבען אין זינען בלויז די אינטערעסען פֿון זיין אייגענער שטאָדט.

פערשיעדענע שטימען. הם! ניין, ניין! יאָ, יאָ!

ראָהרלאַנד. ס'איז אַלזאָ אי דעם מיטבירגער און אי דעם ביר-גער פֿון אונזער שטאָדט—הקיצור, דעם מאַן אין פֿולסטען זינן פֿון וואָרט,—וואָס מיר בעגריסען אין אייער פּערזאָן היינט אָוועגד. זאָל די אונטערנעהמונג אייערע ווערן אַן אמת'ער און דויערהאַפֿטער גליק פֿאַר אונזער געזעלשאַפֿט!... די אייזענבאַהן קען אפילו ווערן אַ וועג, אויף וועלכען מיר קענען אַריינקריגען צו אונז פֿערדאָרבענע עלעמענ-טען פֿון דרויסען,—אָבער אין דערזעלבער צייט אויך אַ וועג, וועלכער זאָל זיי פֿון אונז גיך אַרויס'פּטר'ן. און פֿון שלעכטע דרויסענדיגע עלעמענטען קענען מיר דאָך אַצט אפילו זיך אויך ניט אויסהיטען. אָבער דאָס וואָס מיר זיינען גראָדע אין דעם יום טוב'דיגען אָוועגד פּטור געוואָרען פֿון געוויסע עלעמענטען אַזעלכע, און אַזוי גליקליך און שנעלער ווי ס'איז געווען צו ערוואַרטען—

שטימען. שש! סט!

ראָהרלאַנד. —דאָס בעטראַכט איך אַלס גליקליכען סימן פֿאַר דער אונטערנעהמונג. דאָס וואָס איך בעריהר דאָ אָט דעם פּונקט, ווייזט, אַז מיר געפֿינען זיך אין אַ הויז, וואו די מאָראַלע פֿאָדערונג שטעהט העכער פֿון די פֿאַמיליען-אַנגעלעגענהייטען.

שטימען. הערט, הערט! בראַוואָ!

בערניק (אין דערזעלבער רגע). ערלויבט מיר—

ראָהרלאַנד. בלויז עטליכע ווערטער נאָך, הערר קאָנזול... דאָס וואָס איהר האָט פֿאַר דיזער שטאָדט געשאַפֿען, דאָס האָט איהר גע-ווים ניט געטהאָן מיט קיין שום הינטער-געדאַנק, אַז עס זאָל אייך איינברייגגען וואָס פֿאַר עס איז מאַטעריעלען פּראָפֿיט, אָבער אַ קליי-

נעם צייכען פֿון אָנערקענונג, וואָס אייערע דאַנקבאַרע מיטבירגער ווילען אייך היינט ברייגנגע, דאַרפֿט איהר ניט צוריקווייזען, — אַם ווייניגסטענס אין דעם דאָזיגען בעדייטענדען מאָמענט, ווען מיר שטעהען ביים אָנפֿאַנג פֿון אַ נייער צייט, לויט דער פֿערזיכערונג פֿון פּראַקטישע מענער.

פֿיעלע שטימען. בראַוואָ! הערט! הערט!

ער גיט אַ וואונק צו די משרתים, וועלכע טראָגען צו דעם קאָרב נעהנטער. מיטגליעדער פֿון דעם פֿעסט-קאָמיטע גיבען איבער, אין דער צייט וואָס ראָהרלאַנד רעדט ווייטער, די זאַכען, צו די פֿאַר וועמען זיי זיינען בעשטימט.

ראָהרלאַנד. דאָ, הערר קאָנזול, גיבען מיר אייך איבער אַ זילבערנע קאַפֿע סערוויס. זאָל עס בעפוצען אייער טיש יעדעס מאָל, ווען מיר וועלען אין דער צוקונפֿט, ווי ביז אַהער אַזוי אָפֿט, זיך פֿערגניגען אין דיזען גאַסט-פֿריינדשאַפֿטליכען הויז.

און אויך אייך, מיינע הערען, וואָס איהר זייט אַזוי בערייטוויליג געשטאַנען אונזער אָנגעזעהענסטען מיטבירגער ביי דער זייט, אויך אייך האָבען מיר אַ קליינע מתנה אָנצובאָטען, אַלס צייכען פֿון אָנערקענונג פֿאַר אייער אַרבייט.

אָט דער זילבערנער בעכער איז פֿאַר אייך, הערר רומעל. איהר האָט אַזוי אָפֿט, אַרום פֿולע וויין-בעכערס, מיט גרויסאַרטיגע ווערטער פֿערטרעטען די אינטערעסען פֿון אונזער שטאָדט. איך ווינש אייך, איהר זאָלט אַזוי אָפֿט ווי מעגליך געפֿינען געלעגענהייטען אויפֿצוהויבען און אויסצולייעדיגען דיזען בעכער.

פֿאַר אייך, הערר אַלטסטעדט, האָב איך אָט דעם אַלבום מיט פּאָרטרעטען פֿון אונזערע מיטבירגער. די בעקאַנטע און אָנערקענטע געפֿיהלען פֿון מענשליכקייט אייערע האָבען אייך געגעבען די אָנגענעהמע מעגליכקייט, זיך צו שאַפֿען פֿריינדע אין אַלע פּאַרטייען פֿון דער געזעלשאַפֿט.

און אייך, הערר וויגעלאַנד, גיב איך דאָ איבער—אַלס דעקאָראַציאָן פֿון אייער פּריוואַט-צימער—אַ בוך איבער די פֿאַמיליען-טרייטשאַפֿט, אויף קונסט-פּאַפּיר און אין אַ פּראַכטפֿאָלען איינבאַנד. אונטער דעם דייך-געוואָרענעם איינפֿלוס פֿון יאָהרען, זייט איהר צוגעקומען צו אַן ערנסטע אַנשויאונג איבער'ן לעבען; אייער אַרבייט איז שטענדיג געריינגט און געלייטערט געוואָרען פֿון געדאַנקען וועגען העכערע און הייליגערע זאַכען.— (זיך אומדרעהענדיג מיט'ן פּנים צו עולם.) און אַצונד, מיינע פֿריינד, זאָל לאַנג לעבען קאָנזול בערניק מיט זיינע מיטקעמפּפֿער! הורראַה פֿאַר די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט!

דער גאַנצער עולם. לאַנג לעבען זאָל קאָנזול בערניק!...

לאַנג לעבען זאָלען די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט! הורראַה! הורראַה! הורראַה!

פֿ ר ײ ל ײ ן ה ע ס ע ל. כ׳גראַטוליר דיר, שוואָגער! (ערוואַרטונגס-פֿולעס שטיל-שווייגען.)

ב ע ר נ י ק (הייבט אָן ערנסט און לאַנגזאַם). מיינע מיטבירגער,—דער רעדנער אייערער האָט געזאָגט, מיר שטעהען היינט ביים אָנ-פֿאַנג פֿון אַ נייער צייט,—און דאָס וועט, האָף איך, מקוים ווערן, אָבער כדי דאָס זאָל געשעהן, מוזען מיר זיך די וואַהרהייט אָנאייג נען,—די וואַהרהייט וועלכע האָט ביז היינט אָבענד אין אַלע פּרטים ביי אונז קיין אָרט ניט געפֿונען. (איבערראַשונג צווישען די אַרומ-שטעהענדע.) איך מוז אָנפֿאַנגען דערמיט, צוריקצואווייזען דעם לויב, מיט וואָס איהר, הערר וויצע-פּרעדיגער, האָט מיך אָבגעשאָטען, ווי דער שטייגער איז ביי אַזעלכע געלעגענהייטען. כ׳האָב עס ניט פֿער-דיענט; דען ביז אויף היינטיגען טאָג בין איך ניט געווען קיין אונאייגעננוציגער מענש. אויב איך האָב ניט שטענדיג געשטרעבט צו גרויסע פּראָפֿיטען, איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז אַ שטרעבען נאָך מאַכט, איינפֿלוס און כבוד איז געווען די טרייב-פֿעדער ביי דאָס רוב פֿון מיינע האַנדלונגען.

ר ו מ ע ל (שטילערהייט). וואָס הייסט דאָס!

ב ע ר נ י ק. כ׳וויל זיך פֿינדעסטוועגען ניט מאַכען קיין פֿאָרוואורפֿע דאָ פֿאַר מיינע מיטבירגער אין די אויגען; מחמת נאָך איצט מיין איך, אַז איך קען שטעהן אין דער ערשטער שורה מיט די פּראַקטישע און ניצליכע מענער פֿון אונזער שטאָדט.

פֿ י ע ל ע ש ט י מ ע ן. יאָ, יאָ, יאָ!

ב ע ר נ י ק. אָבער וואָס איך קען זיך אַליין ניט מוחל זיין איז דאָס, וואָס איך בין אָפֿט געווען אַזוי שוואַך צו געהן מיט הינטער-וועגען, מחמת איך האָב גוט געקענט די נייגונג פֿון אונזער געזעלשאַפֿט און דעריבער האָב איך מורא געהאַט, אַז מען קען נאָך געפֿינען אונריינע מאָטיוון אין יעדע זאַך, וואָס אימיצער אונטערנעהמט... און דאָ קום איך אַלזאָ צו דעם ריכטיגען פּונקט.

ר ו מ ע ל (אונרוהיג). הם—הם!

ב ע ר נ י ק. ס׳האָט זיך דאָ פֿערשפּרייט אַ קלאַנג מכח די גרויסע שטיקער ערד, וואָס זיינען אויפֿגעקויפֿט געוואָרען. אָט די שטיקער ערד האָב איך דאָס געקויפֿט, אַלע מיט אַמאָל, איך אַליין.

א ײ נ ג ע ה אַ ל ט ע נ ע ש ט י מ ע ן. וואָס רעדט ער? דער קאָנזול? קאָנזול בערניק?

ב ע ר נ י ק. לעת עתה זיינען זיי ביי מיר אין דער האַנד. נאַטירליך האָב איך אויסגעזאָגט דעם סוד מיינע מיטאַרבייטער, די הערען רומעל, אַלטסטעדט און וויגעלאַנד, און מיר האָבען זיך פֿערגלייכט—

ר ו מ ע ל. ס'איז ניט אמת! בעוויז— בעוויז—!

וו י ג ע ל אַ נ ד. מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט פֿערגדייכט!

אַ ל ט ס ט ע ד ט. אָבער דאָס הייסט אַביסעל—!

ב ע ר נ י ק. גאַנץ ריכטיג,—מיר האָבען זיך נאָך ניט פֿערגלייכט מכח דעם, וואָס איך וויל דאָ זאָגען. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז די דריי הערען וועלען גאָרנישט האָבען דאַגעגען, ווען איך זאָג, אַז איך האָב היינט אָוועגד אָבגעמאַכט ביי מיר, פֿאַרצולייגען דיזע שטיקער ערד צום פֿערקויף פֿאַר אַלעמען; יעדער איינער, ווער עס וויל נור, קען קויפֿען איינע אָדער מעהרערע אַקציעס און האָבען זיין טהייל דעריין.

פֿ י ע ל ע ש ט י מ ע ן. הורראַ! לאַנג רעבען זאָל קאָנזול בערניק!

ר ו מ ע ל (שטילערהייט צו בערניק'ן). אַזאַ נידערטרעכטיגער פֿער-ראַטה—!

אַ ל ט ס ט ע ד ט (דאָסגלייכען). דאָס הייסט אַביסעל אַרומגעפֿיהרט ביי דער נאָז—!

וו י ג ע ל אַ נ ד. אָבער זאָל דאָס דער טייוועל כאַפּען—! אוי וועה, וואָס האָב איך פֿאָרט געזאָגט!

ד ע ר ע ו ל ם (אויף דרויסען). הירראַה, הורראַה, הורראַה!

ב ע ר נ י ק. שטיל, מיינע הערען. כ'האָב קיין שום רעכט ניט אויף דעם כבוד, וואָס איהר גיט מיר דאָ אָב; דען דאָס וואָס איך האָב איצט בעשלאָסען, איז ניט געווען מיין אַבזיכט גלייך אין אָנהויב. מיין אַבזיכט איז געווען, צו האַלטען דאָס גאַנצע פֿאַר מיר אַליין; און איך בין אַצונד נאָך אויך אין דער מייגונג, אַז די דאָזיגע שטיקער ערד קענען אַם בעסטען אויסגענוצט ווערן, ווען זיי זאָלען בלייבען אין איין האַנד. אָבער ביי אייך איז די ברירה, אויב עס איז אייער וואונש, בין איך מוכן ומזומן, זיי צו פֿערוואַלטען ווי געהעריג איז.

ש ט י מ ע ן. יאָ, יאָ, יאָ!

ב ע ר נ י ק. אָבער קודם כל מוזען מיינע מיטבירגער פֿאָלשטענדיג וויסען ווער און וואָס איך בין. דערנאָך זאָל יעדער איינער זיך אַליין אויספּרואוועז, און לאָמיר זעהן, עס זאָלען מקוים ווערן די ווערטער, אַז מיר שטעהען איצט ביים אָנפֿאַנג פֿון אַ נייער צייט. די אַלטע, מיט איהר מאַסקע, מיט איהר צבוע'יאַטסוואָ און פּוסטקייט, מיט איהר ליגנערישער אָנשטענדיגקייט, זאָל בלייבען פֿאַר אונז אַזוי ווי אַ מו-זעאום, אָפֿען פֿאַר יעדען איינעם וואָס וועט וועלען דאָרט עפּעס לער-נען, און אָט דעם מוזעאום וועלען מיר אַוועקשיינקען—ניט אמת, מיינע הערען?—אי דעם קאַפּע-סערוויס, אי דעם בעכער, אי דעם אַלבום, אי דעם בוך איבער פֿאַמיליען-טרייטשאַפֿט אויף קונסט-פּאַפּיר און אין פּראַכטפֿאָלען איינבאַנד.

ר ו מ ע ל. נו יאָ, פֿערשטעהט זיך.

ו ו י ג ע ל אַ נ ד (מורמעלט). אַז איהר האָט אַלע אַנדערע זאַכען צוגענומען, טאָ—

אַ ל ט ס ט ע ד ט. זייט אַזוי גוט.

ב ע ר נ י ק. און אַצונד מוז איך מאַכען דעם סך הכל, די הויפּט אָברעכנונג מיט מיין געזעלשאַפֿט. נאָר וואָס האָט מען דאָ געזאָגט, אַז שלעכטע עלעמענטען האָבען אונז היינט אָוועגד פֿערלאָזען. איך קען נאָך צוגעבען עפּעס, וואָס מען ווייסט נאָך ניט: דער מאַן, פֿון וועמען ס'איז געווען די רייד, איז ניט געפֿאָהרען אַליין... ס'האָט איהם בעגלייט, כדי זיין פֿרוי צו ווערן—

פֿ ר ײ ל י י ן ה ע ס ע ל (אויף'ן קול). דינאַ דאָרף!

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. וואָס!

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק. וואָס רעדסט דו! (גרויסע אויפֿרעגונג צווישען עולם.)

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. אַנטרונען געוואָרען? אַנטלאָפֿען?—מיט איהם! אונמעגליך!

ב ע ר נ י ק. אום זיין פֿרוי צו ווערן, הערר רויצע-פּרעדיגער, כ'האָב נאָך עפּעס מעהר צו זאָגען. (שטיל.) בעטטי, שטאַרק זיך און פֿערטראָג דאָס, וואָס קומט איצט. (אין דער הויך.) כ'זאָג: דעם הוט אַרונטער פֿאַר דעם מאַן! דען ער האָט ווי אַן עדעלמאַן גענומען אויף זיך אַן אַנדערן'ס זינד. מיינע מיטבירגער, כ'וויל מאַכען אַ סוף צום ליגען! ער האָט שוין כמעט פֿערגיפֿטעט יעדע פֿיבער אין מיין האַרצען. איהר זאָלט אַלעס ווייסען. א י ך בין דאָס פֿאַר פֿופֿצעהן יאָהר געווען דער שולדיגער.

מ אַ ד אַ ם ב ע ר נ י ק (שטיל און ציטערנדיג). ריכאַרד!

פֿ ר ײ ל י י ן ב ע ר נ י ק (דאַסגלייכען). אַה, יאָחאַן—!

פ ר ײ ל י י ן ה ע ס ע ל. ענדליך האָסט דו זיך פֿאָרט אַליין צוריקגעפֿונען! (שטיל-שווייגענדע ערשטוינונג צווישען די אָנוועזענדע).

ב ע ר נ י ק. יאָ, מיינע מיטבירגער, א י ך בין געווען דער שולדיגער, און ער איז אַנטלאָפֿען פֿון דערהיים. די רשעות'דיגע און ליגנערישע קלאַנגען, וועלכע האָבען זיך דערנאָך פֿערשפּרייט, איז איצט קיינער ניט בכח אָבצולייקענען. אָבער מיט פֿופֿצעהן יאָהר צוריק האָב איך מיר אויפֿגעהויבען אין דער הויך טאַקי אויף די דאָזיגע קלאַנגען; אויב איך דאַרף איצט צוריק אַרונטערפֿאַלען מיט זיי צוזאַמען—דאָס זאָל יעדער פֿאַר זיך ענטשליסען.

ר אָ ה ר ל אַ נ ד. וואָס פֿאַר אַ דונערשלאַג! דער אַנגעזעהענסטער מאַן אין שטאָדט—! (שטילערהייט צו מאַדאַם בערניק.) אָה, ווי איך בעדויער אייך, מאַדאַם בערניק!

הילמאר. אזא מין מודה זיין זיך! נא, דאס הייסט אביסעל—!

בערניק. אבער קיין אורטהייל, קיין ענטשיידונג היינט אוועגד! כ׳בעט אייך, געהט אהיים—זייט זיך גוט מישב מיט זיך אליין—זאל יעדער איינער ארייגקוקען אינעווייניג ביי זיך אין הארצען. אז די גע-מיטהער וועלען זיך בערוהיגען, דאן וועט זיך ארויסצייגען, צי איך האב דורך דעם פערלארען אדער געוואונען וואס עס איז. גוטע נאכט! איך האב נאך פיעל, זעהר פיעל, אויף וואס איך מוז חרטה האבען; אבער דאס האט בלויז צו טהאן מיט מיין אייגענעם געוויסען. גוטע נאכט! אוועק מיט אט דעם גאנצען פאראד! מיר אלע פיהלען, אז ניט דא איז דער פלאץ דערצו!

ראהרלאנד. נו, געוויס ניט. (אן א זייט צו מאדאם בערניק.) אנטלאפען! זי איז מיר אלזא פארט ניט ווערטה געווען. (מיט א נידעריגען קול צו דעם פעסט-קאמיטע.) יא, מיינע הערן, נאך דעם וואס האט דא פאסירט, מיין איך, עס וועט זיין דאס בעסטע, מיר זאלען שטילערהייט אוועק פון דאנעט.

הילמאר. ווי אזוי מען קען, נאך דעם אלעם, דא הויך-האלטען די גייסטיגע פאהן, אסור מיר, צי איך ווייס... אוף, אוף!

די נייעס האט זיך דערוויול שושקענדיג פערשפרייט פון מויל צו מויל. דער גאנצער עולם געהט ארויס פון גארטען. רומעל, אלטסטעדט און וויגעלאנד געהן אוועק, פיהרענדיג א הייסען וכוח אין דער שטיל. הילמאר גנב׳עט זיך ארויס פון רעכטס, שטום בלייבען אין סאלאן בערניק, זיין פרוי, פריילין בערניק, פריילין העסעל און קראפ.

בערניק. בעטטי, קענסט מיר מוחל זיין?

מאדאם בערניק (קוקט איהם אן מיט א שמייכעל). דו ווייסט, ריכארד, דו האסט מיר אצונד געגעבען די בעסטע האפנונג פאר די צוקונפט.

בערניק. מיט וואס?

מאדאם בערניק. יאהרען לאנג האב איך געמיינט, אז איך האב דיך אמאל געהאט און דערנאך ווידער פערלארען. איצט ווייס איך, אז איך האב דיך קיינמאל ניט געהאט; אבער אצונד זאלסט דו ווערן מיינער!

בערניק (אומארמט זי). אה בעטטי, כ׳בין שוין דיינער. דורך לאנא׳ן האב איך דיך ערשט ריכטיג דערקענט. אבער אצונד זאל אלאף אהערקומען.

מאדאם בערניק. יא, אצונד זאלסט דו איהם האבען.— הערר קראפ!— (זי רעדט עפעס מיט איהם שטילערהייט אין הינטערגרונד.

ער געהט אַרויס דורך דער גאַרטען-טהיר.— ביסלעכווייז ווערן אַלע טראַנספּאַראַנטען און ליכט פּערלאָשען אין הויז.)

בערניק (מיט אַ ווייכען טאָן). אַ דאַנק, לאָנאַ, דו האָסט דאָס בעסטע אין מיר—און פאַר מיר געךעטעט.

פּריילײַן העסעל. וואָס בין איך דען אַנדערש אויסען געווען?

בערניק. יאָ, וואָס—וואָס דו ביסט אויסען געווען? כ׳קען ניט קלוג ווערן דעריבער.

פּריילײַן העסעל. הם—

בערניק. ס׳איז אַלזאָ ניט געווען פון שנאה? ניט קיין נקמה? נאָך וואָס דען ביסט דו געקומען אַהער?

לאָנאַ. אַלטע ליעבע ראָסט ניט.

בערניק. לאָנאַ!

פּריילײַן העסעל. אַז יאָהאַן האָט מיר דערצעהלט וואָס צווישען אייך איז פאָרגעקומען, האָב איך גענומען אויף זיך אַ שבועה: דער העלד פון מיין יוגענד זאָל ווערן פּריי און וואָהר!

בערניק. אָה, ווי ווייניג האָב איך, מיזעראַבלער מענש, דאָס פּערדיענט פון דיר!

פּריילײַן העסעל. יאָ, ווען מיר פרויען וואָלטען תמיד גע-פּרעגט נאָך׳ן פּערדיענסט, ריכאַרד—!

אַולער קומט אַריין מיט אָלאַף׳ן פון גאַרטען.

בערניק (איהם אַנטקעגען געהענדיג). אָלאַף!

אָלאַף. פּאָטער, כ׳זאָג דיר צו, כ׳וועל שוין מעהר קיינמאָל ניט—

בערניק. אַנטלויפען?

אָלאַף. יאָ, יאָ, כ׳פּערשפּרעך עס דיר, פּאָטער!

בערניק. און איך פּערשפּרעך דיר, אַז דו וועסט ניט האָבען קיין אורזאַכע צו וועלען אַנטלויפען. פון איצט אָן זאָלסט דו אויפּ-וואַקסען ניט אַלס דער יורש פון מיין לעבענס-אויפגאַבע, נאָר ווי אַ יונגער מענש, וואָס מוז זיך אַליין אויסזוכען זיין אייגענע אויפגאַבע אין לעבען.

אָלאַף. און איך קען, הייסט עס, ווערן דאָס, וואָס איך וויל?

בערניק. יאָ, דאָס וואָס דיין האַרץ גלוסט.

אָלאַף. כ׳דאַנק דיר, פּאָטער... טאָ הער אַלזאָ—אַ שטיצע פון דער געזעלשאַפט וועל איך ניט זיין.

בערניק. אַה! פאַרוואָס דען ניט?

אָלאַף. אָה... כ׳מיין עס מוז זיין אַזוי לאַנגווייליג!

בערניק. דו זאָלסט זיין אַ בראַווער יונג, אָלאַף; איבעריגענס, ווי גאָט וועט וועלען.— און איהר, אולער—

אַולער. כ׳ווייס עס, הערר קאָנזול, איך בין ענטזאַגט.

בערניק. מיר בלייבען צוזאַמען, אַולער; און פֿערצייהט מיר—

אַולער. וואָס—? אָבער דאָס שיף פֿאָהרט דאָך ניט אָב היינט אָוועגד.

בערניק. מאָרגען אויך ניט. כ׳האָב אייך געגעבען צו ווייניג צייט. עס מוז גוט פֿערריכט ווערן.

אַולער. עס זאָל געשעהן, הערר קאָנזול,—און מיט די נייע מאַשינען!

בערניק. אַזוי איז ריכטיג, אַולער. אָבער גרינדליך און עהרליך. פֿאַרהאַן פֿיעלעס ביי אונז, וואָס מוז פֿערריכט ווערן ווי געהעריג איז. אַלזאָ גוטע נאַכט, אַולער.

אַולער. גוטע נאַכט, הערר קאָנזול;—און אַ דאַנק, דאַנק, דאַנק אייך! (רעבטם אָב.)

פֿרייליין העסעל. נו, זיינען אַלזאָ אַלע שוין אַוועק.

בערניק. און מיר זיינען אַליין. מיין נאָמען שיינט שוין ניט מעהר אין פֿייערדיגע ווערטער; אַלע ליכט אין די פֿענסטער זיינען פֿ ערלאָשען.

פֿרייליין העסעל. וואָלסט געוואָלט, זיי זאָלען ווידער אָנגעצונדען ווערן?

בערניק. אויף קיין פֿאַל ניט! וואו בין איך דאָס געוועזען אין דער וועלט? איהר וואָלט געשווידערט, ווען איהר ווייסט עס. איצט דאַכט זיך מיר עפּעס, אַזוי ווי איך וואָלט נאָך אַ פֿערגיפֿטונג צוריק אָבגעמינטעדט און געגעזען געוואָרען, אָבער איך פֿיהל עס,—איך קען ווידער יונג און געזונד ווערן. אָה, קומט אַקאָרשט צו נעהנטער אַהער—שליסט זיך צו צו מיר! קום אַהער, בעטטי! קום אַהער, אָלאַף, מיין זוהן! און דו, מאַרטהאַ,—עפּעס ווייזט מיר אויס, אַזוי ווי איך וואָלט דיך אין אָט די אַלע יאָהרען גאָר ניט בעמערקט!

פֿרייליין העסעל. גיין, פֿערשטעהט זיך, אַז ניט; אייער געזעלשאַפֿט איז אַ געזעלשאַפֿט פֿון בחור׳ישע נשמות; די פֿרוי בעמערקט איהר ניט.

בערניק. ריכטיג, ריכטיג; און טאַקי דערפֿאַר,—יאָ, דאָס איז אָבגעמאַכט, לאָנאַ,—דו בלייבסט אימער ביי בעטטי׳ן און מיר!

מאַדאַם בערניק. יאָ, לאָנאַ, ביי אונז!

פֿרייליין העסעל. נאַ, ווי וואָלט איך דאָס גאָר געקענט פועל׳ן ביי מיר, אייך צו פֿערלאָזען, אייך יונגע לייט, וואָס איהר האָט זיך אָקאָרשט ערשט געפֿונען! בין איך דען ניט אַ ניאַנקע? איך און דו, מאַרטהאַ, מירביידע אַלטע מוהמעס — — וואָס קוקסט דו אַזוי אַרויס אויף דרויסען?

פֿרייליין בערניק. וואָס פֿאַר אַ שעהנער הימעל עס ווערט! ווי ליכטיג עס ווערט אויף׳ן ים! דער „טייטעלבוים״ האָט גליק.

פֿרײלײן העסעל. יאָ, מיט'ן גליק אויף זיך.

בערניק. און מיר—מיר האָבען אַ לאַנגען ערנסטען אַרבייטס-טאָג צו ערוואַרטען; דער עיקר איך. אָבער זאָל ער נור קומען; קומט אַקאָרשט צו נעהנטער צו מיר, איהר אמת'ע און געטרייע פֿרויען! אויך דאָס האָב איך די טעג געלערנט: די פֿרויען זיינען די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט!

פֿרײלײן העסעל. טאָ האָסט דו אַ קנאַפּע חכמה געלערנט, שוואָגער. (לייגט איהם אַרויף די האַנד פֿעסט אויף'ן אַקסעל.) ניין... פֿרייהייט און וואַהרהייט—דאָס זיינען די שטיצען פֿון דער געזעלשאַפֿט!

— ענדע —